STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00148

# VANDERVEG

## Moishe Melamed

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Reba F. & Daniel S. Malamed*
*in memory of*
*Moishe Melamed*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מלמד

# וואנדערוועג

אַרויסגעגעבן פון מ. מלמד בוך קאָמיטעט

פילאדעלפיע-דזשוירזי האָמסטעדס

1944

*(Copyright by M. Melamed, 1944)*

# וואנדערוועג



פֿאָרערבלאט געצייכנט פֿון מאָטל ווייס

פֿאָטאָ, פֿון סאַראָני

געזעצט און געדרוקט

אין דער נאוועלטי פּרינטינג, פֿילא., פּא.

# מיין דאנק

צו דער גענעראל עקזעקוטיווע פון דעם אידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער פארבאנד, נויאָרק; צו די איבערגעבענע חברים פון ברענטש 144, דזשוירזי האָמסטעדס, ניו דזשוירזי, צו משפחה און צו די נאָענטע חברים און פריינט פון דער יהודה שטיינבערג פאָלקשול, ווינפילד, פילאדעלפיע; צו די חברים אין עסבורי פארק, ניו דזשוירזי, און צו די צענדליקער פריינט איבער'ן לאַנד, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פון מיין בוך.

מ. מלמד

# אינהאלט:

★

## אמאָל איז געווען


די באשקע ........ 13
א מת אין פּאָליש ........ 117
גרויע האָר ........ 123
דער טרעפּער ........ 130
די שווארצע קאַץ ........ 136
שכר מצוה ........ 143


## נייע היים


דער וועכטער ........ 153
די אַלטע דבורה ........ 158
דאָס ביכל מיט די רויטע טאוולן ........ 164
די לויה פון בער בערינגטאָן ........ 170
דריי מעשיות ........ 180
דער וואָס פאלט ........ 189


## ערד


באָב אין שטאט און באָב אין דאָרף ........ 199
אָן וואסער ........ 207
צוויי פערד ........ 214
דער לעצטער פריינט ........ 219
באַם פרעמדן פייער ........ 227

# אמאָל איז געווען

ניט צו פאַרגעסן די הייליקע נשמות פון די וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש השם אין מיין היים-שטעטל אונגען, בעסאראביע, אין צווייטן וועלטקריג.

# די באשקע

(דעם זיידנס קעלערשטוב)

מריס'ן

# א.

די באָשקע — דאָס איז די גרויסע, ערדענע קעלער־שטוב, וואו דריי דורות זיינען געבוירן געוואָרן, זיך אויפגעצויגן און גרויס געוואָרן.

גרויס געוואָרן — און צעשפרייט זיך איבער גאָר דער וועלט.

* * *

דער זיידע רב שלמה איז געווען דער ערשטער וואָס האָט די באָשקע געקראָגן פון דער עדה אידן פון אונדזער שטעטל, ווען זיי האָבן אים געמאַכט פאַר שמש פון דער גרויסער שול; די באָשקע געפינט זיך טאַקע אונטער דער דאָזיקער שול.

דערנאָך, אַז דער זיידע איז געשטאָרבן, איז די שמשות איבערגעגאַנגען בחזקה צום טאַטן, רב חייקל; האָט ער שוין דערמיט גע'ירשענט די באָשקע אויך.

נאָך שפּעטער, ווען דער טאַטע רב חייקל האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן, איז די שול מיט דער באָשקע איבערגעגאַנגען, בחזקה און בירושה, צום פעטער אַלטער, און ער וואוינט אין דער דאָזיקער גרויסער, ערדענער קעלער־שטוב עד היום הזה.

* * *

צום אָנהויב איז די באָשקע באַשטאַנען פון צוויי חדרים: איינער אַ גרעסערער, דער צווייטער — אַ קלענערער. דער ערשטער חדר, דער גרעסערער, האָט געדינט פאַר אַלערליי זאַכן: בייטאָג איז דאָרט געווען די עס־שטוב און דער זאַמל־פּלאַץ פאַר דעם זיידנ'ס אַלע קינדער און אייניקלעך; באַנאַכט איז דאָרט געווען דאָס שלאָפצימער פון דעם זיידן מיט דער באָבן, זאָלן זיך מיען און זיין גוטע בעטערס פאַר אונדז. אין דעם ווייטסטן ווינקל פון דעם דאָזיקן חדר איז געשטאַנען דער באָבע'ס ברייט און הויך בעט, געמאַכט פון שוואַרץ־געשניצטן האָלץ, און אָנגע־בעט מיט אסך קישנס, איבערבעטן און קאָלדרעס. דאָרט פלעגט שלאָפן די באָבע מיט די צוויי גרויסע מוידן, חייקע און נחמה. ביי דער רובע איז געשטאַנען דעם זיידנ'ס קאַנאַפּע. דאָרט פלעגט דער זיידע שלאָפן באַנאַכט און זיך צוליגן דרעמלען באַטאָג, נאָכ'ן

עסן. דערהויפּט פלעגט ער ליב האָבן צו ליגן ביי דער רובע ווינטערצייט, אויפדעקן דאָס אלטע, מאגערע לייב און דאָס רייבן אויף דער הייסער רובע־וואנט; די רובע פלעגט טאקע אלע מאָל גלאַנצן פון דער דאָזיקער רייבעניש, און דעם זיידנ׳ס פּלייצע איז אלע מאָל געווען בלוילעך־גרוי פונ׳ם קאלך, אזוי ווי אָנגעפּודערט...

שבת, נאָכדעם ווי דער זיידע איז אויפגעשטאַנען פון דעם שבת׳דיקן נאָכן־עסן שלאָף און פלעגט ארויפגיין אין שול אריין צו מנחה, פלעגט דער דאָזיקער גרויסער חדר תיכף ומיד פאַר־וואנדלט ווערן אין א טאַנץ־זאַל. דער גרויסער טיש איז אָפּגע־רוקט געוואָרן אָן א זייט, די ביינקלעך אויסגעשטעלט ביי די ווענט, און דער יונגער עולם, מיידלעך און אינגלעך, פלעגט זיך נעמען צום טאַנצן.

אין יענער צייט זיינען די צוויי טעכטער, נחמה און חייקע, נאָך געווען ניט קיין אויסגעגעבענע, און דער אינגסטער זון, זייליק, איז געווען א יונג א ברען, מיט שווארצע האָר און מיט גרוי־ביטרע אויגן. זייליק איז געווען א קאוואליר ערשטע קלאַס, און זיין טאַנצן „פּאָלקע־מאַזורקע" האָט גע׳שם׳ט ווייט איבער׳ן שטעטל. צוליב אים פלעגן שבת קומען אין באשקע אריין די פּריקאַשטשיקעס פון שטעטל, אויסגעפּוצט אין זייערע שבת׳דיקע קאסטיומען, די האָר פארקעמט און באשפּריצט מיט פּארפיום און די שיך — גלאַנצנדיקע און שיינענדיקע. צוליב דעם זיידנ׳ס צוויי טעכטער פלעגן קומען אין באשקע אריין זייערע חבר׳טעס, מיידלעך־נייטערקעס, און מיידלעך וואָס דינען אין פרעמדע הייזער. זייליק איז געווען דער טאַנץ־מייסטער, ער פלעגט אויס־שטעלן די בעסטע טענץ, די שענסטע קאדרילן און די גרעסטע רונדא׳ס. אז מען האָט אָפּגעטאַנצט מיט זייליקן עטליכע שבתים צייט, האָט מען שוין אויף דער שענסטער חתונה ניט געקענט פארשעמט ווערן.

אָט פאַר דעם אלעמען, און פאַר נאָך אנדערע זאכן, האָט געדינט דער ערשטער, גרעסערער חדר פון דער באשקע. דער צווייטער חדר איז געווען א קלענערער, מיט איין פענסטער וואָס איז געווען האלב איינגעגראָבן אין דער ערד, און מיט ווענט פייכטע און בייכיקע, וואָס ס׳האָט זיך אויסגעוויזן אז אָט־אָט, פאלן זיי איין אויף דיר. ווינטער־צייט, ווען די באשקע פלעגט זיין האלב

פארשאָטן מיט שניי און אינוועניק האָט די רובע געפּלאָמט און נעגליט, האָבן די ווענט געשוויצט און אַרויסגעגעבן פון זיך אַ מאָדנע שווערן ריח — אין דעם דאָזיקן אַלקיר, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון דעם גרעסערן חדר דורך דער רובע און דורך אַ דין־הילצערן ווענטל מיט צוויי קליינע טירלעך וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט געוואָלט צומאַכן, איז אין איין עק געשטאַנען אַ ברייט בעט און אַ קליין וויגעלע פאַר׳ן יונגן פּאָר־פאָלק און פאַר׳ן זויג־קינד, און אין דעם צווייטן עק, וואָס איז אויסגעקומען פונקט אונטער דער שול, איז געשטאַנען אַ גרויסער אויוון, וואָס אויפ׳ן אויוון אַליין האָבן געקענט שלאָפן גאַנץ באַוועם אַ דריי־פיר קינדערלעך.

אַלע מאָל איז ביים זיידן אין אַלקיר געווען אַ יונג פּאָר־פאָלק מיט אַ זויג־קינד. אין יענער צייט איז עס געווען דער טאַטע רב חייקל, וואָס האָט געהאַט פאַר אַ ווייב דעם זיידנ׳ס מיטלסטע טאָכטער, דינה.

* * *

אַ חוץ די דאָזיקע צוויי חדרים האָט די באַשקע נאָך געהאַט אַ פיר-הויז. אין דעם דאָזיקן פיר־הויז זיינען געווען צען ברייטע, פון ערד אויסגעגראָבענע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט פון דער גאַס אַרונטער אין דער באַשקע אַריין. די ערד איז געווען שוואַרץ און ברעקלדיק, און אַלע מאָל ווען אימיצער איז איבער זיי גע־גאַנגען, אַרויף צו אַראָפּ, האָבן זיך שטיקלעך ערד אָפּגעברעקלט און צעריבן אויף שטויב. אין איין ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויסע, טיפע פאַס פאַר וואַסער און אין צווייטן ווינקל איז גע־שטאַנען אַ גרויסע שטיין פאַר היגער און קאַטשקעס, וואָס די באָבע פלעגט האָדעווען. העכער אַביסל, אויפ׳ן דריטן צי אויפ׳ן פערטן טרעפּ, איז געווען אַ ברייטער פייער-פּלאַץ, וואו די באָבע פלעגט קאָכן זומער־צייט, און אויבן, ביים העכסטן טרעפּ, איז געווען די ברייטע, שווערע, הילצערנע טיר מיט גרויסע שפּאַלטן צווישן איין ברעט און דער אַנדער׳ער, וואָס האָט געפירט אויפ׳ן הויף. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, פון אינווייניק, מיט אַ גרויסן קייטל, נאָר אַז מען האָט זיך אַביסל געקליגט, האָט מען עס געקענט אָפּקייטלען פון דרויסן אויך.

אַרום דער באַשקע און אַרום דער שול איז געווען אַ גרוי־סער, אָפענער הויף. דאָרט איז געווען אַ קאַמער פאַר האָלץ און

פאר שפענער, און א פלאץ פאר א סוכה צו מאכן אלע יאר. ווען דער איינגסטער איידים, חייקל, האט זיך באזעצט אין באשקע, ביים זיידן, האט ער זיך, די ערשטע זאך, גענומען צו דעם דאזיקן הויף, צו מאכן פון אים, ווי ער האט עס גערופן, „א לייט."

חייקל איז געווען יונג און הויך און שלאנק און שיין. ער האט געהאט א ברייטע פלייצע און בלויע, גוטע אויגן. דערצו איז ער געווען פלינק און רירעוודיק און האט געהאט א פאר שטארקע, געזונטע הענט צו דער מלאכה — א סטאליער איז ער געווען; און דעריבער האט ער אזוי שטארק נושא־חן געווען ביים זיידן רב שלמה, וועלכער איז אויך, כל ימיו, געווען א סטאליער.

אודאי אזוי. פון דער שמשות אליין האט דער זיידע קיין לעבן ניט געקענט מאכן, און פון יענע פארדינסטן האט ער די טעכטער ניט געקענט חתונה מאכן. דער עיקר איז דער זיידע טאקע געווען א סטאליער. אין יענער צייט האט דאס שטעטל אונדזערס געהאלטן ערשט אין אויפבויען זיך, און דער זיידע האט אנגענומען גרויסע פאדריאדן, אי בא אידן, אי בא גוים, און בא די פריצים ארום שטעטל. „שליאמקע" איז געווען א גוטער בעל־מלאכה.

האט דער זיידע רב שלמה אין יענער צייט אראפגעבראכט צו זיך פאר אן ארבעטער — חייקלן. און חייקל, ער איז דעמאלט אלט געווען א יאר צוויי אדער דריי און צוואנציק, האט שטארק אויסגענומען ביים זיידן מיט זיינע גרויסע מעלות, ווי שוין פריער דערמאנט, און ער האט אים געמאכט פאר דעם ערשטן ארבעטער אין זיין סטאליארניע, און שפעטער אביסל האט ער אים געגעבן זיין מיטלסטע טאכטער, דינה, פאר א ווייב. דעם זיידנ'ס ערשטע טאכטער, עלקי, איז, ניט דא געדאכט, געשטארבן יונגערהייט, און האט איבערגעלאזט צוויי יתומים, אייזדל און מאטל.

אז חייקל איז געווארן א חתן פאר דינה'ן, — זי איז דעמאלט געווען פופצן יאר, צי זעכצן, און איז געווען שיין און קינדעריש און נאאיוו — האט ער באלד אנגעהויבן צו עסן קעסט ביי דער באבע, פרומע־רחל האט זי געהייסן, אין באשקע. דער באבע'ס שטוב איז תמיד געווען פארזארגט מיט אלעם גוטן, נאר זי איז געווען אביסעלע, זאל זי אונדז מוחל זיין, א קארגלעכע, און פלעגט צומאל האלטן פארשלאסן אפילו דאס ברויט. אז

ארבעטער האָט פיינט אַזעלכע זאַכן. דערהויפּט האָט חייקל זיך געהאַלטן פאַר א חשוב, און ביים זיידן איז ער דאָך טאַקע געווען א חשוב. היינט איז ער דאָך געווען דינה'לעס חתן, און צו דעם אַלעמען האָט ער נאָך ליב געהאַט צו עסן שמאַלץ מיט ברויט. הינערן־שמאַלץ אָדער גענדזן־שמאַלץ, אבי שמאַלץ.

אין פירהויז, אין א גרויסן, רויט־געפאַרבטן אַלמער, האָט די באָבע אַלעמאָל געהאַט צו שטיין א צוויי־דריי טעפּ מיט שמאַלץ, און אַז חייקל פלעגט זיך באַטאָג ארייַנכאַפּן אין שטוב, האָט ער זיך גלייך גענומען עסן שמאַלץ מיט ברויט. ער איז געווען א גרויסער נאַשער אויף די דאָזיקע זאַכן. האָט ער אָבער געזען, אַז די באָבע קוקט קרום אויף דעם, כאָטש זאָגן האָט זי אים גאָרניט געזאָגט, ווארים ווי זאָגט מען דאָס אַזא זאַך א חתן, וואָס דאַרף באַלד ווערן אַן איידים . . .

האָט זיך חייקל באַרעכנט: וואָס דאַרף ער עסן בגנבה שמאַלץ מיט ברויט און די מחותנת'טע זאָל קוקן קרום אויף אים, בעסער וועט ער אָפּקויפן בא איר א טאָפּ שמאַלץ, — וויפיל קען עס איינגאַנצן קאָסטן? — און ער וועט עסן זיין אייגן שמאַלץ . . . האָט ער איינמאָל מיט דער באָבן געמאַכט אַזא שמועס:

— וויפיל, מחותנת'טע לעבן, קאָסט אייך א טאָפּ שמאַלץ?

קוקט זי אים אָן פאַרוואונדערט:

— וואָס גייט עס דיך אָן, וואָס?

— אַזוי — לאַכט חייקל — איך וויל וויסן.

קוועטשט די באָבע מיט די אַקסלען און זאָגט:

— א טאָפּ שמאַלץ קאָסט אודאי פיר גילדן.

— קויף איך ביי אייך א טאָפּ שמאַלץ, מחותנת'טע, — זאָגט חייקל און נעמט אַרויס געלט צו באַצאָלן.

קוקט די באָבע אויף אים מיט גרויסע אויגן און מיינט, אַז ער איז חלילה משוגע געוואָרן, אָדער וואָס.

— איך מיין עס טאַקע באמת — זאָגט חייקל — איך וויל מיר האָבן מיין אייגענעם טאָפּ מיט שמאַלץ און עסן ווען מיר ווילט זיך . . .

— ניי, ביזט א נאַר! — ווערט די באָבע ברוגז און באַליידיקט זיך.

פונדעסטוועגן האָט זי זיך דערנאָך געלאָזט איבערבעטן און

איז מושוה געוואָרן מיט חייקלן פאַר א טאָפּ שמאַלץ און דעמאָלט האָט שוין חייקל באַטאָג און באַנאַכט געגעסן גרויסע רייפטן ברויט מיט שמאַלץ, אָפּן און פריי, און ניט געהיט זיך פאַר קיינעם.

נאָר מאָרגנע, זיין טאָפּ מיט שמאַלץ איז אַלע מאָל געווען פול און אין דער באָבעס טעפּ איז אַלע מאָל געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער . . .

## ב.

דאַכט זיך געווען א פּשוט׳ער איד, דער זיידע, גערופן האָט מען אים שלמה ליטוואַק, נאָר געשעפטן האָט ער געפירט גרויסע. דאָס הייסט, די מסחרים זיינע זיינען אפשר ניט געווען אַזוי גרויס אין געלט, און נתעשר איז ער פון זיי קיינמאָל ניט געוואָרן, נאָר דער טאַראַראַם פון די געשעפטן איז געווען א גרויסער, און דעריבער איז דער זיידע אין זיינע אינגערע יאָרן, געווען א זייער פאַרנומענער מענטש.

חוץ דעם וואָס ער איז געווען שמש פון דער גרויסער שול, וואָס דאָס אַליין האָט אויך אַריינגעבראַכט שיין פּרנסה אין יענע יאָרן; און חוץ דעם וואָס ער האָט נאָך געפירט א גרויסע סטאָליאַרנע, האָט ער נאָך אויך געהאַלטן דעם „פּאַדראַד" פון דער אייזנבאַן ליניע.

וואָס איז דאָס געווען פאַר א פּאַדראַד? — א פּאַדראַד פון גלעזעריי, פון אַריינשטעלן שויבן וואו מען דאַרף, איבער דער גאַנצער לענג פון דער אייזנבאַן ליניע ביז דער גרויסער שטאָט קעשינעוו, וואָס געפינט זיך אין בעסאַראַביע.

דאָס געשעפט פון אַריינשטעלן שויבן אין אַלע געביידעס וואָס געפינען זיך אויף דער גאַנצער ליניע, איז אַליין געווען א היבש געשעפט און ס׳האָט זיך געפאָדערט צו דעם א סך אַרבעט און טעלעכע מענטשן. נאָר דער זיידע האָט זיך ווייניק וואָס אָפּגעגעבן מיט דער דאָזיקער מלאכה. דער עיקר האָט ער דעם „פּאַדראַד" געהאַלטן צוליב דעם פרייען יאָר־בילעט וואָס ער האָט געהאַט אויף דער גאַנצער אייזנבאַן ליניע.

פאַרן פונ׳ם שטעטל קיין קעשינעוו איז געווען א גרויסע זאַך; אַלע אידן האָבן געהאַנדלט מיט יענער שטאָט און באַצויגן פון דאָרט אַלערליי סחורות. פלעגט דער זיידע פאָרן אַהין יעדן טאָג.

אין דער פרי פלעגט ער אוועקפאָרן, און אין אָוונט פלעגט ער צוריקקומען. צוריקקומנדיק, פלעגט ער ברייגנען מיט זיך א סך פעק און פעקלעך פאר די קרעמער. אין די פעקלעך איז געווען זאלץ און צוקער און מעל און רייז און פאסאָליעס. אפילו זעק גאנצע מיט ציבעלעס פלעגט ער אויך פירן מיט זיך פון דער גרויסער שטאָט.

פלעגט שוין פארנאכט ווארטן אויף אים א גרויסער וואָגן באם וואקזאל. אויפ'ן וואָגן האָט מען ארויפגעלייגט אלע פעק־לעך און זיי צעפירט וואוהין נויטיק איז. ווייסע־חברה'ניקעס פלעגן שוין ווארטן אויף דער מינוט, ווען דער זיידע וועט אָנקומען. דער זיידע פלעגט ברייגנען בריוו אויך. פלעגן די אינגלעך צע־כאפן די בריוו, פונאנדערטראָגן זיי נאָך די אדרעסן, און באקומען דערפאר ווי פון וועמען, צוויי קאָפיקעס, דריי קאָפּיקעס, און אמאָל גאנצע פינף.

צוליב דעם דאָזיקן פאָרעניש יעדן טאָג מיט דער באן, איז באם זיידן אין דער „באשקע" געווען גאנץ טומלדיק יעדן פרימאָרגן, ווען דער זיידע האָט געדארפט אוועקפאָרן, און יעדן פארנאכט, ווען ער איז צוריקגעקומען. אין דער פרי זיינען געקומען מענטשן, קליינע קרעמערלעך, און מיטגעגעבן דעם זיידן געלט צו ברייגנען זיי וואָס נויטיק זיי האָבן געהאט, און אין אָוונט זיינען זיי ווידער געקומען, אָפּצונעמען דאָס געבראכטע און חשבונ'ען זיך מיט'ן זיידן. דער זיידע איז שוין דעמאָלט געזעסן אויבן־אָן, באם גרויסן טיש, מיט א צעשפּילעט העמד, פון אויבן — א טלית־קטן, אויפ'ן קאָפּ — א שפּיציקע יארמעלקע, און אויף דער נאָז — די ברילן. פאר אים, אויפ'ן טיש, איז פון איין זייט געשטאנען זיין טאבאק־פושקע מיט דעם קעסטל שוועבעלעך פון אויבן, און פון דער צווייטער זייט — דאָס אָפענע קליינע ביכעלע זיינס, אין וועלכן עס זיינען געווען פארשריבן אלע זיינע גרויסע און קליינע מסחרים. דער זיידע האָט געהאט א טבע, ניט צו כעס'ן און ניט צו היצן זיך, און אויב עפּעס האָט ניט געשטימט צום חשבון, און א איד פלעגט זיך בייזערן און קאָכן זיך, האָט עס דעם זיידן ניט געארט. ער איז זיך געזעסן קאלטבלוטיק, געפּיפּקעט די ליולקע און געענטפערט איין וואָרט איבער צען.

שפּעטער, אז דער עולם איז זיך פונאנדערגעגאנגען און אין

שטוב איז שטילער געוואָרן, פלעגט דער זיידע ארויסגעבן אַ באַפעל צו גרייטן צום טיש. פלעגט זיך פון אלקיר ארויסרוקן די באָבע מיטביידע טעכטער — מיידלעך, חייקע און נחמה, און נעמען זיך פאַרן ארום טיש און ארום אויוון. באם טיש פלעגן זיך אויסזעצן אַלע קינדער, און אויבן, לעבן זיידנ׳ס רעכטער האַנט, איז געזעסן דאָס יונגע פּאָר פאָלק, וואָס איז דעמאָלט געווען באם זיידן אויף קעסט — די אויסגעגעבענע טאָכטער דינה, און איר מאַן, חייקל, וואָס אין יענער צייט איז ער שוין געווען אַ שותף צום זיידנ׳ס מסחרים און דער מייסטער פון דער סטאָליארנע. ביים טיש פלעגט זיצן דינה מיט׳ן זויג־קינד אויף די הענט, און עס האָדעווען מיט צוויבאַק און זיסע וואַסער, און חייקל פלעגט איבער־געבן דעם זיידן אַלץ וואָס ס׳טוט זיך ביי דער ארבעט.

די באבע פלעגט דערלאַנגען צום טיש די גרויסע פאַר־צעלייענע שיסל, וואָס אמאָל איז זי געווען אָנגעפילט מיט אַ צוגעברוינטער, רעטשענער קאשע; אמאָל מיט אַ באַרשט פון רויטע בוריקעס און אמאָל מיט אַ ראָסל־פלייש. דער זיידע איז געווען אַ שטרענגער, און קוקן פלעגט ער מיט די גרויע אויגן פון אונטער די גרויסע ברעמען זיינע, און ביז ער האָט ניט געגעבן דעם רעכטן „קוק,״ האָט קיינער ניט געוואַגט אויפצוהייבן דעם לעפל און אריינלייגן אין שיסל. אפילו ניט חייקל, וואָס ער איז געווען בא אים אַ גאַנצער חשוב.

געגעסן האָבן אַלע פון איין שיסל. אַלע האָבן געקלונגען מיט די לעפל און צומאָל זיך פאַרפלאָנטערט. אויף די אינגערע קינדער פלעגט דער זיידע זיך בייזערן, אָנשרייען צומאָל, לערנען זיי ווי מען דאַרף עסן, אַז כאַפּן איז ניט שיין, אַז מען דאַרף אין זינען האָבן, אַז דער אַנדערער דאַרף אויך עסן. אַז מען דאַרף ניט האַלטן ביידע הענט אויפ׳ן טיש, און אַז האַלטן אין דער לינקער האַנט אַ שטיק ברויט, איז ניט שיין. . דערביי פלעגט דער זיידע באַווייזן ווי אַזוי מען באַדאַרף עסן ביים טיש, צווישן גרויסע מענטשן. אָט אַזוי: אָנגענומען אַ לעפל זופ, צוגעטראָגן צום מויל, אראָפּגעשלונגען. אוועקגעלייגט דעם לעפל אויפ׳ן טיש, מיט דער רונדער זייט אַרויף. אָפּגעווישט דאָס מויל, צוגעביסן אַ שטיקל ברויט, אוועקגעלייגט דאָס איבריקע צוריק אויפ׳ן טיש, און דערנאָך — אַ צווייטן לעפל, און אַזוי ווייטער, ביז דאָס עסן

ענדיקט זיך. דער זיידע האָט געוואוסט „הלכות עטיקעט.” ער האָט עס געלערנט פון זיין טאטן. און זיי, די קינדער, האָבן גע־דארפט זיך לערנען פונ׳ם זיידן די דאָזיקע תורה, און דאָס איבער־געבן צו זייערע קינדער — נאָר היינטיקע קינדער, מ׳שטיינס גע־זאָגט, זיי ווילן דען גיין אין די דרכים פון זייערע עלטערן . . . זיי האָבן זיך זייערע אייגענע וועגן און זאָגן אַז זיי וויסן בעסער . . .

* * *

איז, הייסט עס, חייקל, דער יונגער אידים, געווען דער גאַנצער באַלעבאָס איבער דעם זיידנ׳ס אַרבעטער אין דער סטאָ־ליאַרנע, און ער האָט עס אויסגעאַרבעט מיט זיינע אייגענע הענט די אַלע טירן און פענצטער, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן צו די נייע הייזער. חייקל איז געווען אַ גוטער בעל מלאכה, אַ וואוילער מענטש און יונג און לוסטיק דערצו. אָט ער אָנגעהויבן איינזען, אַז זיין בסדר לעבען זיידן, איז דוקא ניט אַזאַ גרויסער פּלאַן. בטבע איז ער געווען אַ גוטער, האָט ער אַלץ נאָכגעגעבן דעם זיידן. דער שווער זאָל לעבן וויל אַזוי. זאָל זיין אַזוי. חוץ דעם איז עפּעס אַלע מאָל אויסגעקומען זייער מאָדנע מיט די חשבונות. חייקל האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט, אַכטונג געגעבן אויף די מענטשן, און אַז ס׳איז געקומען צום חשבון, וואָס דער זיידע פלעגט מאַכן מיט קרייד אויפ׳ן רויט־געפּאַרבטן טיש, איז אויסגעקומען, אַז חייקל האָט אַלעמאָל איבערגענומען געלט און אַז ער איז דעם זיידן אַ בעל־חוב. חייקל האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען, גע־וואונדערט זיך, געקוקט אויף די גרויסע ציפערן וואָס דער זיידע האָט אָנגעשריבן אויפ׳ן טיש, אַליין געפּרוואווט איבעררעכענען, אַרויף און אַראָפּ און ווידער אויף צוריק. עפּעס, האָט ער געפילט, אַז ס׳איז ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. נאָר וואָס און ווי אַזוי, האָט ער ניט געקענט כאַפּן.

אַזוי איז אַוועק אַ יאָר און צוויי און אפשר דריי. און מיט יעדן יאָר האָט זיך חייקל׳ן אויסגעוויזן אַז ער ווערט אַלץ אַ גרעסערער בעל חוב צום זיידן. דאָס עלטערע קינד, אַ אינגעלע, איז שוין געווען גרויס און שיין. און דינה האָט שוין צו דער ברוסט געטוליעט אַ צווייטס, אַ מיידעלע מיט בלאָנדע הערעלעך. חייקל האָט ליב געהאַט זיין ווייב און די קינדער ווי זיין לעבן. געוואָלט זיי צוטיילן אַלע פאַרגעניגנס פון דער וועלט. נאָר ניט

ער האָט געקענט און ניט ער האָט געוואוסט ווי אַזוי. געטראַכט האָט ער, אַז ווען גאָט העלפט אים, און ער וואָלט געקענט ווערן מייסטער פאַר זיך אַליין, און וואוינען מיט זיין דינה'לען אַליין אין אַ שטיבל, און אַליין זיצן מיט איר און מיט די קינדער באַם טיש, וואָלט אפילו דער קייסער ניט גליין געווען צו אים.

נאָר ווי אַזוי קען אַזאַ זאַך געמאָלט זיין, און ווי אַזוי קען ער דאָס באַווייזן, אַז ער איז תמיד אַ בעל־חוב צום זיידן.

אין דער פרייער צייט האָט חייקל אויפגעאַרבעט אַ קליין וועגעלע מיט פיר רעדלעך פאַר'ן אייגעלע. דאָס וועגעלע איז אַרויס פון זיינע הענט, אַזוי ווי פון די הענט פון אַן אמת'ן מייסטער, אַ בעל־מלאכה. חייקל האָט ליב געהאַט די מלאכה און ער האָט זיך געשפּיגלט אין זיין אייגענער אַרבעט. און אַז ער האָט געמאַכט עפּעס פאַר זיך אַליין, און דערצו אַז דאָס איז געווען אַ וועגעלע, אַרומצופירן אין דעם זיין אייגן קינד, דאָס עלטסטע, האָט ער אודאי אין דעם אַריינגעלייגט זיין גאַנץ קענטניש און זיין גאַנצע ליבשאַפט. אין דעם וועגעלע איז טאַקע געלעגן אי די ליבשאַפט צו דער מלאכה, אי די ליבשאַפט צום ווייב, און די ליבשאַפט צו די קינדער. און אין די אָוונטן פלעגט חייקל אַריינזעצן זיין משה'לן אין דעם דאָזיקן וועגעלע, אַליין זיך געמאַכט פאַר'ן פערדל, און אַרומגעיאָגט זיך מיט דעם איבער די געסלעך פונ'ם שטעטל, ביז דאָס קינד איז מיד געוואָרן און ער אַליין האָט געדאַרפט זיך לייגן אָפּרוען.

און איינמאָל אין אַ זומערדיקן בייניאַכט, ווען אַלע אין דער באַשקע זיינען שוין געשלאָפן, איז חייקל נאָך פאַרבליבן זיצן מיט דינה'ן. אונטער די טרעפּלעך פונ'ם גאַניק, וואָס פירן צו דער ווייבערשער שול, און ער האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— הערסט דינה'לע, איך האָב חשק מיר זאָלן זיך אַרויסציען פונ'ם טאַטן פון דיינעם.

דינה איז דעמאָלט אַלט געווען צוויי אָדער דריי און צוואַנציק יאָר. יונג און קינדעריש. קיינמאָל איז זי ניט אַרויס פון טאַטע־מאַמע'ס רשות, אַפילו איצט, ווען זי האָט געזוויגן שוין דאָס צווייטע קינד. און ס'איז איר אויסגעקומען אַזוי מאָדנע: אַרויס־ציען זיך פון טאַטנ'ס שטוב, פון דער באַשקע, וואו זי איז געבוירן געוואָרן, וואו זי איז אויפגעוואַקסן, וואו זי האָט חתונה געהאַט

און אליין קינדער געבוירן. וואוינען אליין, אז דעם טאטן און אז דער מאמען — וואס פאר א טעם וועט עס האבן?

האט איר חייקל געגעבן צו פארשטיין מיט גוטע און ווייכע רייד, אז ער איז יונג און שטארק און מיט גוטע הענט צו דער ארבעט; אז ער וואלט וועלן עפענען אליין א „מאסטערסקאיע,“ אליין אננעמען ארבעט, און וואוינען באזונדער, נאר מיט איר, מיט דינה'ן הייסט עס, און מיט די קינדערלעך . . . ווי לאנג טאקע איז דער שיעור צו וואוינען ביי טאטע־מאמע און עסן קעסט?

חייקלען האט דינה ליב געהאט, און נאכ'ן טאטן און נאך דער מאמע'ן איז ער אין אירע אויגן געווען דער קלוגסטער מענטש אויף דער וועלט. האט זי אנגעשפארט איר קאפ אויף זיין אקסל און קינדעריש זיך צוגעטוליעט צו אים:

— אז דו זאגסט אזוי, מסתמא ווייסטו דאך בעסער . . .

און אזוי האט דאס פאר פאלק באשלאסן ארויסצוגיין פון דעם זיידנ'ס קעסט.

## ג.

אז דער זיידע רב שלמה האט דערהערט פון חייקל'ס מויל, אז ער וויל ארויסציען זיך און ווערן באלעבאס פאר זיך אליין, האט ער זיך מאדנע פארקרימט. אבער געזאגט האט ער גאר ניט. אים איז דורכגעלאפן א געדאנק, אז איצט איז צייט א טראכט צו טאן פון אן אנדער יונגן איידימל, וואס זאל פארנעמען חייקל'ס פלאץ. דער זיידע האט נויטיק באדארפט האבן א מענטשן וואס זאל, ווי חייקל, פירן פאר אים די סטאליארנע, בדי ער אליין זאל קאנען פארן יעדן טאג קיין קעשינעוו און זיך פירן זיינע מסחרים.

נאר קודם־כל האט ער געפרואווט אפרעדן חייקלען פון זיין פלאן:

— צו וואס — האט ער צו אים געזאגט — דארפסטו האבן דאס באזונדערקייט? וואס איז דיר דען שלעכט אזוי ? וואס פעלט דיר דען, חלילה דא, מיט מיר אינאיינעם ? ביזט דאך א גלייכער שותף צו אלע געשעפטן.

און די באבע פרומע־רחל האט פון איר זייט אויך ארייננגערעדט:

— דינה'לע איז דאָך נאָך גאָר אַ קינד. זי ווייסט דען אפילו ווי אַ טעפּל צוצושטעלן ? זי האָט דאָך אַ פּיצל קינד, ווי וועט זי קענען זיין אַליין ?

אויף דעם האָט חייקל געענטפערט אביסל ברוגזלעך:

— אַז מ'איז אַ געטרייע מאַמע, קומט מען צו־גיין צו דער טאָכטער און מ'העלפט איר אַרויס . . .

האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע טענה צווישן חייקלן מיט דער שוויגער. גערעדט האָט מען אין אַ שטילן טאָן, און מען האָט עס ניט געקענט אָנרופן, חלילה, קיין קריג, נאָר ביידע זיינען געווען שטאַרק אָנגעצויגן אין זייער שמועס און דינה'לע איז שוין דעמאָלט געזעסן אין פּאָדערהויז, אויף די ערדענע טרעפּ, און זיך געווישט די אויגן און די נאָז.

ביז באַם זיידן האָט זיך צעקאָכט דער ליטוואַק און ער האָט אַ געשריי געטאָן אויפ'ן הויכן קול:

— אַז ער וויל גיין, זאָל ער! קיינער האַלט אים ניט צו! . . .

און אין אַ מינוט אַרום:

— איך מיין זיין טובה, מיין איך!

—איך דאַנק אייך פאַר דער טובה, שווער לעבן . . . — האָט חייקל געענטפערט שטיל, מחמת פאַר'ן זיידן האָט ער געהאַט מער אָפּשיי ווי פאַר דער באָבן.

— איך וועל, נשקשה, אויסקומען אָן אים אויך! — האָט זיך דער זיידע געהיצט און געוואָרפן מיט די הענט אין דער לופטן.

— אַז איך וויל שוין אָבער מער ניט זיין ביי אייך .אויף. קעסט! — האָט חייקל אַזוי ווי זיך פאַרענטפערט.

— איז דאַרף מען ניט; איז שוין; איז אָנ'עק! — האָט זיך דער זיידע געקאָכט און ארומגעשפּאַנט אַ ביי־זער איבער דער שטוב.

און דער זיידע מיט'ן איידים זיינען זיך צעגאַנגען האַלב־ברוגזלעך.

* * *

חייקל האָט אָפּגעדונגען אַ גרויסע דירה, ניט ווייט טאַקע פונ'ם זיידן. האָט אריבערגענומען אַהין זיין וואַרשטאַט, וואָס ער האָט אַליין אויפגעאַרבעט אין די ווינטער־חדשים פון אַ שווערן, דעמבענעם קלאָץ; דער זיידע האָט אים אַליין אָפּגעטיילט אַ חלק

געציינג, א פאר גרויסע זעגן, דריי הובעלס, א האמער, א שארפע האק און אנדערע נויטיקע זאכן, און חייקל איז געווארן מייסטער פאר זיך אליין.

די באבע, ווידער, האט אויך דינה׳לען ניט ארויסגעלאזט מיט ליידיקן פון איר שטוב. געוואלט האט זי טאקע ניט זי זאל זיך ארויסציען, נאר אז מ׳האט אנדערש ניט געקענט מאכן, איז איר אפגעגאנגען דער כעס און זי האט מיטגעגעבן דער טאכטער פון אלצדינג וואס זי האט געהאט אין שטוב. ראשית האט זי איר אוועקגעגעבן א גרוים איבערבעט מיט צוויי קישן פון פרישע פעדערן און א כמעט־נייע קאלדרע. חוץ דעם האט זי איר געגעבן טישטעכער און האנטעכער, און ציכלעך, און ליילעכער, און לעפל, און גאפל, און האט אליין אריינגעטראגן אין דינה׳לעס נייער הויז דעם ערשטן בראקן ברויט מיט זאלץ, צעקושט זיך מיט דער טאכטער און איר צוגעוואונטשן אז ס׳זאל זיין אין א גוטער שעה און מיט לאנגע און מזל׳דיקע יארן. און אט אזוי איז דינהלע, צום ערשטן מאל אויף איר לעבן, געווארן א יונגע באלעבאסטעטשקע פאר זיך אליין, מיט א פיצל קינד ביי דער ברוסט און מיט דעם עלטערן ביים פארטעך.

* * *

אבער שוין אויף דער צווייטער וואך, נאכדעם ווי חייקל האט זיך אביסל ארומגעקוקט אין זיין אייגענער דירה, איז דער זיידע געקומען צו אים, כלומרשט צוגאסט, אבער אין אמת׳ן מיט א כונה.

געווען איז דאס אינדערפרי, אין א אנהויב־זומערדיקן טאג. חייקל האט נאך ניט געהאט קיין סך ארבעט דעמאלט, איז ער געזעסן באם טיש, וואס איז געשטאנען אין דער סטאליארנע, און האט געטרונקען טיי פון דעם גרויסן מעשענעם סאמאוואר, וואס גוטע פריינט האבן געגעבן דרשה־געשאנק. דערזען דעם זיידן אויף דער טיר, איז חייקל אביסעלע מטושטש געווארן, אי פון דעם גרויסן כבוד וואס דער שווער טילט אים צו, אי פון איבערראשונג, ווייל איינמאל, ביים איבעררעדן זיך אויפ׳ן העכערן קול, גע־דענקט ער ווי דער זיידע זאל האבן זיך צעשריען אט אזוי:

— מיין פוס וועט קיינמאל דיין שוועל ניט איבערטרעטן!...

און מיט אמאל, נאר פלוצים, דער שווער איז דא!

איז דאָס ביי חייקלען געווען זייער אָנגעלייגט, און דינה האָט נאָר ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פון גרויס נחת. זי האָט זיך מיט'ן טאַטן צעקושט, אקוראט זי וואָלט אים שוין מי יודע ווי לאַנג ניט געזען. דערנאָך האָט זי אים צוגערוקט אַ ביינקל צום טיש און האָט אים געהאַלטן אין איין אויספרעגן: וואָס מאַכט ער, און וואָס מאַכט די מאַמע? כאָטש די מאַמע האָט זי ערשט אַליין געזען דעם פריערדיקן אויפדערנאַכט.

— ווי־זשע גייט עס דיר, איידים מיינער? — האָט דער זיידע געפרעגט מיט אַ ווייכן טאָן. נאָר ווי ווייך דער טאָן איז געווען, האָט זיך אַלץ חייקל'ן אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ „שטאָך," און אַז דער זיידע רייצט זיך מיט אים אַביסעלע. פונדעסטוועגן האָט ער געמאַכט אַ וואַזשנעם אָנשטעל, אַ דריי געטאָן זיך די לינקע וואָנצע, אַ גלעט געטאָן דאָס בלאָנדע בערדל און געענטפערט:

— נשקשה, שווער לעבן, אַ דאַנק, איך האָב אָנצונעמען אַביסעל ארבעט ביים גלח'ס נייער דירה . . .

דער זיידע האָט געלאַכט:

— כע-כע . . . אויב איך וועל עס דיר צולאָזן . . .

חייקל איז אַביסעל בלאַס געוואָרן:

— וואָס רעדט איר, שווער לעבן . . .

— גיי — האָט דער זיידע נאָך מער געלאַכט — איך מאַך שפּאַס און ער דערשרעקט זיך, דער נאַר . . . וואָס זאָגסטו, דינה'לע, אויף דיין מאַן? גיי, איך וועל, חלילה, אויסדינגען ביי דיר, האָסטו מורא?

חייקל איז אַביסל געקומען צו זיך. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער איז שוין ניט קיין אינגל מער, אַז ער שוין ניט מער קיין ארבעטער ביים זיידן, און אַז ער איז שוין אפילו ניט אויף קעסט ביי אים. איצט איז ער מייסטער פאַר זיך אַליין, און ס'פּאַסט ניט ער זאָל זיך אַזוי דערשרעקן.

— ווילן וויל איך פון דיר אַ טובה'לע — האָט דער זיידע אָנגעהויבן אין אַ ווייליע ארום, גלעטנדיק זיך די גרויע, שפּיציקע באָרד.

— אַ טובה? אך, מיט'ן גרעסטן כבוד, שווער לעבן! — און חייקל האָט זיך מיט אמאָל דערפילט גרויס און שטאַרק, וואָס דער שווער זאָל לעבן האָט צו אים אַ בקשה, און נאָך איידער

ער האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ בקשה דאָס איז, האָט ער שוין באַ זיך אין הארצן באַשלאָסן, אַז ער וועט עס טאָן, ווי שווער אפילו ס'זאָל זיין פאַר אים.

— איך וויל — האָט דער זיידע געזאָגט — זאָלסט אריבערפאָרן פאַר מיר קיין סקוליען, צו שמעון דעם סטאָליער.

— צו שמעון סאָלדאַט? — האָט איבערגעפרעגט חייקל און זיך געוואונדערט.

— יאָ, צו אים מיין איך. — האָט געזאָגט דער זיידע.

חייקל האָט זיך נאָך מער געוואונדערט. ער האָט געוואָלט טרעפן וואָס קען דער שוואַכער דאַרפן ביי שמעון סאָלדאַט? אָבער טרעפן האָט ער ניט געקענט און פרעגן האָט ער זיך געשעמט. ער האָט געוואַרט דער זיידע זאָל עס אים אליין זאָגן.

דינה האָט דערלאַנגט דעם פאָטער אַ גלאָז טיי. זי האָט געקוקט אויף אים פון דער זייט, אויף זיינע גרויסע ברעמען וואָס זיינען אים אריבערגעהאַנגען איבער די גרויסע אויגן, און ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז ער איז עפּעס בייז. מיט אַמאָל האָט זי זיך דערפילט אַזוי קליין און קינדעריש, און ס'האָט זיך איר געדאַכט אַז אָט וועט דער טאַטע אויסדרייען צו איר דעם קאָפּ און וועט זיך אויף איר צעשרייען ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען זי איז געגאַנגען אין אַ קורץ קליידעלע און האָט געטראָגן אַ דין־פאַרפלאָכטן צעפּל. דעריבער איז זי געבליבן שטיין אביסעלע פון ווייטן און האָט מיט גרויס דרך־ארץ געפרעגט:

— ווילסט אַ שטיקל לימענע, טאַטע?

נאָר דער זיידע איז געווען פאַרטיפט אין זיין ענין און האָט ניט געהערט וואָס דינה האָט אים געפרעגט. ער האָט אָפּגעזופּט אַ ביסל פון דער גלאָז טיי, זיך ווידער אַ גלעט געטאָן די באָרד און זיך אָפּגערופן צו חייקל'ן:

— קענסט שמעון'ס זון, ישראל?

— אודאי קאָן איך אים — האָט חייקל געענטפערט.

— ער איז ערשט געקומען פון „סלוזשבע.“

— איך ווייס.

— וויל איך אַז דו זאָלסט מיט אים איבערעדן.

— וואָס, שוואַכער לעבן?

— אַז ער זאָל קומען אַהער.

— צו אייך ארבעטן?

— יאָ.

חייקל האָט זיך געדרייט אויפ'ןביינקל.

— כ'מיין . . . — האָט ער געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געקענט.

— וואָס מיינסטו? — האָט דער זיידע אַ פרעג געטאָן מיט אַ כמעט־שטרייגגן טאָן און האָט אויפגעהויבן אויף חייקלן זיין בליק.

— איך מיין . . . — האָט חייקל געזאָגט — אפשר דאַרף אים שמעון פאַר זיך? ער האָט אסך ארבעט, שמעון . . .

— ביזט אַ פערד! — האָט זיך דער זיידע צע'כעס'ט — אַז איך באַדאַרף אים, בין איך בילכער! . . .

דינה האָט זיך אַזוי דערשראָקן פון דעם זיידנ'ס כעס, אַז זי האָט שטאַרקער צוגעדריקט דאָס פיצעלע קינד צו איר ברוסט און האָט געקוקט אויפ'ן מאַן מיט אַ מין שטומען געבעט.

— איר פאַרשטייט — האָט חייקל אָנגעהויבן אַזוי ווי צו פאַרענטפערן זיך — איך מיין, טאָמער וועט ער ניט וועלן פאָרן, ישראל.

— דערפאַר שיק איך דאָך דיך! — האָט דער זיידע גע'טענה'ט — דו וועסט אים געבן צו פאַרשטיין, אַז . . .

דער זיידע האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף חייקלן.

— אַז וואָס? — האָט חייקל געפרעגט מיט אַ ניט־זיכער קול.

— איי, איך האָב געמיינט אַז דו וועסט אליין פאַרשטיין . . .

— האָט דער זיידע געזאָגט ברוגז'לעך — וועסט אים געבן צו פאַרשטיין אַז ס'איז פאַראַן ביי מיר אַ מיידל, אַ וואויל מיידל . . . פאַרשטייסט?

חייקל האָט געשמייכלט:

— הייסט עס, איר ווילט איך זאָל זיין אַ שדכן? . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דערנאָך האָט מען שוין גערעדט פון דעם ענין ווי פון אַן אָפּגערעדטער און פאַרטיקער זאַך. דער זיידע האָט געלערנט חייקלן ווי אַזוי און וואָס ער זאָלריידן מיט שמעון דעם סטאַליער און איבערהויפּט מיט'ן זון מיט זיינעם, מיט ישראל'ן, און אַז ער זאָל זיך גאָר ניט דערוועגן, חייקל הייסט עס, צו קומען צוריק אָן אים . . .

# ד.

ס'האָט אים געגליקט, חייקלן. ער איז געקומען צופאָרן צוריק צום זיידן ניט מיט לײדיקן. ער האָט מיטגעבראכט מיט זיך ישראל'ן.

ישראל איז געווען א הויכער בחור מיט א ברייטער פּלייצע. ער האָט געהאט בלוילעך־גרויע אויגן און א לאַנגלעכע נאָז מיט א בערגעלע אין דער מיט. ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי א שטרייגגן טאַטן, און א טייל פון דער שטרייגגקייט האָט זיך איינגעוואָרצלט אין אים. דערצו האָט ער פיר יאָר צייט געדינט בא „פּאָניען," און דאָס האָט אים נאָך מער פאַרהאַרטעוועט און טרוקן געמאַכט און אויסגעצויגן די יוגנט־זאַפט פון זיינע ביינער.

ער איז געווען שלאַנק, מיט א פעסטער ברוסט און מיט א גלייכן, געמאָסטענעם גאַנג, אזוי ווי א סאָלדאַט. אז ער איז געגאַנגען, האָט די ערד געציטערט אונטער זיינע פיס. די סאָל־דאַטן־קליידער האָבן שיין־געפּאַסט צו זיין פיגור, און די ערשטע צייט האָט ער זיך גאָר ניט געוואָלט שיידן פון זיי. ער האָט געוואוסט אז די דאָזיקע קליידער גיבן אים צו חן בא די מיידלעך אין די אויגן.

צום זיידן איז ער אויך געקומען איינמאָל אין די דאָזיקע קליידער, און ער האָט באַלד שטאַרק אויסגענומען אי ביים זיידן, אי ביי נחמה'ן.

ביים זיידן דערפאַר, ווייל ער האָט געזען אין ישראל'ן א געזונטן בחור מיט א שטאַרקער פּלייצע און גוטע הענט צו דער מלאכה, און ביי נחמה'ן דערפאַר, ווייל ער איז געווען הויך און געשטרעקט און שיין געפּוצט.

אָבער אזוי שיין ווי עס זיינען איר געפעלן געווען זיינע סאָלדאַטן-קליידער, אזוי איז איר ניט געפעלן דער נאָמען סאָלדאַט.

ס'איז איר ניט געפעלן מען זאָל אויף איר זאָגן, אז זי איז דעם סאָלדאַט'ס כלה, דעם סאָלדאַט'ס ווייב.

ישראל'ס פאָטער האָט מען אלע יאָרן גערופן שמעון סאָלדאַט. מחמת ער האָט אויך, אין זיינע יונגע יאָרן, געדינט בא פּאָניען.

איז דאָס איר ניט געפעלן.

האָט ישראל גלייך אויסגעטאָן דעם מונדיר און האָט זיך

אנגעטאָן א שיינעם בחור׳שן אָנצוג, וואָס האָט אים אויך שוין געפּאסט און האָט זיין פּנים און זיין אויסזען אסך איידעלער און ווייכער געמאכט.

ער איז געווען א שיינער יונג.

און נחמה׳ן איז ער געפעלן.

דעם זיידן — נאָך מער.

ישראל איז געבליבן ארבעטן ביים זיידן, אָבער ס׳איז שוין קיין סוד ניט געווען, אז ער וועט אין גיכן זיין נחמה׳ס חתן.

* * *

אין יענער צייט האָט די מיטלסטע שוועסטער, חייקע, שוין געהאט א חתן און מען האָט זיך געגרייט צו איר חתונה.

איר חתן איז געווען יאָסל, א בעקער־יונג, מיט א שווארצן קאָפּ האָר, שווארצע אויגן און אביסל צעקרימטע פּיס.

דער זיידע איז ניט געווען שטארק צופרידן פון׳ם שידוך. ער האָט געוואָלט פאר חייקען אויך א סטאָליער פאר א מאן. אָבער חייקען איז דער בעקער־יונג שטארק געפעלן געווען. מען האָט געמורמעלט אז זיי שפּילן אין דער שטיל א ליבע; און חייקל׳ס עצה איז אויך געווען, אז יאָסל איז א גוטער שידוך פאר חייקען.

מיט חייקל׳ס א וואָרט האָט זיך דער זיידע שטארק גערעכנט, ווייל חייקל איז שוין געווען מייסטער פאר זיך אליין און פלעגט אפילו אָננעמען גרעסערע ארבעט ווי דער זיידע.

יאָסל האָט געארבעט אנטקעגן, איבער׳ן וועג, און ער פלעגט זיך יעדן טאָג באגעגנען מיט חייקען און מיט נחמה׳ן.

ער האָט געהאט א שארפע קאָפּ, כאָטש ער איז געווען ניט מער ווי א בעקער־יונג. ער האָט געהאט א שטארקע־ברוסט שטימע און האָט זייער שיין געזונגען אלערליי לידער.

טאנצן האָט ער ניט געקענט, אפשר מחמת זיינע קרומע פיס, און אפשר ווייל ער האָט דאָס פשוט פיינט געהאט. פונדעסטוועגן פלעגט ער אָפּטמאָל קומען צום זיידן אין דער באשקע, שבת נאָכ׳ן שלאָף. ער האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט דעם זיידנ׳ס צוויי אינגערע זין, זייליק און מענדל. פלעגט ער אונטערהאלטן דעם עולם מיט זיין שיין זינגען און דערוויל פארברייננגען מיט די מיידלעך און צוקוקן ווי זיי טאנצן.

געזאָגט האָט מען אויף אים, אז ער האָט שוין געהאט א

כלה אין אן אנדער שטעטל, קארנעשט. מען האט דערציילט, אז ער האט דארט פארפירט א ליבע מיט א יונג בילד־שיין מיידל, נאר איבער עפעס האבן זיי זיך צעקריגט און פון דעם שידוך איז גארניט געווארן.

יאסל אליין האט פון דעם קיינמאל ניט גערעדט, און ווען מען האט אים פארגעלייגט דעם שידוך מיט חייקע'ן, האט ער געזאגט אז ער האט זי ליב שוין פון לאנג.

איז געווארן א שידוך.

און אין דער צייט ווען מען האט זיך געגרייט צו איר חתונה, איז חייקל ווידער געווארן א בן-ביתביים זיידן אין באשקע, און דינה האט מער פארבראכט לעבן דער מאמען ווי ביי זיך אין דער היים.

א קלייניגקייט וויפיל ארבעט ס'איז געווען!

מ'האט געדארפט העלפן צוגרייטן חייקע'ס חתונה־קליידער. און מיט וועמען האט מען זיך געקענט בעסער עצה'ן ווי מיט דינה'ן, וואס זי איז געווען שוין די עלטערע טאכטער, די אויסגע־געבענע, די עלטערע שוועסטער, די פראקטישע. און די באבע אליין איז דאך געווען פארווארפן מיט ארבעט איבער'ן קאפ. מיט איינקויפן אלץ וואס נויטיק איז צו דער חתונה, מיט דינגען סארוועך און סארווערקעס, מיט באקן לעקאך און טארטן, מיט פרעגלן איינגעמאכטס און אלערליי קאמפאטן און מיט נאך אזעלכע זאכן.

חייקל, ווידער, אלס דער עלטערער איידים, האט געפילט אזוי ווי א חוב אויף זיך ארויסצוהעלפן דעם שווער זיינעם אין דער דאזיקער צייט. האט ער ניט געווארט ביז דער זיידע וועט זיך דערמאנען און וועט אים רופן, נאר איז אליין געקומען און געטאן אלץ וואס ער האט פארשטאנען אז מען דארף טאן. ער האט אביסל אוועקגעקוקט פון דער ארבעט און האט זיך פארלאזט אויף זיינע צוויי מענטשן. אליין האט ער געזען אז עס זאל זיין צוגעגרייט צו דער חתונה אלץ וואס מען באדארף. האט אליין באשטעלט עוזר דעם קלעזמער מיט זיין קאפעליע און האט אנגע־פירט ברעטער אויפ'ן שול־הויף, און האט אליין גענומען אויפ־שטעלן א שאלאש, צו פראווען דארט די חתונה.

דער איינציקער וואס האט זיך ניט געמישט אין דעם גאנצן

טומל, וואָס האָט זיך אין דער צייט געטומלט אין דער באשקע, איז געווען דער זיידע אליין. ביי אים זיינען די אלע זאכן געווען נארישקייטן, „שמאַכטעס." פון זיינטוועגן האָט מען געקאָנט אויסקומען מיט איין קליידל פאַר דער כלה און מיט צוויי טאָרטן צו דער חתונה. פון זיינטוועגן איז געווען רעכט צונויפצורופן א מנין אידן אין שול אריין, שטעלן א חופה און פאַרטיק אָן עסק. ער האָט בכלל ניט ליב געהאַט דעם טומל מיט דעם רעש מיט די נארישע צערעמאָניעס. נאָר אַז די קינדער האָבן זיך איינגעשפּאַרט, דוקא א חתונה! דוקא מיט קלעזמער, און דוקא מיט א חתן־מאָל און א חופּה־וועטשערע, האָט ער זיך ניט געקענט העלפן און האָט נאָכגעגעבן, כאָטש ער איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען ברוגז און האָט געוואָרטשעט אונטער דער נאָז.

האָט ער זיך דערפאַר ניט געמישט אין קיין זאַך, נאָר ער האָט געגעבן געלט וויפיל ס'איז נויטיק געווען. אליין פלעגט ער, ווי פריער, פאָרן יעדן פרימאָרגן קיין קעשינעוו, צוריקקומען אויפ־דערנאַכט און מיטברייגנען מיט זיך א סך פּעקלעך מיט סחורה פאַר די קרעמער. אמאָל האָט ער נאָך אין זינען געהאַט, און אַז ס'האָט זיך אים געמאַכט א מציאה צו דער האַנט, א וואויל שטיקל לייוונט פאַר העמדער, אָדער עטלעכע פונט ניסלעך אין גלייכן געלט, האָט ער דאָס אָפּגעקויפט און געבראַכט אהיים — פאַר דער חתונה.

און א פאָר וואָכן נאָך דער חתונה, נאָכדעם ווי ס'איז אַריבער דער רעש און טומל, האָט דער זיידע גענומען אָנצוהערן דעם יונגן פאָרפאָלק, אַז ס'איז צייט זיי זאָלן זיך זוכן א דירה צום וואוינען. קעסט וועט ער זיי ניט געבן, מחמת יאָסל איז א בעקער, און א בעקער איז ניט קיין סטאָליער. חוץ דעם דאַרף מען אין דער באשקע מאַכ'ן פּלאַץ פאַר ישראל'ן וואָס ער וועט באַלד זיין דער יונגסטער פון די איידימס.

יאָסל האָט מיט'ן זיידן, מיט זיין שווער הייסט עס, קיינמאָל ניט געלעבט זייער פריינטלעך. זיי האָבן זיך ניט שטאַרק ליב געהאַט. יאָסל איז ניט געווען חייקל. יאָסל האָט געהאַט אַן אָפן מויל, געווען א שטיקעל שייגעץ, אַן עזות-פּנים, און האָט אמאָל געקענט א זאָג טאָן א וואָרט, אַז ס'זאָל ווערן רויט און טונקל פאַר די אויגן . . . יאָסל האָט פאַר קיינעם קיין אָפּשיי ניט געהאַט, און

פאר'ן זיידן אויך ניט. ניט חתן־ווייז, און נאך דער חתונה — אודאי ניט.

האט עס אים ניט שטארק געארט ארויסצוציען זיך גלייך פון דעם זיידנ'ס באשקע. פארקערט, ער איז נאך געווען צופרידן. האבן זיי אפגעדונגען א קליין אלקירל לעבן גאדל בעקער, וואו יאסל האט געארבעט פון וואך, און זיי האבן זיך דארט געלעבט שטיל און געמיטלעך.

און שטיל און געמיטלעך איז אויך געווארן צוריק אין דער באשקע, און דאס לעבן האט זיך דארט ווידער אנגעהויבן ציען ווי פריער.

ווידער פלעגט די באבע אויפשטיין גאנץ פרי און זיך פארן ארום אויוון און ביים סאמאוואר; און ווידער פלעגט אין דער פרי זיך טומלען פון מענטשן וואס זיינען געקומען צום זיידן, איידער ער האט געדארפט אוועקפארן קיין קעשינעוו. און ווידער פלעגט ווערן שטיל, גלייך ווי דער זיידע איז ארויס פון באשקע און מיט־גענומען דעם גאנצן טומל מיט זיך. נחמה פלעגט זיך אוועק־זעצן אויף דער נידריקער קאנאפע מיט די פיס הינטער זיך, אויסנייען ציכלעך פאר איר קומנדיקער באלעבאטישקייט, און זיך אונטערברומען א לידל, וואס זי האט זיך אויסגעלערנט פון יאסלן. מחמת יאסל פלעגט זינגען אפילו איצט, נאך דער חתונה אויך. אז זי פלעגט זינגען יאסל'ס א ליד, פלעגט זי זיך כאפן אז ס'טועו איר ווי די ווייכע ארעמס פון די קניפן וואס יאסל פלעגט זי קנייפן, ווען ער האט זי געפאקט אין א ווינקל. נחמה פלעגט זיך היטן פאר אים ווי פאר פייער און פלעגט ניט וועלן גיין צו חייקען אהיים. אבער זיינע לידלעך האט זי פונדעסטוועגן געזונגען און הנאה געהאט.

און אין דעם זיידנ'ס סטאליארנע האט ישראל ביסלעכווייז אנגעהויבן צו פארנעמען דעם זעלביקן פלאץ, וואס חייקל האט פריער דארט געהאט. ער האט געלעבט גוט־ברידערלעך מיט דעם זיידנ'ס צוויי זין, זייליק און מענדל, וואס זיי זיינען אויך געווען סטאליערס, און זיי האבן אים געפאלגט, כאטש ליב געהאט האבן זיי אים ניט און קיין גרויסן דרך ארץ פאר אים האבן זיי אויך ניט געהאט. דער זיידע האט אויך געזען אז ישראל איז ניט חייקל, אז אזעלכע ווי חייקל וואלגערן זיך ניט אין די גאסן,

נאָר ער האָט געשוויגן. ער האָט געטראַכט אַז ווען ישראל וועט חתונה האָבן פאַר נחמה'ן, וועט ער אַנדערש ווערן.

* * *

איצט, אַז נחמה איז געווען אַליין אין הויז, אָן עלטערע און אָן אינגערע שוועסטער, האָט זי זיך מיט אַמאָל דערפילט אַלס די איינציקע און גרויסע און האָט זיך אָנגעהויבן פירן ווי אַ „בארישניע."

זי איז געווען אַן איידעלע און אַ שוואַכע. מיט אַ דינער טאַליע און מיט אַ פלאַכער ברוסט, מיט אַ טונקל פּנים, אַ לאַנג־שפּיציק נעזעל און אַ פּאָר דינע ליפּלעך.

כאָטש מען האָט שוין געוואוסט אָפן, אַז ישראל וועט זיין איר חתן, און כאָטש זי האָט אים גערן געהאַט, פונדעסטוועגן האָט זי זיך פאַרהאַלטן קאַלט צו אים. געמאַכט זיך ניט ווויסנדיק פון קיין זאַך.

אָבער די באָבע איז געווען אַ פּשוט'ע אידענע, אָן חכמות. זי האָט שוין באַטראַכט ישראל'ן פאַר איר קינד און האָט אים גענומען „קעבלן" ווי אַן אייגענעם טאַטע. פאַר ישראל'ן מאַכן די בעסטע מאכלים, אַזוי ווי אַמאָל, פאַר חייקלן.

האָט זי זיך איינמאָל דערוואוסט, אַז ישראל האָט ליב ציבעלע מיט בוימל.

אַ פּשוט מאכל, נאָר אַ געשמאַקס.

האָט זי אים יעדן טאָג דערלאַנגט אַ פּאָרציע ציבעלע מיט בוימל. און ישראל פלעגט עס עסן מיט גרויס חשק.

דערנאָך פלעגט עס אים ברענען אַ גאַנצן טאָג, און אין אָוונט, ווען ער פלעגט צוגיין צו נחמה'ן און זי בעטן זי זאָל אַרויסגיין מיט אים „אויף אַ שפּאַציר," פלעגט זי זיך אָפּקערן פון אים און פאַרדרייען מיט דער נאָז.

— גייט אַוועק . . . ס'פילט זיך פון אייך די ציבעלע אַ מייל די ווייט . . .

נאָך אַזאַ ענטפער פלעגט ישראל בלייבן שטיין ווי אַן אָפּ־געשמיסענער, און פלעגט זיך דערנאָך, אַ ברוגז'ער, לייגן שלאָפן.

## ה.

אין א שיינעם פרימאָרגן האָט זיך דער זיידע דערוואוסט, אז חייקל האָט פאַרטראַכט צו פאָרן קיין אַמעריקע.

און געבראַכט האָט אים די נייעס צוטראָגן ישראל, דער אינגסטער פון זיינע איידימס.

דאָס איז געווען עטליכע חדשים נאָכדעם ווי ישראל האָט חתונה געהאַט מיט נחמהן. דאָס יונגע פּאָרפאָלק איז געווען ביים זיידן אויף קעסט און האָט געוואוינט אין דעם קליינעם אַלקירל, אין דער באַשקע, וואו אמאָל האָט געוואוינט חייקל מיט דינה'ן.

ישראל האָט גע'חלומ'ט פון עפּענען א סטאָליארנע פאַר זיך אליין און ווערן א מענטש מיט מענטשן גלייך. פון זיין א שותף צום זיידנ'ס סטאָליארנע און צו זיינע אַנדערע געשעפטן, האָט ער ניט געוואָלט הערן אפילו.

אָבער ווערן מייסטער פאַר זיך אליין איז אויך ניט קיין גרינגע זאַך.

ער וואָלט געדאַרפט קאָנקורירן אי מיט'ן שווער, אי מיט'ן שוואָגער חייקל.

ניט דערפאַר ווייל עס איז ניט יושר'דיק צו קאָנקורירן מיט אייגענע, האָט זיך ישראל אַזוי פאַרטראַכט, נאָר פּשוט דערפאַר ווייל ער האָט זיך ניט געפילט שטאַרק גענוג אין כח.

און ניט אַזוי קעגן זיידן, ווי קעגן חייקל'ן.

ווייל דער זיידע האָט אַלץ מער אַוועקגעקוקט פון זיין סטאָ-לערייַ און האָט זיך כמעט אינגאַנצן אָפּגעגעבן צו זיין שמשות אין דער אַלטער שול, און צו זיינע מסחרים וואָס ער האָט געפירט מיט דער גרויסער שטאָט.

דערפאַר איז חייקל געווען אינגאַנצן אריינגעטאָן אין דער מלאכה. ער האָט אָנגענומען גרויסע געביידעס און זיין נאָמען איז געוואַקסן אין דער געגנט אַלס דער בעסטער בעל־מלאכה.

דער זיידע האָט דאָס געזען. פון איין זייט האָט עס אים הנאה געטאָן, און פון דער צווייטער האָט עס אים פאַרדראָסן.

הנאה געהאַט האָט ער דערפון וואָס חייקל איז א געראָטענער, אַזאַ אָנגעזעענער ביי מענטשן; און פאַרדראָסן האָט אים וואָס ער

אליין קען פון חייקל׳ן און פון זיין וואוילקייט קיין שום נוצן ניט האָבן.

דער זיידע האָט געזען און פאַרשטאַנען, אַז די צוויי יונגערע זין, זעליק און מענדל, וועלן זיך לאַנג לעבן אים ניט האַלטן. ישראל האָט זיך אויך געריסן צו ווערן מייסטער פאַר זיך אַליין — האָט ער זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן צו חייקל׳ן. געפּרואווט אים איינרעדן ער זאָל ווידער ווערן אַ שותף מיט אים, און האָט אים דערפאַר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן.

און מיט אַמאָל קומט צו גיין ישראל און דערציילט:

— איר ווייסט, שווער לעבן, חייקל וויל פאָרן קיין אַמעריקע.

געווען איז דאָס אין אַ זומערדיקן אויפדערנאַכט. דער זיידע איז געזעסן אין באַשקע באַם גרויסן טיש, מיט דער יאַרמעלקע אויפ׳ן קאָפּ, מיט אַ צעשפּילעט העמד, און האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר . מיט איין האַנט האָט ער געקנייטשט אַ בלעטל פונ׳ם ספר, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער פאַרבלאָנדזשעט צו זיך אין בוזים, צווישן די שוואַרץ־געקרייזלטע האָר וואָס האָבן באַדעקט דעם ברוסטקאַסטן. די באָבע איז געזעסן אויפ׳ן נידריקן דיוואַן און האָט איינגעוויקט וויינשעל פאַר איינגעמאַכטס.

דערהערט פון ישראל׳ן די גוטע בשורה וועגן חייקל׳ן, האָבןביידע, דער זיידע און די באָבע, פאַרוואונדערטע אויפגעהויבן זייערע קעפּ — דער זיידע פונ׳ם ספר, און די באבע פון די וויינשל, און ביידע האָבן ווי אין איין אָטעם אַ פרעג געטאָן:

— וואָס הייסט?

— אַזוי הייסט עס — האָט ישראל געענטפערט — חייקל וויל פאָרן קיין אַמעריקע.

דער זיידע האָט פון אַריבער די ברילן אַ קוק געטאָן אויף ישראל׳ן און האָט פאַרשטאַנען אַז ישראל וואָלט פון אַזאַ זאַך געווען צופרידן.

דער זיידע האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו קנייטשן דאָס בלעטל פון דעם ספר.

— וואָס הייסט קיין אַמעריקע ? עפּעס פלוצים קיין אַמעריקע ?

— האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איבעררײדן.

— אַלע פאָרן, וויל ער אויך פאָרן — האָט ישראל געגעבן צו פאַרשטיין.

און די באבע האָט זיך געגעבן א הויב־אויף פונ'ם דיוואן, א פּאַטש געטאָן זיך מיטביידע נאַסע הענט אין פאַדעלעס און האָט אויסגערופן מיט א מאָדנער שטימע:

— וואָס הייסט עפּעס אוועקפאָרן איבער'ן ים! און וואו איז טאַטע־מאַמע!?

ישראל האָט געשמייכלט:

— חייקל איז ניט פאַרקויפט צו קיינעם. ער וויל פאָרן, פאָרט ער... און ווי וואָלט געווען אז איך זאָל ערגעץ וועלן ארויספאָרן פון דאַנען?...

דער זיידע האָט אויף אים געגעבן א בייזן קוק און האָט געענטפערט מיט א שאַרף־שניידנדיק קול:

— דו יאָ, און ער ניט!...

איז שוין ישראל שטיל געוואָרן און האָט זיך אומבאַמערקט אויסגעשלייכט צו זיך אין פינסטערן אַלקיר.

* * *

אָבער ישראל האָט דערציילט אַן אמת. חייקל האָט טאַקע אָנגעהויבן צו רעדן פון אמעריקע.

דאָס אמעריקע איז געווען ווייט פון אים, פרעמד און אומ־באַקאַנט. אָבער ער איז געווען יונג, פול מיט היים־שטראָמיק בלוט אין זיינע אָדערן, און יעדע ווייטע זאַך האָט אים צוגעצויגן.

איינמאָל האָט ער זיך שטאַרק געריסן צו פאָרן קיין ארגענ־טינע, צו ווערן דאָרט א קאָלאָניסט. דאָס איז געווען דעמאָלט ווען שליחים פון דעם באַראָן הירש זיינען געקומען אין שטעטל און דערציילט וואָס פאַר א גאָלדענע גליקן עס וואַרטן דאָרט פאַר יעדן אידן, וואָס וויל ווערן א קאָלאָניסט.

א שטיק צייט איז חייקל דעמאָלט געווען פאַר'שכור'ט מכח ארגענטינע. און פונקט אזוי איז ער איצט געווען פאַר'שכור'ט מיט אמעריקע.

זיינע חברים, הערש לאַפּאַצאָן און יונה דער שניידער, האָבן געשריבן גוטע בריוו פון דאָרטן.

אין זייערע בריוו האָבן זיי געשריבן, אז זיי פאַרדינען א סך געלט, און אז דאָרט לעבט מען א לעבן, וואָס א לעבן הייסט!

וואָס פאַר א לעבן דאָס איז, האָבן זיי ניט געשריבן, נאָר בא חייקל'ן האָט דאָס גערייצט דעם אַפּעטיט. מיט אמאָל האָט ער

זיך דערפילט ענג אין שטעטל. אזוי ווי אין א תפיסה. עס האָבן אים אויפגעהערט צו אינטערעסירן די פאַרשידענע ארבעטן וואָס ער האָט געהאַט אויף די הענט און טאָג־ווי־נאַכט האָט ער נאָר גערעדט פון אַמעריקע.

זיינע חברים האָבן אים געשריבן, אַז זיי וועלן אים שיקן שיפסקארטן, אויב ער וועט נאָר וועלן קומען.

האָט חייקל זיך באַרעכנט: וואָס קען דאָס שאַטן? זאָלן זיי דערווייל שיקן די שיפסקארטן, און ביז דעמאָלט וועט ער זיך נאָך מישב זיין.

דער אמת איז, אַז זיין ווייבל, דינה, האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פון דעם אַמעריקע וואָס זי האָט ניט געוואוסט וואו דאָס געפינט זיך, און וואָס דאָס איז פאַר א לאַנד: חוץ דעם האָט זי זיך ניט געקענט אויסמאָלן אַזאַ זאַך, ווי אַוועקפאָרן ווייט פון דער מאַמען, ווייט פון שוועסטער און ווייט פון אַלע אייגענע און באַקאַנטע. זי האָט עס ניט אַרויסגעזאָגט מיט ווערטער, נאָר חייקל האָט פאַרשטאַנען פון אירע אויגן, אַז עס וועט אים ניט גרינג אָנקומען זי איבערצורעדן.

דער איינציקער וואָס האָט יאָ געהאַלטן מיט אים און אים צוגערעדט צו פאָרן, איז געווען דער אינגסטער פון די שוואָגערס, זייליק; מחמת ער אַליין, זייליק, האָט זיך אויך אַלע זיינע יאָרן געריסן ערגעץ אין דער ווייטער וועלט אריין. געוואָלט פטור ווערן אי פון דעם קליינעם שטעטל, אי פון דעם סטאָליעריי, וואָס ער האָט ניט זייער ליב געהאַט.

ישראל האָט זיך געדרייט ארום חייקל'ן, געשמייכלט צו אים, מיט א האַלב מויל אים אָפגערעדט פון אַמעריקע און אין הארצן גאָט געבעטן, אַז חייקל זאָל אים ניט פאָלגן.

* * *

אויפ'ן צווייטן טאָג, נאָכדעם ווי דער זיידע האָט דערהערט וועגן דער דאָזיקער מעשה, איז ער געקומען צו חייקל'ן, דורכריידן זיך מיט אים וועגן דעם ענין אַמעריקע.

ביי חייקל'ן איז דער שווער אַלע מאָל געווען א גוטער גאַסט. האָט ער אַוועקגעלייגט די ארבעט און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט'ן זיידן ביים קיילעכדיקן טיש און האָט געבעטן דינה'לען זי זאָל דערלאַנגען טיי.

טרינקנדיק די הייסע טיי, האָט מען דערווייל גערעדט פון אַמעריקע. וואָס פאַר אַ לאַנד דאָס איז און ווי אַזוי מענטשן לעבן דאָרט.

דער זיידע האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז אייגענטלעך גייט אים די גאַנצע מעשה ווייניק־וואָס אָן. גאָר ניט, ווילסט פאָרן, פאָר דיר געזונטערהייט.

— אדרבא — האָט ער געשמייכלט — פאָר, און נעם מיך מיט דער שווינגער אויך ארוים אהין.

חייקל האָט געטרונקען די טיי, געשוויצט אויפ׳ן גאַנצן פּנים, הנאה געהאַט פון דעם שווער׳ס לעצטע ווערטער און צוריקגעלאַכט:

— אַך, שווער לעבן, מיט׳ן גרעסטן כבוד . . . פאַרוואָס דען ניט ? . . .

דערווייל איז אָנגעקומען די באָבע אויך. זי איז אריינגעקומען אַרבעטנדיק אַ זאַק, און אַזוי, אָן ווערטער, זיך אַוועקגעזעצט אָן אַ זייט, אויף אַ נידריק ביינקעלע, צוגעהערט זיך צום שמועס און געטרונקען די טיי, וואָס די טאָכטער האָט איר דערלאַנגט. ניין, ס׳אַרט זי ניט דאָס אַמעריקע. ניט מער, דינה׳לע איז דאָך נאָך אַ קינד . . . ווי קען זי אַוועקפאָרן אַזוי ווייט, מיט צוויי קליינע קינדער אויף די הענט.

דערווייל איז אריינגעקומען אַ מיטל־יאָריקער איד. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און חייקל האָט אים געפרעגט וואָס ער וויל.

איידער דער איד האָט געזאָגט וואָס ער וויל, האָט ער זיך ארומגעקוקט אין הויז, באַטראַכט די מענטשן, געקראַצט זיך אין נעלן בערדל, און מער ווי אויף אַלע — געקוקט אויף חייקל׳ן.

ביז חייקל האָט עס מער ניט געקענט פאַרטראָגן און האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס וועט איר זאָגן גוטס, רב קרובֿ?

דער איד האָט געשמייכלט און איז צוגעקומען נעענטער.

— גוטס אָדער שלעכטס — האָט ער געזאָגט — דאָס געווענדט זיך אָן אייער אייגענעם מזל. אַז איר וועט מיר ציינגן אייער האַנט, וועל איך אייך זאָגן.

— אַזוי גאָר ! — איז חייקל געוואָרן ברוגז — אַ טרעפער !

— רופט עס ווי איר ווילט — האָט דער איד געענטפערט מיט

א שמייכל — גיט מיר אקאָרשט אייער האַנט. עס וועט אייך קיין בייז ניט געשיין, און קאָסטן וועט עס אייך א קלייניקייט.

— איך גלויב ניט אין די זאַכן! — האָט חייקל געענטפערט בייז און האָט זיך אוועקגעקערט פון דעם אידן.

— ניט איז ניט . . . האָט דער איד געזאָגט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

דאָ האָט זיך שוין דער זיידע אריינגעמישט:

— וואָס קען עס דיר ארן, חייקל? א מענטש וואָס וויל זיך לאָזן אין א ווייטער נסיעה, מעג הערן וואָס א טרעפער קען אים פאָראויסזאָגן . . .

דער איד האָט זיך שנעל אומגעקערט.

— טאָקע? איר קלייבט זיך ערגעץ צו פאָרן? — האָט ער אויסגערופן — דאַרפט איר דאָך אודאי קיין עקשן ניט זיין.

און ניט וואַרטנדיק מער, האָט ער אָנגענומען חייקל'ס האַנט, אויסגעשפרייט זי אויף זיינער, מיט דער דלאָניע ארויף, געקוקט א ווײַלע און דערנאָך געזאָגט:

— איך ווייס ניט וואו איר ווילט פאָרן און צו־וואָס איר ווילט פאָרן: אָבער איין זאַך ווייס איך: איר ווילט מאַכן א רייזע איבער א גרויס וואַסער, מסתמא דער ים, מסתמא קיין אַמעריקע . . . הא? געטראָפן?

חייקל האָט זיך געדרייט אויף זיין ביינקל. ער איז געווען בייז אויף דעם דאָזיקן אידן וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים. ער האָט געוואָלט ארויסציען די האַנט פון אים, אָבער יענער האָט זי געהאַלטן פעסט און ניט געלאָזן.

— און וואָס איז שייך א רייזע איבער'ן ים — האָט דער איד ווייטער גערעדט — האָב איך מיין אייגענעם וועג ווי אויסצוגע- פינען, צי דער וועג וועט אייך ברייננגען גליק אָדער, חלילה, ניט . . . זייט אזוי גוט, באַלעבאָסטע — האָט ער זיך א קער געטאָן צו דינה'ן — דערלאַנגט מיר, זייט מוחל, א גלאָז וואַסער.

— אָבער אז איך וויל גאָר ניט איר זאָלט מיר טרעפען! — האָט זיך חייקל געריסן פון זיינע הענט.

— זע נאָר — האָט דער זיידע קאַלטבלוטיק א רעד געטאָן פון דער זייט — וואָס קען עס דיך ארן?

דערווייל האָט דינה דערלאַנגט די גלאָז וואַסער. דער איד האָט

א האלב פון דעם אויסגעגאסן און דאס איבריקע, מיט דער גלאז, האט ער אוועקגעשטעלט אויף חייקל'ס דאלאניע, געקוקט שארף אים אין די אויגן און דערווייל עפעס סודותדיק זיך געפארעט ארום דער גלאז. דערנאך האט דער איד ארויפגעקוקט צו דער סטעליע און האט עפעס אזוי ווי ארויסגעקרעכצט:

— כ'האב מורא, מיין ליבער פריינט, אז דער וועג, וואס איר ווילט מאכן, וועט אייך קיין גליק נים ברייגנען . . .

חייקל איז געווארן בייז און האט געוואלט ארויסרייסן די האנט פונ'ם אידן.

— אויף מיר דארפט איר אסור בייז זיין — האט דער איד געזאגט — איך מיין נאר אייער טובה, נאט זעט . .

די וואסער אין דער גלאז, וואס איז געשטאנען אויף חייקל'ס דאלאניע, איז געווארן רויט אזוי ווי בלוט.

— וואס איז דאס, וואס? — האט חייקל אויסגערופן א דער־שראקענער.

— דאס איז בלוט — האט דער איד געענטפערט קאלטבלוטיק און האט אויסגעגאסן די רויטע פליסיקייט אויף די ווייסע סטרוזש־קעס.

דינה האט ארויסגעלאזט א קוויטש און האט פארווארפן דעם קאפ אזוי ווי צום חלש'ען. די באבע האט זי געמינטערט און חייקל איז געבליבן זיצן אזוי ווי א פארשטיינערטער ביים טיש.

אומבאמערקטערהייט האט זיך דער איד ארויסגערוקט דורך דער אפענער טיר, דער זיידע האט נאכגעקוקט חייקלען מיט א שארף אויג און איז דערנאך, מיט א בייזן שמייכל אויף די ליפן, ארויסגע־גאנגען שטילערהייט נאך דעם פרעמדן, אומבאקאנטן אידן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פון דעם פלאן „אמעריקע" איז, פארשטייט זיך, גאר ניט געווארן.

## 1.

חוץ דעם זיידנ'ס אלע זין און טעכטער, שניר און איידימס, האבן אין דער באשקע זיך אויפגעהאדעוועט דעם זיידנ'ס צוויי איי־ניקלעך, יתומים פון דער ערשטער טאכטער עלקי, וועלכע איז געשטארבן גאר א יונגע.

די צוויי יתומים זיינען געווען א אינגל און א מיידל, איידל און מאטל. איידל איז געווען עלטער פון מאטלען מיט צוויי יאר.

די עלצטע טאכטער, עלקי, און איר מאן, משה דער שרייבער, זיינען געשטארבן כמעט אין איין צייט, און ביידע אין זייערע בעסטע יארן.

געבליבן איז פון זיי גאר ניט, א חוץ אן אלטער קאמאד, וואס איז געשטאנען אין אלקיר, און א גרויסער רוסישער בוך מיט א סך בילדער פון אלטע רוסישע מלכים און ענגלישע פרינצן.

דער דאזיקער בוך האט זיך א שטיק צייט געוואלגערט אין אלקיר, אויפ'ן אויוון. דערנאך האט אים די באבע, איינמאל אין א פאר־פסח, ארויסגעטראגן אין פירהויז, פון דארט האט דער בוך עמיגרירט אין דער ווייבערשער שול. און פון דארט, שוין גאר אויף די עלטערע יארן, ווען קיין בלעטלעך זיינען שוין כמעט גאר ניט געווען אין אים, און עס זיינען פארבליבן בלויז די הארטע, קויטיקע טאוולען, איז דער דאזיקער בוך פארטראגן געווארן אויפ'ן בוידים פון דער גרויסער שול, און אפשר וואלגערט ער זיך נאך דארטן, צווישן אלטע שיימעס, ביז דעם היינטיקן טאג.

* * *

ווענן עלקי'ן פלעגט מען דערציילן, אז זי איז געווען א הויכע, א שיינע און זייער א וואוילע. איידל, וואס האט, על פי שכל, געדארפט זיין געראטן אין איר מאמען, איז ניט געווען שיין און ניט זייער וואויל. אבער א קלוגע איז זי געווען. דאס האט מען געקענט גלייך דערקאנען אויף איר שמאל פנימ'ל מיט'ן פארשפיצטן נעזל. פון אירע קליינע מאנדל־אויגן און פון די דינע, בלויע ליפעלעך ארום איר קליין מיילכל.

זי איז געווען הויך און מאגער, מיט א פלאכער ברוסט, און מיט שוואך בלוט אין די אדערן. די קרובים האבן צווישן זיך אלע מאל גערעדט, אז זי וועט זיין די כלה פון חייקל'ס און דינה'ס עלצטן זון, משה'ל.

א גוטן נאמען האט נאך זיך געלאזן איידל'ס פאטער, משה דער שרייבער. ער איז געשטארבן, האט מען געזאגט, פון דער טשאכאטקע, און איז אויסגעגאנגען אויף חייקל'ס הענט. משה דער שרייבער איז געווען א היינטוועלטיקער, אן אויפגעקלערטער און א שטיק מלומד. פלעגט אלע מאל אריינקוקן אין וועלטלעכע

ספרים און האָט געלערנט מיט קינדער שרייבן אידיש און רוסיש. ער איז געווען אַ קלוגער, און פון אים, הייסט עס, האָט איידל איבער-גענומען דעם גוטן קאָפּ און דעם שאַרפן שכל.

מאָטל ווידער, דער יתום, איז געווען אַ אינגל ווי אַלע אינגלעך, אַן מעלות און אַן חסרונות, און יעדער עלטערער מענטש האָט עס געהאַלטן פאַר זיין חוב אים צו זאָגן מוסר און אים מדריך צו זיין, ווייל ער איז אַ יתום. אויף מאָטלען האָט דאָס אָבער געהאַט אַ פּונקט פאַרקערטע ווירקונג. ער האָט געהאַט אַביסעלע אַ פּרעכע נאַטור, וואָס אַנדערע האָבן דאָס אָנגערופן שייגעץ: ער האָט ניט געוואָלט ליידן אַז מען האָט אים עפּעס געזאָגט, און פלעגט אָפּ-ענטפערן שאַרף אויף יעדער וואָרט.

און כאָטש ביידע קינדער זיינען געוואַקסן אָן טאַטע־מאַמע, האָבן זיי פונדעסטוועגן אין זייערע קינדער־יאָרן דאָס ניט געפילט. זיי האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אין איינעם מיט משה׳לן, דעם פעטער חייקל׳ס, געגאַנגען אין איינעם אין חדר, געשפּילט זיך צוזאַמען אויפ׳ן שול־הויף און געגעסן אַלע ביי דער באָבען אין באַשקע.

כל־זמן דעם זיידנ׳ס טעכטער זיינען נאָך געווען מיידלעך, האָבן זיי אַכטונג געגעבן אויף די יתומים. אָנגעטאָן זיי ריין, געצוואַגן זיי און געוואַשן. אָבער ווען דעם זיידנ׳ס יונגסטע טאָכטער, נחמה, האָט חתונה געהאַט, איז שוין דאָרט קיינער ניט געווען ווער עס זאָל אויף זיי אַכטונג געבן און איידל, וואָס איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פערצן, האָט שוין אָנגעהויבן אַכטונג געבן אויף זיך אַליין, און אויף איר ברודערל, דעם יתום.

איידל האָט מיט איר שאַרפן שכל דערשפּירט, אַז זי און איר ברודערל זיינען ניט גלייך צו אַנדערע קינדער, ווי למשל משה׳ל דעם פעטער חייקל׳ס, וואָס האָט אַ טאַטן מיט אַ מאַמן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. פאַר איר וועט קיינער ניט זאָרגן, נאָר זי אַליין. און ניט נאָר פאַר זיך אַליין דאַרף זי זאָרגן, נאָר פאַר׳ן ברודערל אויך.

אַביסל דורך דער באָבע׳ן און אַביסל דורך די מומעס, האָט איידל זיך אָנגעהויבן לערנען פאַר אַ נייטערקע. מען קען ניט זאָגן אַז די אַרבעט איז איר געווען שטאַרק צום האַרצן. אַ חוץ דעם איז זי געווען בטבע זייער אַ שוואַכע, און די לאַנגע שטונדן וואָס זי

איז געזעסן איינגעבויגן איבער'ן געניי, האָבן זי נאָך שוואַכער און אויסגעצערטער געמאַכט. איר ברוסט איז געוואָרן נאָך פלאַכער, איינגעפאַלענער, און די אויגן זיינען געוואָרן רויט פון ניט שלאָפן און פון וויינען. און וויינען פלעגט איידל זייער אָפט, צי מען האָט יאָ געדאַרפט צי ניט . . .

* * *

ניט אַזוי איז געווען מאָטל. ער איז געווען קרעפטיק און ברייט־פּלייצעדיק, אַ פּשוט'ער בחור, ניט קיין איבערשפּיצטער, האָט ער זיך צו צוועלף יאָר שוין אָנגעהויבן לערנען די מלאכה. דער זיידע האָט אים אָוועקגעגעבן דעם יונגסטן פון זיינע זין, זייליק, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט חתונה געהאַט און האָט געפירט אַ סטאָליאַרנע פאַר זיך אַליין. זייליק האָט צוגענומען מאָטלן צו זיך, אָן אַ שום אויסרייד מיט'ן זיידן אויף ווי לאַנג, נאָר פאַר־שטאַנען האָט מען, אַז דאָס איז אַ מעשה אויף דריי יאָר, און אַז איידער מאָטל וועט זיך אויסלערנען ווי צו האַלטן ריכטיק אַ זעג אין דער האַנט, וועט ער פריער צוויי יאָר דאַרפן זיין אַ משרת ביי דער מומע שרה־ביילע אין קיך, גיין פאַר איר איינקויפן, צו־וויגן הערשעלען אָדער לייבעלען, אָדער ווי די קליינינקע אירע האָבן געהייסן, און אַרויסטראָגן די פּאַמויניצעס פון קיך.

צו דער מומען האָט ער גאָר ניט געהאַט, מאָטל; ווייל בטבע איז זי געווען זייער אַ גוטע, כאָטש מיט קראַנקע, רויטע אויגן. צו מאָטלן איז זי געווען נאָך מער ווי גוט, ווייל ער איז אַ יתום, און אויף אַ יתום איז אַ רחמנות. זי האָט אים אָפּגעהיט ווי אַן אייגן קינד. געגעבן אים פרישע וועש אַלע ערב שבת און געזען ער זאָל גיין אָנגעטאָן ניט ערגער ווי משה'ל דעם פעטער חייקל'ס.

ווייל משה'ל, אַזוי האָבן די צוויי יתומים אַלע מאָל געטראַכט, איז געבוירן געוואָרן אַ מזל'דיקער, ווי מען זאָגט, אין אַ זיידן העמ־דעלע. און מחמת ער האָט געהאַט טאַטע־מאַמע, איז ער שוין געווען אַ געראַטענער אויך. משה'ל איז געווען אַ געפּעסטעטער ביי טאַטע־מאַמע, און ביז צו זיין צענטן יאָר איז ער געווען אַ בן־יחיד. דערנאָך זיינען געבוירן געוואָרן נאָך ברידערלעך און שוועס־טערלעך און ער איז שוין ניט געווען אַזאַ מיוחס ווי פריער, אָבער אַלץ איז אים געווען ניט אין ערך בעסער ווי די צוויי קינדער־יתומים.

אַז מאָטל און איידל פלעגן זיך טרעפן ערגעץ אין אַן אָוונט,

אָדער שבת בייטאָג, ביים זיידן אין באשקע אָדער ביים פעטער זייליק אין שטוב, פלעגן זיי שטיל אויספרעגן איינער דעם אנדערן אויפ׳ן געזונט, און איידל, מחמת די עלטערע, פלעגט א גלעט טאָן מאָטלען איבער׳ן קאָפ. זיי פלעגן אָפט ריידן מיט קנאה וועגן זייער געשוועסטער־קינד משה׳ל, אָבער קיין שנאה איז צווישן זיי, חלילה ניט געווען.

* * *

אין יענער צייט איז דער זיידע שוין גאָר ניט געווען דאָס, וואָס אין די פריעדיקע יאָרן.

די גאַנצע באשקע האָט זיך אַזוי ווי איבערגעביטן און האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים נאָך דעם ווי נחמה, די יונגסטע טאָכטער, האָט חתונה געהאַט.

דער זיידע איז געוואָרן עלטער, שוואכער און גרויער. מיט׳ן סטאָליעריי האָט ער זיך שוין גאָר ניט אָנגעקערט, איבערגעלאָזן דאָס איינגאַנצן אויף זייליק׳ס הענט. נאָר זייליק האָט זיך לאַנג לעבן אים ניט געהאַלטן. אין א שיינעם זומערדיקן טאָג איז ער א חתן גע־וואָרן אָן דעם זיידענ׳ס וויסן און דערנאָך אַלע פּריינט איינגעלאַדן אויף דער חתונה, וואָס איז אָפּגעשפּילט געוואָרן אין א נאָענטן דאָרף. גלייך נאָכדעם איז זייליק געוואָרן מייסטער פאַר זיך אַליין, כאָטש שטילע־הייט, ביי זיך אין הארצן, האָט ער אַלע מאָל געטראַכט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער מלאכה, און האָט געהאָפט צו גאָט, אַז ער וועט עס טאַקע באַווייזן.

דער צווייטער זון האָט זיך גאָר ארויסגעצויגן אין אַן אַנדער שטאָט, דאָרט חתונה געהאַט און געוואָרן זיין אייגענער באַלעבאָס. דער זיידע האָט זיך פלוצלונג דערפילט עלנד און אַליין, א פאַרלאָ־זענער אויף די עלטערע יאָרן.

ס׳איז אים מיאוס געוואָרן דאָס שטענדיקע האצקן זיך אויף דער באַן קיין קעשינעוו און צוריק. חוץ דעם האָבן שוין טאַקע די כחות ניט געדינט. ס׳האָט זיך ביי אים אָפּגערופן עפּעס אַן אַלטע מאַגן־קראַנקהייט, און ער פלעגט דעם גרעסטן טייל פון טאָג ליגן אויף דער נידריקער קאַנאַפּע, ביי דער רובע. פאַרנאַכט־צו פלעגט ער זיך ארויסכאַפּן פון דער באשקע, אָנגעטאָן אין א לאַנגן זומער־דיקן קאַפּטן, מיט א געלן שטעקן אין דער האַנט, און מאַכן א שפּאַציר היינט צו דעם קינד, מאָרגן צו אַן אַנדערן. געגאַנגען כסדר

ברוגז'דיק, אַנגעכמורעט, מיט די גרויסע ברעמען איבער די טיפֿע, גרויע אויגן, אַקוראַט די וועלט וואָלט אים עפּעס שולדיק געווען און קיינמאָל ניט באַצאָלט.

א שטיק צייט פון טאָג פּלעגט ער זיצן אויפ'ן גאַניק, פאַר יאָסל'ס בעקעריי. דאָרט איז געשטאַנען א ברייטע, לאַנגע באַנק, וואָס האָט באַקומען דעם צו-נאָמען די „זאָרג-באַנק," ווייל אַלערליי צרות און זאָרגענישן האָט די באַנק אויסגעהערט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער זיידע פּלעגט דאָרט זיצן, פּיפּקן זיין ליולקע, קוקן אויף דער גאַס, און געווען צופרידן ווען עמיצער איז צוגעקומען, כדי צו קענען מיט אים שמועסן פון די אַמאָליקע, גוטע יאָרן.

אין אַנדערש מאָל פּלעגט פאַרבייגיין א גויע פון דאָרף, מיט א פּאָר פּעטע הינער אונטער'ן אָרעם. האָט ער זי צוגערופן, באַטראַכט די הינער, באַטאַפּט זיי, און אויב ס'איז געווען א מציאה, האָט ער זיי אָפּגעקויפט, אַוועקגעטראָגן אין באַשקע, און געהייסן דער באָבע פרומע־רחל, זי זאָל אָפּקאָכן א פריש יאיכל, ווייל ער פילט זיך עפּעס ניט מיט אַלעמען.

ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוואוינט צו דעם דאָזיקן שטילן לעבן. כמעט גאָר ניט טועדיק, אחוץ שבתים און ימים־טובים אַלס שמש אין שול. ער האָט געטראַכט אַז מער האָט ער שוין ניט וואָס צו טאָן אויף דער וועלט, ווי אַריינקוקן יעדן טאָג אין א ספר, אָפּזאָגן א קאַפּיטל תהילים און זיך גרייטן אויף יענער וועלט. דאָס הייסט ניט איצט, נאָר שפּעטער, נאָכדעם ווי ער וועט האָבן פאַרזאָרגט די יתומה, איידלן, וואָס שטילערהייט האָט ער שוין געקלערט וועגן א חתן פאַר איר.

ער האָט געטראַכט, אַז דאָס וואָס אַלע ריידן וועגן א שידוך צווישן דער יתומה מיט חייקל'ס עלטערן אינגל, איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. מחמת משה'ל איז געווען יונגער פון איידל מיט קאַרגע צוויי יאָר, חוץ דעם וועט ער דאַרפן איבערוואַרטן דעם פּריזיוו. און ער, דער אַלטער, קען אַזוי לאַנג איידלען ניט טראָגן אויף זיינע פּלייצעס. אָבער וועגן דעם האָט ער בלויז געטראַכט ביי זיך, זיצנדיק אויפ'ן גאַניק און פּיפּקענדיק די ליולקע, גערעדט וועגן דעם האָט ער מיט קיינעם ניט.

אָבער ס'איז באַשערט געווען אַז אי דער זיידע, אי די צוויי

יתומים, איידל און מאטל, זאלן אויף אן אמת'ן ווערן יתומים, איז די באבע פרומע־רחל איינמאל אין א ווינטער שטארק קראנק געווארן, און האט זיך שוין פון בעט ניט אויפגעהויבן.

* * *

די באבע איז אלע אירע יארן געווען א שטילע, א שווייגנדיקע, און מען האט קיינמאל ניט געקענט וויסן צי זי איז א גוטע, אדער א שלעכטע; א קלוגע, אדער א נארישע. נאר צומאל, אז זי פלעגט בייז ווערן אויף א קינד, אדער אויף איינעם פון די צווי אייניקלעך־יתומים, פלעגן ביי איר די ליפן און דער שפיץ פון דער נאז ווערן ברוין־און־בלוי. די ליפן פלעגט זי פארבייסן ביז בלוט און מיט די דינע פינגער פלעגט זי אנכאפן נחמה'ן אדער חייקע'ן, מאטלן אדער איידלען ביים ווייכן ארעם און אויסקנייפן א שטיק פלייש.

אויף די עלטערע יארן איז זי געבליבן כמעט אליין. די קינדער אויסגעגעבן, איידל ביי א נייטערקע און מאטל ביים פעטער זייליק, פלעגט זי זיך גאנצע טעג ארומשלייכן ווי א שאטן און ניט געקענט זיך איינהאלטן אין דער באשקע. ס'איז דארט געווען איצט אזוי מאדנע טויט און אומעטיק, און די גרוי־בייכיקע ווענט, וואס האבן פון אזוי פיל יארן איינגעזאפט אין זיך דאס געוויין פון קליינע קינדער און דאס געלעכטער פון גרויסע, האבן אין די שטילע טעג אזוי ווי ארויסגעברומט פון זיך דאס דאזיקע געוויין און געלעכטער. די באבע פלעגט זיצן אויף די טרעפ און שטריקן א זאק. מיט אמאל האט זיך איר אויסגעוויזן אז זי הערט א קינדערש כליפן פון דער באשקע ארויס. זי ווייסט דאכט זיך גאנץ וואויל, אז אין דער באשקע איז קיינער ניטא, און אז ס'ווייזט זיך איר נאר אויס, אז זי הערט א קינדערש געוויין, נאר בארואיקן האט זי זיך ניט געקענט, ביז זי איז ניט אריין אין שטוב און מיט אירע אייגענע אויגן זיך איבערצייגט, אז אלץ שטייט אויף אן ארט ווי פריער, ווי אלע מאל . . .

כדי צו אנטלויפן פון דער דאזיקער אומעטיקייט, פלעגט זי יעדן טאג זיך איינוויקלען אין איר אלט־געפלעקטן טערקישן שאל און א געבויגענע אין דרייען, מיט עפעס א פעקל אונטער'ן ארעם, זיך אוועקלאזן צו די קינדער. היינט האט זי געבראכט פאר משה'לן א פאר נייע שקארפעטקעס; מארגן פאר חייקע'ס איינגעלע א ווארעם

העמדעלע, אָדער אַ פּאָר פּריש-אָפּגעבאַקענע בוימל־בולקעס פאַר נחמה׳ן, וועלכע איז דאָך פּאָרט געווען די מעזינקע, אפילו איצט, ווען זי האָט שוין אַליין געהאַט אַ שיין וואויל מיידעלע, עלקי, נאָך דער פאַרשטאָרבענער מומע עלקי.

אַ שוואַכע איז די באַבע געווען אַלע יאָרן, און אַז זי האָט אַריבערגעשפּאַנט דאָס זעכציקסטע יאָר, איז זי שוין גאָר געווען אַ צעבראָכענער שאַרבן. האָט זי זיך איינמאָל אין אַ מיטן ווינטער אוועקגעלייגט, און מענטשן מיט אַ געניט אויג האָבן פאַראויסגעזאָגט, אַז זי וועט שוין פון בעט ניט אויפשטיין.

דער באַבע׳ס קריינק האָט צוריק־צונויפגעבראַכט די משפחה אין דער באַשקע, און ס׳האָט זיך דאָרט ווידער אָנגעהויבן צו טומלען אַביסל. די קינדער זיינען דאָרט געווען באַטאָג און באַנאַכט און האָבן פאַרביטן איינע די אַנדערע בא דער באַבע׳ס בעט. חייקל האָט געטאָן מער ווי אַלע. ער האָט אינגאַנצן אוועקגעלייגט די אַרבעט און האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיינע מענטשן. ער איז כמעט דורך די נעכט געזעסן ביי דער קראַנקער׳ס בעט. דעם זיידנ׳ס עלצטער זון, דער קרומער פעטער אַלטער, וואָס האָט אַלע יאָרן געלעבט אַזוי ווי באַזונדער פון דער משפחה, איז גע־קומען צוגיין און האָט געזעסן מ׳זאָל זאָגן תהילים אין שול און דער אינגסטער פון די זין, זייליק, האָט שטילערהייט גערעדט מיט׳ן שוואָגער יאָסל וועגן דעם, אַז די מאַמע שטאַרבט. נחמה האָט זיך געוואַלגערט אין דער באַבע׳ס אַלט בעט און האָט ניט אויפ־געהערט צו יאָמערן אויפ׳ן קול.

דער זיידע איז אַרומגעגאַנגען אַ שטילער, אַן אַש־גרויער, מיט בלויע רינגען אַרום די אויגן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אויף זיך אַן אַלט וואַטאָווע לייבל, פאַררוקט די הענט אין די אַרבל און ניט אויפגעהערט שטילערהייט צו קרעכצן. איידל האָט זיך כסדר גע־האַלטן לעבן אים, און געקוקט אויף אים מיט אירע רויט־פאַר־וויינטע אויגן וואָס האָבן זיך גאָר ניט אויסגעטריקנט. איצט איז געווען איר צייט צו וויינען.

חייקל איז געשטאַנען לעבן דער באַבע׳ס בעט ווען זי האָט אַרויסגעלאָזן דעם לעצטן אָטעם. זי איז געבליבן ליגן אויף אַ זייט, מיט אַן אָפן מויל און מיט גלעזערנע אויגן. חייקל איז אויף דער ערשטער מינוט געווען אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט פאַרגעסן

איר צו פארמאכן דאָס מויל, און אזוי האָט מען זי טאַקע שפּעטער אריינגעלייגט אין קבר, מיט אַן אָפן מויל . . .

איידל איז מיט א גרויס געיאָמער געפאַלן אויף דעם זיידנ'ס האַלדז. ביידע האָבן זיך שטאַרק ארומגענומען און עס איז געווען אפשר צום ערשטן מאָל אז דער זיידע האָט געוויינט, מיט אמת'ע היימ־זודיקע טרערן.

— יתומה'לע מיינס, יתומה'לע מיינס . . . — האָט ער גע־וויינט און געטוליעט איידלן צו זיך.

די לויה איז געווען גליך אין דעם זעלביקן טאָג. ס'איז געווען א ביטערע קעלט. א שניי מיט א פראָסט, און ס'איז געווען זייער שווער צו גראָבן דעם קבר. די זין און די איידימס האָבן זיך אָנ־געטאָן אין ווארעמע מאנטלען, ארומגעבונדן די העלדזער מיט שאַרפלעך, און געטראָגן אויף זייערע אקסלען די מטה ביז אויפ'ן בית עולם. דער זיידע און די אַנדערע קינדער זיינען נאָכגעגאַנגען וויינענדיקע און משה'ל און מאָטל האָבן נאָכגעטראָגן א קראַנץ בייגל אויפ'ן פעלד, כדי דער עולם זאָל צובייסען נאָכ'ן בראַנפן, וואָס מע וועט טרינקען פאַר דער באבע'ס נשמה. היינטערווייל־עכטס האָבן זיי צעבראָכן א בייגל אויף צווייען און געשלונגען די ביסנס אַז קיינער זאָל ניט זען . . .

און אזוי איז צו די צוויי יתומים, איידל און מאָטל, צוגעקומען נאָך א יתום — דער זיידע.

## 7.

גאַנץ באַזונדער פון דעם זיידנ'ס אַלע קינדער, און אַזוי ווי אינגאנצן אָפּגעריסן פון דער באַשקע, האָט זיך געלעבט דער פעטער אַלטער.

ער איז געווען דעם זיידנ'ס עלצטער זון, א קרומער אויף א פוס, וואָס צוליב דעם איז ער געוואָרן א שוסטער.

ווען אַלטער איז געווען א אינגל פון דרייצן אָדער פערצן יאָר, האָט דער זיידע געדענקט צו מאַכען פון אים, אזוי ווי פון אַלע זיינע אַנדערע קינדער, א סטאָליער.

אָבער ווען ער האָט אים אוועקגעשטעלט צו דער מלאכה, האָט ער געזען, אַז סטאָלעריי איז ניט פאַר אים.

אלטער האָט היבש אונטערגעהינקט אויפ'ן לינקן פוס, און דאָס האָט אים שטאַרק געשטערט בא דער אַרבעט.

האָט דער זיידע באַשלאָסן, אַז אַלטער וועט שוין קיין סטאָ־ליער ניט זיין. ער וועט שוין מוזן פאַרבלייבן בא אַ זיצנדיקער מלאכה, בא שניידעריי אָדער בא שוסטעריי . . .

געבליבן איז ער בא שוסטעריי.

* * *

נאָך אַ סך פריער, ווען אַלטער איז אינגאַנצן אַלט געווען אַ יאָר ניין אָדער צען, האָט דער זיידע גערעכנט, אַז ער וועט אים אינגאַנצן ניט לאָזן זיין קיין בעל־מלאכה.

אַלס דאָס עלצטע קינד, און אַ זון דערצו, האָט דער זיידע גערעכנט, אַז עס וועט זיך בעסער פּאַסן, אַז אַלטער זאָל לערנען ערגעץ אין אַ גרויסער ישיבה. אפשר וועט פון אים אויסוואַקסן אַ רב.

האָט ער אַלטער'ן אַוועקגעשיקט אין אַ ישיבה, ערגעץ ווייט אין דער ליטע.

אָבער אַלטער האָט זיך דאָרט לאַנג ניט געהאַלטן. אַלטער האָט געהאַט אַ פּלאַטשיקן מח, און גאָט'ס תורה האָט זיך צו אים ניט צוגעקלעפּט.

ערשט דעמאָלט האָט דער זיידע, ווי שוין פריער דערציילט, בא זיך באַשלאָסן צו מאַכן אַלטער'ן פאַר אַ בעל־מלאכה.

* * *

דער נאָמען אַלטער האָט זיך גוט געפּאַסט פאַר'ן פעטער אַלטער. ער איז געבוירן געוואָרן אַן אַלטער.

געקומען אויף דער וועלט מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים, מיט גרויסע, גרויע, פאַרטראַכטע אויגן און מיט אַ לאַנגער געלער באָרד.

די אַנדערע קינדער האָבן אים ניט זייער ליב געהאַט, און ער האָט מיט זיי גאָר ניט געהאַט וואָס צו טאָן.

שטענדיק אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער, אַ שלעפּעריקער און אַ געגעצדיקער, האָבן אים אַלע גערופן דער תמ'עוואַטע מלאך. ער פלעגט קענען אַמאָל אַריינקומען צום שוואָגער חייקל אין שטוב, בלייבן שטיין ביי דער טיר אָנגעשפּאַרט אויף איין פוס, און אָפּ־שטיין אַזוי ווער ווייסט ווי לאַנג; דערנאָך ערשט פלעגט ער זיך

אויפֿכאַפּן אַזוי ווי פֿון טיפֿן שלאָף, מאַכן אַ טריט נעענטער אין שטוב און שטיל, צווישן די ציין, אַרויסזייען אַ גוט־מאָרגן.

און מחמת די קלענערע קינדער זיינען ניט געווען זייער פֿריינטלעך צו אים, פֿלעגט ער יעדן פֿון זיי רופֿן „באַדיטאָדאָר"; דאָס איז געווען באַ אים אַ מין זידל־וואָרט, און מיט דעם פֿלעגט ער שטילן זיין ברוגז. און אַז אַ קלענער קינד פֿלעגט אַריינפֿאַלן צו אים אין די הענט פֿלעגט ער עס אַזוי לאַנג דרייען פֿאַר'ן אויער, ביז עס האָט אָנגעהויבן וויינען.

* * *

ווען האָט אַלטער חתונה־געהאַט? — קיינער פֿון דעם זיידנ'ס אינגערע קינדער האָבן דאָס אויף ריכטיק ניט געדענקט. אפֿשר דערפֿאַר, ווייל אַלטער'ס חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט קעשינעוו, וואו דער כלה'ס עלטערן האָבן געוואוינט, און געפֿאָרן אויף דער חתונה זיינען נאָר דער זיידע און די באַבע און חייקל און דינה. חייקל און דינה האָבן אויף דער חתונה אויך מיטגענומען זייער קינד, משה'ל, וועלכער איז דעמאָלט אינ־גאַנצן אַלט געווען אַ יאָר אכט אָדער ניין. אַלע אַנדערע קינדער דעם זיידנ'ס און די צוויי יתומים, מאָטל און אײדל, זיינען געבליבן אין דער היים. און דעריבער, קען זיין, האָט זיך זיין חתונה ניט איינגעקריצט ביי קיינעם פֿון זיי אין קאָפּ.

משה'ל פֿלעגט יאָ אַמאָל דערציילן וועגן דעם פֿעטער אַלטער'ס חתונה. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געוואָלט באַרימען פֿאַר אײדלען און פֿאַר מאָטלען, אַז ער איז שוין געווען אין אַ גרויסער שטאָט און איז געפֿאָרן מיט דער באַן. די צוויי קינדער־יתומים פֿלעגן דעמאָלט עפֿענען מויל און אויערן און זיך איינ־הערן מיט גרוים וואונדער צו די מעשיות וואָס דער קליינער משה'ל פֿלעגט זיי דערציילן.

און ער האָט דערציילט, משה'ל, אַזוי ווייט ווי ער האָט געקענט געדענקען, און אַזוי ווייט ווי זיין קינדערשע פֿאַנטאַזיע האָט אים דעמאָלט אַרויסגעהאָלפֿן, אַז די חתונה, דעם פֿעטער אַלטער'ס, איז געווען אין אַ גרויסן זאַל מיט אַסך פֿענצטער, און אַרויפֿגעגאַנגען צו דעם זאַל איז מען מיט אַ סך טרעפּ, מיט אַ מעשענעם געשטעל ביי דער זייט. די חופּה האָט מען געשטעלט ניט אַזוי ווי אין דער היים, לעבן אַ שול, נאָר אין זאַל טאַקע. דערנאָך האָט מען געטאַנצט

פריילעכס ,אויסגערופן דרשה־געשאנק, געגעסן די גאָלדענע יויך מיט מאנדלן, ווייטער געטאנצט, און נאָך איידער ס'איז טאָג געוואָרן, איז מען זיך שוין צעגאנגען יעדער אהיים. ניט אזוי ווי ביי זיי אין שטעטל, וואָס ביי א חתונה הוליעט מען אָפּ אכט טאָג כסדר און מען טאנצט אין מיטן די גאסן ביז אויפ'ן ווייסן טאָג.

— פע! — האָט משה'ל געזאָגט — מיר געפעלט ניט אזא חתונה.

און איידל און מאָטל, קוקנדיק אים אין מויל אריין, האָבן אויך פאַרקנייטשט די נעזלעך, אזוי ווי פון א שלעכטן ריח, און אויסגעשפיגן אָן א זייט.

דער פעטער אלטער האָט געוואוינט אין א גרויסער דירה. ניט ווייט פונ'ם פעטער יאָסל, דער בעקער. אין ערשטן חדר פון דער גרויסער דירה האָט אלטער געהאט זיין שוסטעריי. ער האָט געהאַט א קליין, פיר־עקיק טישעלע וואָס איז כסדר געווען פאַרוואָרפן מיט האמערס און מיט שאַרפע מעסערס און מיט רימענס און מיט הילצערנע און אייזערנע פלעקלעך. געשטאנען איז דאָס דאָזיקע טישעלע אויף א מין ברייטן דיוואן, און דער פעטער אלטער איז געזעסן אויף א קליין, נידריק ביינקעלע, איבער־געצויגן מיט לעדער. געזעסן איז ער אראָפּגעבויגן איבער אַן איבער־געקערטן שוך, וואָס ער האָט געהאלטן צווישן די קני, געשטאָכן מיט א שאַרפער נאָל אין דער ווייכער לעדער אריין, פלינק געכאַפּט די ווייסע פלעקלעך פון צווישן די ציין, אריינגעשטאָכן זיי אין די פרישע לעכלעך און צוגעקלאַפּט פון אויבן מיט א שטאָלן העמערל, איינס און צוויי און דריי, אזוי ווי צום טאַקט.

אויפ'ן דיוואן און ארום דעם פעטער אלטער זיינען געווען כסדר אָנגעוואָרפן הויפנס מיט אלטע, צעדרייטע און צעלעכערטע שיך, און אין א ווינקל, ביי דער גאסן־טיר איז אלע מאָל געשטאנען א צעבער מיט וואסער, וואו עס האָבן זיך געווייקט גרויסע, הארטע שטיקער לעדער פאַר זוילן. די וואסער אין צעבער פלעגט שטיין וואָכן־לאנג ניט איבערגעביטן, פלעגט זיך דעריבער פון דאָרטן פאַרשפּרייטן א זייער ניט אנגענעמענער ריח איבער דער גאַנצער שטוב. אָבער דאָס האָט ניט געשטערט דער מומע ברכה'ן צו זיצן געמיטלעך אויף א נידריק פוס־ביינקל און אַרבעטן א זאָק.

די מומע ברכה איז געווען א גאָט'ס פאַרכטיקע אידענע, מיט

א ברייט, פרום פנים, מיט א בראדעווקע אויף דער לינקער זייט פון דער מאָרדע און מיט ברילן אויף דער ברייטלעכער נאָז. זי איז געווען צוויי טראָפּן וואַסער אַזוי ווי די מאַמע אירע, די מחותנת׳טע רחל, א גוטע בעטערין זאָל זי זיין פאַר אונדז און פאַר כל ישראל.

די ערשטע פופצן יאָר נאָך דער חתונה האָט די מומע ברכה קיין קינדער ניט געהאַט, און דערפאַר קען זיין, איז זי געווען אביסעל א פארביסענע און א בייזע. זי האָט זעלטן א קינד א גלעט געטאָן, און מיט די צוויי יתומים אפילו האָט זי געלעבט ניט זייער בשלום. זי איז אָבער געווען א קלוגע און א וואויל־קענענדיקע. זי פלעגט לייענען ווי א וואַסער שמר׳ס ראָמאַנען, און אין דער ווייבערשער שול איז זי געווען די בעסטע פירזאָגערין. תשעה באב צו די קינות פלעגן זיך צו איר אין שטוב צונויפ־נעמען אַלע ווייבער פון גאַס, זיך אויסזעצן אויף דער ערד, מיט די באַרוועסע פיס הינטער זיך, אַזוי ווי די טערקן, און אין מיטן, אויף דעם קליינעם פוס־ביינקעלע, האָט די מומע אוועקגעשטעלט דעם פאַררויכערטן לאָמפּ, וואָס דער פעטער אַלטער פלעגט באַנוצן אויף זיין שוסטער־טישל. די מומע פלעגט זיך צורוקן נאָענט צום לאָמפּ, אַנזאַטלען די ברילן אויף דער נאָז, אַראָפּרוקן דאָס טיכל טיף, ביז אַריבער די אויערן, אויפעפענען דאָס אַלטע טייטש־חומש, וואָס די בלעטער זיינען שוין געווען געל און צעקנייטשט פון אַלטקייט, און לייענען מיט א געוויין די מעשיות פון קמצא בר קמצא, פון דעם חורבן טור־מלכא, פון חנה מיט אירע זיבן זין, און די שיינע מעשה פון טיטוס מיט דער פליג. זי פלעגט לייענען מיט א וויינענדיק קול, די טרערן פלעגן זיך גיסן פון אירע אויגן און אַרונטערקייקלן זיך איבער אירע באַקן, ביז צו דער בראַדעווקע, פון וועלכער עס האָבן אַרויסגעשפּראָצט צוויי דינע, לאַנגע האָר.

מחמת ער איז געווען א שוסטער, און ניט קיין סטאָליער, ווי דעם זיידנ׳ס אַנדערע קינדער, דערצו א שטילער, און א פאַר־טראַכטער און א צוריקגעצויגענער פון מענטשן, פלעגט דער פעטער אַלטער זייער זעלטן קומען צוגיין צום זיידן אין באַשקע, און אפילו ביי די אויסגעגעבענע שוועסטער און ברידער פלעגט מען אים אויך זען זייער זעלטן. דעריבער האָבן די דריי קינדער, משה׳ל, דעם

פעטער הייקל׳ס, און די צוויי יתומים, איידל און מאָטל, אָפּטמאָל נאָר פאַרגעסן אַז זיי האָבן ערגעץ אַ פעטער וואָס ער הייסט אַלטער, און איז אַ שוסטער און אַ קרומער דערצו, און אַז זיי האָבן נאָך אַ מומע, וואָס הייסט ברכה, און וואָס זי איז אַ פרומע און גאָט׳ס פּאַרכטיקע, און אַז מען קומט צו איר צוגיין אַמאָל אין אַ יובֿל, הייסט זי ראשית אָפּווישן דעם נעזל, און דערנאָך פרעגט זי, צו משה׳ל און מאָטל טראָגן זייערע ארבע־כנפות׳לעך און צו איידל קען שוין זאָגן מודה־אני אויסנווייניק. צוליב דעם אַליין פלעגן שוין די קינדער ווייכן פון דאָרט און פלעגן אפילו חנוכה־צייט זיך לאַנג מישב זיין, צו זאָלן זיי גיין אהין בעטן חנוכה־געלט. משה׳ל פלעגט קומען צום פעטער אַלטער נאָר דעמאָלט, ווען דער פעטער האָט אים געדאַרפט ארונטערנעמען אַ מאָס אויף נייע שיך.

* * *

נאָכדעם ווי די באָבע איז געשטאָרבן און דער זיידע איז געבליבן אַליין מיט דער יתומה איידל אין דער באַשקע, האָט דער פעטער אַלטער אָנגעהויבן אָפטער צו קומען אהין מיט וויזיטן.

וואָס זיין כונה איז געווען, האָט קיינער ניט געוואוסט. מחמת אַלטער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט, אפילו מיט׳ן זיידן אויך ניט.

ער פלעגט קומען צוגיין בייטאָג, ווען דער זיידע פלעגט געווײַנלעך דרעמלען אויף דער קאַנאַפּע.

די טיר אין באַשקע אריין איז בסדר געווען אָפן, און אפילו אַז זי איז געווען פאַרקייטלט פון אינווייניק, איז אויך געווען גענוג פּלאַץ פאַר אַלטער׳ן אַריינצושטעקן די האַנט און אָפּקייטלען.

אָפּגעקייטלט די טיר, פלעגט אַלטער שטיל, ווי אַ גנב אויף די שפּיץ פינגער, פּאַוואָלינקע ארונטערגיין די טרעפּ, ווייכע, ערדענע טרעפּ, וואָס פירן אין דעם זיידנ׳ס קעלער־שטוב.

געגאַנגען און אָפּגעשטעלט זיך אויף יעדן טרעפּל באַזונדער. געקוקט אַרום זיך שטיל און פאַרשנדיק. באַמערקט אַז אַלץ שטייט אויפ׳ן זעלביקן פּלאַץ, אַזוי ווי עס איז געווען בעת די באָבע האָט געלעבט. ניט מער די שטייג איז געווען אָן הינער, דאָס פעסל אָן וואַסער און דער פּריפּעטשיק, וואו די באָבע פלעגט קאָכן זומער־צייט, איז געווען אָן פייער.

אַרייַנגעקומען אין דער נידריקער שטוב וואו ס׳האָט זיך געפילט די קילקייט און פייכטקייט פון אַ קעלער, איז אַלטער גע-

בליבן שטיין ביי דער טיר, פארלייגט איין פוס ארונטער, אזוי ווי די גרויסע פייגל אויפ'ן פעלד, און געקוקט אזוי פאר א לאנגער צייט אויפ'ן זיידן, וועלכער האט געדרעמעלט מיט איין האנט אויפ'ן הארצן, און האלטנדיק דאס ספר'ל „חיי־אדם" אין דער צווייטער.

געקוקט אויפ'ן זיידן, ווי אלט ער איז געווארן און גרוי, ווי גרויס די אויגן־ברעמען האבן זיך צעוואקסן און ווי טיף די באקן זיינען בא אים איינגעפאלן און איבערגעצויגן זיך מיט א מאגערער בלויקייט. פון דארט האט דער פעטער אלטער איבערגעטראגן זיין שווייגנדיקן בליק אויף דער באבע'ס אלטן, געשניצטן בעט און צו די מעשענע הענג־לייכטער וואס זיינען, אזוי ווי פריער, געהאנגען פוןביידע זייטן באם שפיגל. דערנאך האט ער זיך ווידער פארקוקט אויפ'ן שלאפנדיקן זיידן, ביז דער זיידע האט זיך צולעצט געגעבן א כאפ־אויף און א דערשראקענער אויסגעדרייט דעם קאפ צום עלצטן זון זיינעם:

— ביזט שוין לאנג דא?

דער פעטער אלטער ענטפערט ניט גלייך, ער בייט פריער איבער איין פוס אויפ'ן צווייטן, קוקט לאנג און שווייגנדיק, און אז דער זיידע פרעגט איבער א צווייטן מאל:

— וואס טוסטו דא?

דעמאלט ערשט מאכט אלטער שטיל, אזוי ווי דורך די ציין:

— נאר ניט. גלאט אזוי.

דער זיידע זעצט זיך אויף, געניצט, קנאקט־אויס די אלטע ביינער, קוקט אויפ'ן זון און האט ניט וואס צו זאגן.

דער פעטער אלטער שטייט אליין, ווי פריער, ביי דער טיר, קוקט ערגעץ אויף דער נידריקער סטעליע, וואו א פליג האט זיך אריינגעכאפט אין שפין־געוועב און קען פון דארט ניט ארויס. זיין מח ארבעט פאוואלינקע און שווער. מען וואלט געדארפט אפקערן די סטעליע . . . ניטא ווער עס זאל טאן, איידל איז א קינד, ארבעט ביי א נייטערקע. דער טאטע איז אלט און שוואך . . . וועט אפשר שטארבן . . . ווער וועט דעמאלט זיין שמש אין דער אלטער שול?

אין מיטן גיט זיך דער זיידע א ווענד צו אים:
— גיי און רוף מיר חייקל'ן אהער.
דער פעטער אלטער פאלגט. ער דרייט זיך אוים און גייט . . .

## ח.

די ערשטע עטלעכע טעג נאך דער באבע'ס טויט, איז דער זיידע רב שלמה ארומגעגאנגען א צעטומעלטער. אלע קינדער זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין דער באשקע, אין דעם זיידנ'ס גרויסער קעלער־שטוב, און האבן זיך דארט געזעצט שבעה. חייקל איז געווען דער איינציקער, וואס האט געזען עס זאל זיין א מנין דריי מאל אין טאג, און מחמת דער זיידע אליין איז געווען שטארק דערשלאגן, און האט ניט געקענט דאווענען פאר'ן עמוד, האט אים חייקל אפילו אין דעם אויך ארויסגעהאלפן. דעם ערשטן מאל האט ער זיך געפלאנטערט אביסל, פארהיקעט זיך אין דער עברי, א פאר מאל ארונטער פונ'ם וואכעדיקן נוסח און זיך פארמישט מיט'ן יום־טוב'דיקן, נאר ביסלעכוויז האט ער זיך צוגעוואוינט, געווארן געוואגטער ביי זיך, און זיין דאווענען האט אפילו אויסגענומען אויך.

חוץ דעם האט ער נאך געדארפט זען, אז די שבעה'ניקעס זאלן האבן וואס צו עסן, מחמת אלע דריי טעכטער, דינה, חייקע און נחמה, האבן די גאנצע צייט זיך ניט אויפגעהויבן פון דער ערד און געהאלטן אין איין יאמערן אויפ'ן קול און אין זיך; האט חייקל געדארפט זען, אז די עלצטע שנור, די מומע ברכה, זאל קומען צוגיין יעדן טאג און אפקאכן א געקעכץ, וואס די שבעה'ניקעס האבן געגעסן פון א קליין, קיילעכדיק טישעלע אויף דריי פיסלעך, זיצנדיק אויף דער ערד ארום דעם. דער איינציקער פון די דריי זין, וואס האט זיך געהאלטן מונטערער און אפילו געפרואווט, בעת דער שבעה, זאגן א גלייכווערטל און א שפאס טאן, איז געווען דער אינגסטער זון, זייליק, וואס ער איז פון אלע יארן געווען פארעכנט פאר א צעלאזענעם יונג, אן אפיקורס.

אין די טעג פון שבעה האט דער זיידע ניט ארויסגעלאזן דעם ספר „איוב" פון זיינע הענט. געקוקט אין אים אן אן אויפהער; און וואס מער ער האט אין אים געקוקט, אלץ מער האט זיך אים אויסגעדאכט אז ס'איז א גרויס נארישקייט וואס

מען האָט אָנגענומען בא אידן, אז מען דאַרף לייענען דעם ספר „איוב" בעת שבעה. צומאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן אז איוב'ס טענות צו גאָט זיינען נאַריש, און אז ער, אויף איוב'ס פּלאַץ, וואָלט זיך בעסער אויסגע'טענה'ט מיט גאָט ברוך הוא. דערצו האָט ער געפילט, אז איוב'ס צרות זיינען כלל ניט זיינע; ניט מחמת זיינע אייגענע זיינען גרעסער אָדער קלענער, נאָר פשוט ווייל זיי זיינען ניט זיינע, און אז ער אליין, ווען ער וואָלט, הייסט עס, געווען בכח, וואָלט געמאכט נאָר אַן אנדער ספר, א „ספר שלמה," און אין דעם ספר וואָלט ער דערציילט זיינע צרות, זיינע וויטיקן . . . וואָלט ער דעמאָלט געוואוסט, אז דאָס איז זיין ספר „איוב," זיין אייגענער, און ניט קיין אנדערנס. באמת, האָט דער זיידע ביי זיך געטראַכט, וואָלט יעדער איד געדאַרפט זיך מאכן זיין אייגענעם ספר „איוב" . . .

אז דער זיידע פלעגט מיד ווערן פון לייענען דעם דאָזיקן ספר, פלעגט ער זיך אויפהויבן און אָנהויבן ארומשפּאַנען איבער דער גרויסער, ערדענער קעלער־שטוב, פאַרלייגט איין ארבל אין אנדערן, דעם קאָפּ, מיט דער שפּיציקער יאַרמעלקע פון אויבן, אריינגע־צויגן צווישן די אקסלען, און די אויגן, שטריינגע און פינצטערע, האָט ער געהאַלטן ארונטערגעלאָזן צו דער ערד, אקוראַט ווי ער וואָלט דאָרטן געזוכט עפּעס פאַרבאָרגענע סודות. צומאָל פלעגט ער עפּעס אריינברומען צו זיך אין דער באָרד אריין און אָפּטמאָל ארויסלאָזן א הויכן זיפץ. דעם זיפץ פלעגן אונטערכאַפּן די שבעה־קינדער, און זיך צעזיפצן און צעקרעכצן יעדער אויף אַן אנדער שטייגער. איידל, די יתומה, און נחמה, די איינגסטע טאָכ־טער, האָבן גלייך ארויסגעפּלאַצט מיט א געוויין, ביז די גאַנצע באשקע איז אזוי ווי פאַרשוואומען געוואָרן פון טרערן. דעמאָלט פלעגט זייליק זיך גיבן א הויב־אויף און צעשרייען זיך אויף א קול:

— וואָס האָט איר זיך צעיאַכמערט, וואָס? איר מיינט איר'ט די מאַמע לעבעדיק מאַכן?

פלעגן אַלע מיט אמאָל שטיל בלייבן. דער זיידע פלעגט צוגיין צו איידלען, א גלעט טאָן איר איבער'ן אנגעבויגענעם קאָפּ, און זאָגן א ווייך וואָרט צו נחמה'ן און זיך ווידער צעקרעכצן שטיל און איינגעהאַלטן: אוי, אוי . . . אָך און וויי איז מיר . . .

* * *

נאָך די זיבן טעג שבעה זיינען די קינדער זיך פונאַנדערגע־נאַנגען יעדער צו זיך אַהיים, און דער זיידע איז געבליבן אין באַשקע, אַליין מיט די גרויע, בייכיקע ווענט, און מיט אײדלען, וואָס האָט זיך דאַרט, אין גרויען שאָטן, אַרומגעדרייט ווי אַ פאַרגעסענע, אַן עלענטע, מיט רויטע אויגן פון וויינען, און מיט אַ שמאַל, קליין־קינדעריש פנימל. דער זיידע האָט געקוקט אויף איר און האָט רחמנות געהאַט.

אין דער ערשטער וואָך, נאָך שבעה, האָבן די קינדער זיך אַריינגעכאַפּט אין באַשקע כמעט יעדן טאָג, געפרעגט וואָס דער טאַטע מאַכט, וואָס אײדל מאַכט, און צי דאַרפן זיי ניט עפּעס, און צי ווייסט אײדל ווי אַזוי אָפּצוקאָכן אַ לעפּעל וואַרעמס. מאָטל, דער יתום, פלעגט קומען צוגיין יעדן פאַרנאַכט, אָנטראָגן האָלץ און איינהייצן אין רובע, און אײדל פלעגט צושטעלן ביים פייער אַ טעפּעל מיט קאַרטאָפליעס.

וואָס אַ טאָג אָלץ מער האָבן די קינדער זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז זיי האָבן קיין מאַמען ניט מער, און די אייניקלעך האָבן שוין אויך אויפגעהערט צו פרעגן, פאַרוואָס קומט ניט די באַבע. אײדל איז אוועק צוריק צו דער נייטערקע, צו דער מלאכה, און דער זיידע פלעגט גאַנצע טעג אַרומגיין איינער אַליין איבער די צוויי גרויסע חדרים פון דער באַשקע, אָפּשטעלנדיק זיך אַ מאָל לעבן דעם קאַמאָד, אַמאָל לעבן שפּייז־אַלמער און עפּטער לעבן דער באַבע'ס בעט, פיין־געשניצטן בעט. צוגעשטעלט זיך, אַראָפּ־געבויגן דעם קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן און שטיל, אין זיך, געוויינט.

און איינמאָל, אין איינעם פון די דאָזיקע אומעטיקע און שווערע טעג, איז געקומען צירל די שמש'טע, מנחם־אבל זיין דעם זיידן.

ווער איז צירל די שמש'טע?

* * *

אחוץ דעם זיידנ'ס גרויסער שול, וואו ער איז געווען שמש, איז אין שטעטל געווען נאָך אַ שול, אַ קלענערע. און מחמת די דאָזיקע שול האָט זיך אויסגעבויט אַ סך שפּעטער ווי די ערשטע, האָט מען זי גערופן די נייע שול. דער שמש פון יענער שול איז געווען אַ ברייטער איד מיט אַ לאַנגער באָרד; מעביל דער שמש, אַזוי האָט מען אים גערופן. מעביל דער שמש האָט געהאַט אַ

ווייב צירל, און צירל די שמש'טע האָט צו איר מאַן מעכיל געבוירן אַ זון, וואָס מען האָט אים גערופן ביים נאָמען — געציל.

איז דער דאָזיקער מעכיל דער שמש איינמאָל, אין אַ שיינעם זומער־טאָג, פּלוצים פאַרשלאָפּט געוואָרן און איז — ווי דער שטיינער איז פון אָרימעליים, זיך אוועקגעשטאָרבן. זיינען געבליבן צירל די אלמנה און איר זון געציל צו געוועלטיקן איבער דער נייער שול.

צירל איז געווען אַ אידענע פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק. געבויגן און געעלטערט ניט נאָך אירע יאָרן; מיט אַ פּיסקל אַ שאַרפס, מיט בלויע ליפּן, און אויגן קליינע, קאַליע און רויטע. נאָר אויסגעקוקט אויפ'ן פּנים האָט זי ניט שלעכט, און אַרום־און־אַרום איז זי געווען עפּעס מער ווי די פאַרשטאָרבענע באָבע וואָס איז, שוין באַלד אַ חודש צייט, געלעגן אין דער קאַלטער ערד.

* * *

איין גאָט ווייסט, צי צירל האָט טאַקע געהאַט עפּעס בכונה מיט איר קומען מנחם־אבל זיין דעם זיידן, אָדער ניט. אָבער געקומען איז זי, און דאָס איז געווען געגנוג אַז דער זיידע זאָל אָנגעהויבן טראַכטן מאָדנע געדאַנקען און אַרומגייען מיט אומרואיקע מחשבות דורך די טעג.

צירל האָט געעפנט דעם זיידנ'ס טיר שטילערהייט. איז אַריינגעקומען מיט אַ פרום פּנים און מיט פרום־שעפּטשנדיקע ליפּן. זי האָט געקושט די מזוזה פון דער נידריקער טיר, געקוקט שטומערהייט אויפ'ן זיידן, וועלכער איז בעת־מעשה געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער אין מיטן שטוב, און זי האָט שטילערהייט אָפּגעזיפצט. געקוקט אַרום זיך און ווידער אָפּגעזיפצט, אַזוי ווי זי וואָלט מיט דעם זיפצן און מיט דעם קוקן אַרום זיך געוואָלט אויסדריקן איר מיטלייד מיט'ן זיידן, אויף וואָס ער איז נעביך איבערגעקומען אויף די עלטערע יאָרן, צו בלייבן איינער אַליין, אַ קראַנקער, נעביך, און אַ שוואַכער, און ס'איז ניטאָ עמיצער, ווער ס'זאָל אים אפילו אביסל וואַסער דערלאַנגען . . .

— שלעכט, ר' שלמה — האָט זי געזאָגט צום סוף, אפשר אָן אַ שום כונה — צו בלייבן אויף דער עלטער איינער אַליין . . .

— און ווי גייט עס אייך, צירל? — האָט דער זיידע אָפּ־געפרעגט.

צירל האָט ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן זיך. למאי זאָל

זי לייקענען. איר זון, געציל, היט זי אָפּ ווי דאָס אויג אין קאָפּ, און ניט איר אָפּ גרויס כבוד, נאָר מיט דער שנור, מיט רייצי'ן, לעבט זי ניט זייער בשלום, און חוץ דעם איז גלאָט ניט גוט צו זיין אָן א מאַן . . .

* * *

נאָך איר אוועקגיין איז ביים זיידן אין קאָפּ געבוירן געוואָרן א געדאַנק, וואָס האָט אים ניט געלאָזט רוען עטלעכע טעג, און דערהויפּט נעכט, נאכאנאנד. צום אָנהויב האָט ער זיך אליין פארשעמט פאר דעם דאָזיקן געדאנק. ער האָט זיך אפילו אביסל דערשראָקן אויך. אָבער וואָס מער ער האָט זיך אריינגעטראַכט אין דעם געדאנק, אַלץ נאַטירלעכער איז דאָס אים פאָרגעקומען. די קינדער, האָט ער געוואוסט, וועלן אפילו קוקן אביסל קרום אויף דעם, וועלן זיך ברוגז'ן, וועלן זיך אָננעמען זייער טויטער מאמע'ס כבוד, אָבער זיי וועלן פארגעסן, זיך צוגעוואוינען . . .

דער איינציקער, מיט וועמען ער האָט געוואָלט זיך האלטן אַן עצה וועגן דעם ענין, איז געווען הייקל. האָט ער אים געשיקט רופן.

און הייקל, אַז ער האָט דערהערט, דער שווער זאָל לעבן דאַרף אים האָבן, איז ער גלייך געקומען צוגיין.

נאָר ווען ער איז געקומען, איז דער זיידע שוין געווען צו־געגרייט מיט אַלצדינג. הייקל האָט געטראָפן דעם שווער אַן אויפגעלייקטן, כמעט א פריילעכן. שוין לאַנג, דעם גאַנצן ווינטער אודאי, אַז ער האָט ניט באמערקט ביים שווער א שמייכל אויף די ליפּן.

איצט האָט ער געשמייכלט, דער זיידע. אַנטקעגן געגאַנגען הייקל'ן ביז דער טיר, אים אויסגעשטרעקט די האַנט: שלום עליכם.

— איר האָט מיך עפּעס געדאַרפט, שווער? — האָט הייקל געפרעגט.

ס'איז אים ניט איינגעפאַלן וועגן וואָס דער זיידע רופט אים, און ער האָט ניט געקענט פארשטיין, וואָס דער זיידע איז אַזוי גוט אויפגעלייגט.

נאָר כאָטש ער איז געווען פריילעך און גוט אויפגעלייגט, האָט דער זיידע פונדעסטוועגן געמאַכט אַן ערנסט פּנים, צוגעפירט דעם איידים צום טיש און אים געהייסן זיך אַוועקזעצן, און ווען הייקל האָט זיך אוועקגעזעצט, האָט דער זיידע צו אים אַזוי געזאָגט:

— הער, הייקל, איך וויל מיט דיר רעדן וועגן א וויכטיקן ענין.

חייקל האָט דערווייל אַרויסגענומען זיין טאַבאַק־פּושקע, פאַרדרייט אַ ציגאַר, און אונטערגערוקט דעם זיידן די פּושקע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ענין, שוועך לעבן? — האָט ער געפרעגט.

— ווייסט דאָך — האָט דער זיידע אָנגעהויבן מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן — איך בין אויף דער עלטער. קיין געזונטער מענטש בין איך ניט. וויפיל קען איך אינגאַנצן נאָך לעבן?

חייקל האָט זיך דערפילט אומאַנגענעם און האָט זיך אָנגע־הויבן דרייען אויפ׳ן בײנקל.

— צו וואָס, שווער לעבן, רעדט איר גאָר פון אַזעלכע זאַכן?

— פאַרשטייסטו מיך — האָט דער זיידע ווייטער גערעדט — אַ מענש לעבט ניט אייביק . . . איך האָב זיך באַרעכנט, אַז דו ביזט דער בעסטער, וואָס וועט שפּעטער קענען פאַרנעמען מיין אָרט . . .

— שווער לעבן, וואָס רעדט איר! . . . איז חייקל אויפגע־שפּרונגען פון זיין אָרט.

— דאַרפסט זיך ניט דערשרעקן — האָט דער זיידע אים באַרואיקט מיט אַ שמייכל . . . איך שטאַרב נאָך ניט . . .

— היינט צו וואָס דאַרפט איר אַזוי רעדן . . . איך האָב געמיינט, אַז איר האַלט שוין באַם שרייבן אַ צוואה . . .

— ניין, — האָט דער זיידע אַלץ געשמייכלט — קיין צוואה שרייב איך נאָך ניט, אָבער איך האָב געוואָלט אַז דו זאָלסט ווּיסן, אַז ווען די צייט וועט קומען, וועסטו איבערנעמען די חזקה אויף דער אַלטער שול . . .

— אָבער שווער לעבן . . . —האָט חייקל אויסגערופן.

— פאַרשטייסט . . . שפּעטער . . . ניט איצט . . . איצט וויל איך פון די אַנאַנדער זאַך; דו ביזט פאָרט מיין עלצטער איידים, מיין עלצטער זון, מיין בעסט קינד . . .

חייקל האָט געקוקט אויפ׳ן שווער מיט אַ צעמישטן בליק. ער האָט זיך באמת דערשראָקן פאַר אים און האָט געמיינט אַז מיט׳ן אַלטן האָט, חלילה, געטראָפן עפּעס אַ סיבה.

נאָר דער זיידע האָט אים ניט געלאָזט לאַנג טראַכטן:

— איך וויל, זאָלסט אריבערגיין מיט מיר היינט באַנאַכט אין דער נייער שול.

— אין דער נייער שול?

— קענסט ציר׳ל די שמש׳טע?

— ציר׳ל די שמש׳טע?

— א מנין מענטשן וועלן דאָרט וואַרטן . . .

חייקל האָט געגעבן א שפרונג־אויף פונ׳ם ביינקל. ער האָט אויסגעקוקט אַזוי דערשראָקן, אַז דער זיידע האָט זיך צעלאַכט, קוקנדיק אויף אים.

— וואָס־זשע — האָט ער געזאָגט — דו פאַרשטייסט ניט, וואָס איך רעד צו דיר? . . .

ניין. חייקל האָט באמת טאַקע ניט פאַרשטאַנען. דאָס וואָס דער זיידע האָט אים ערשט געזאָגט, האָט אויסגעקוקט בא אים אַזוי ווילד, משונה׳דיק און פרעמד, אַז ער האָט געמיינט דער שווער איז עובר בטל.

— טו זי אָן — האָט דער זיידע געזאָגט — מיר דאַרפן זיין דאָרט תיכף נאָך מעריב.

— ניין, ניין . . . — האָט חייקל זיך געצאַפּלט — איך דאַרף זיין אין דער היים . . . איך מוז זיין אין דער היים . . .

דער זיידע איז געוואָרן בייז. מיט אַמאָל האָט זיך צו אים אומגעקערט דער טאָן פון די פריעדיקע, איינגערע יאָרן. ער האָט זיך נעגעבן א שטעל אַוועק קעגן חייקל׳ן און א זאָג געטאָן צו אים, כמעט אַזוי ווי מיט א באַפעל:

— דו וועסט גיין מיט מיר, הערסט, חייקל?

און חייקל האָט שוין מער ניט גערעדט, נאָר האָט געטאָן אַלץ וואָס דער זיידע האָט געהייסן.

## ט.

א שפראַץ אויף טאָג האָט דאָס גאַנצע שטעטל שוין גע־וואוסט, אַז די אַלטע שול און די נייע שול האָבן זיך מתחתן געווען; אַז דער זיידע רב שלמה, דער שמש פון דער אַלטער שול, האָט חתונה געהאַט מיט ציר׳ל דער אלמנה, די שמש׳טע פון דער נייער שול. און אַז בעלי־בתים פוןביידע שולן האָבן זיך יענעם פרימאָרגן באַגעגנט, האָבן זיי איינער דעם אַנדערן אָפּגעגעבן „מזל־טוב” און זיך איבערגעוואונקן מיט אָפּשפּעטנדיקע בליקן.

— וואס קערן מיך זיך אן אצינד ? . . . — האט לאכנדיק געפרעגט וועלוול דער שניט־קרעמער, שטייענדיק אויפ׳ן גאניק פון זיין קראם און אריבערערנדיק צו יחיאל דעם אייזנקרעמער, וואס איז געשטאנען בא זיין קלייט, אויף דער צווייטער זייט גאס. נאר יחיאל האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן אויף דער פראגע. ער האט נאר געלאכט, עפעס מאדנע געדרייט מיט די אויגן און געהויבן מיט די אקסלן.

* * *

אז דעם זיידנ׳ס קינדער האבן זיך דערוואוסט פון זייער טאטנ׳ס חתונה, זיינען זיי זיך באלד צונויפגעלאפן, אזוי ווי די פארסמ׳טע, צו חייקלען אין שטוב אריין מיט א טענה, למאי האט ער עס דערלאזט, און למאי האט ער קיינעם פון זיי ניט דערציילט, אז דער אלטער האט גאר בדעה נאכאמאל חתונה צו האבן.

חייקל האט, ווי דער אמת איז, אלצדינג דערציילט, ווי אזוי דער זיידע האט אים געשיקט רופן צו זיך נעכטן שפעט פאר־נאכט; „נו און אז דער שווער זאל לעבן רופט, זאל איך אפשר ניט גיין ?" און אז ער איז געקומען, האט אים דער זיידע שוין ניט אפגעלאזט און ער האט געמוזט מיטגיין מיט אים, און זיין א מחותן ביי דער חתונה. „פרעג, צי וואס האט ער מיך באדארפט דארט ? האט זיך ניט געקענט באגיין אן מיר ? אבי די גאנצע וועלט זאל האבן צו מיר א טענה ? . . ."

דינה, דעם זיידנ׳ס עלצטע טאכטער, איז געזעסן אויף א נידריק בייגקעלע, ווי צו שבעה, און האט געקלאגט אזוי ווי נאך א טויטן:

— אזא בושה . . . אזא בושה . . . אפצוטאן אזא זאך . . . די ערד אויף דער מאמע׳ס קבר איז דאך נאך ניט רעכט פארטריקנט.

און נחמה, די יונגסטע, האט אונטערגעהאלפן:

— וואס האט ער אזוי קיין צייט ניט געהאט, וואס ?

און זייליק, דער קלוגסטער פון אלע קינדער, האט געזאגט:

— וואלט ער זיך כאטש געוועןן אן עצה געהאלטן מיט עמיצן . . .

און איינס נאָך איינס האָבן די קינדער דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געפּילט היינט גאַנץ פרי, איבערגייענדיק די גאַס, און פילנדיק ווי מען קוקט זיי נאָך פון אַלע זייטן, ווי מען טייט אויף זיי מיט די פינגער . . . „אין דער פּלייצע האָבן מיך געשטאָכן זייערע בליקן," האָט געזאָגט חייקע.

איידל, די יתומה, איז גאָר געזעסן ווי אַ דערשלאָגענע. זי האָט זיך געגנוג אָנגעהערט אין איר קינדערש לעבן ווי שלעכט ס'איז צו האָבן אַ שטיפמאַמע, האָט זי זיך אויסגעמאָלט, אַז האָבן אַ שטיפבאָבע דאַרף זיין נאָך ערגער.

ווי אַזוי וועט זי אויסקומען מיט דער נייער באָבע, וואָס זי הייסט צירל, האָט רויטע אויגן און וויל זיך האַלטן יונג?

אַזוי זיינען די קינדער אַלע געזעסן מיט אַרונטערגעלאָזענע קעפּ, קרעכצנדיק אין דער שטיל און זיפצנדיק. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי האָבן זיך צוגעגרייט אויפ'ן ניי צו זעצן זיך שבעה . . . און אַזוי ווי אָן ווערטער איז צווישן זיי געשלאָסן געוואָרן אַ מין שטומער אָפּמאַך, צו זיין ברוגז מיט'ן טאַטן, פאַר דער עולה וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן זייער טויטער מאַמען.

* * *

און מיט אַמאָל איז דער זיידע אויסגעוואַקסן פאַר זיי.

פון וואַנען האָט ער זיך פּלוצים גענומען אַהער? און ווי אַזוי איז ער אַריינגעקומען, וואָס קיינער האָט אפילו ניט געהערט, ווי די טיר האָט זיך געעפענט? . . .

דער זיידע איז געשטאַנען פאַר זיי אַ הויכער, אַ שטאָלצער און אַ בייזער. ער האָט געקוקט אויף זיי מיט אַ האַרטן, שטומען בליק, ווי דער האַר קוקט אויף זיינע קנעכט, ווען ער כאַפּט זיי ביי אַ מיאוס'ער מעשה.

עפּעס האָט ער זיך אַזוי ווי אויסגעגליכט, דער זיידע, געוואָרן יונגער און שטאַרקער; אָנגעטאָן אין זיין וואַטאָווער קאַפּאָטע, מיט אַ שמוישען היטל אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ שטעקן אין דער רעכטער האַנט, איז ער אַ ווילע געשטאַנען אַ שטומער, אַרויסלאָזנדיק גרויסע קנוילן רויך פון זיין ליולקע.

דינה איז געווען די ערשטע וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט אַזוי ווי פון שלאָף און איז געקומען צו זיך. זי האָט זיך געגעבן אַ הויב־אויף, און, אַליין ניט הערנדיק איר קול, האָט זי אויסגערופן:

— ווען ביזטו אריינגעקומען, טאטע? זיץ, טאטע . . .

און אלע קינדער האבן זיך דערפילט נאך אומאנגענעמענער און האבן זיך געדרייט אויף זייערע ביינקלעך, אזוי ווי זיי וואלטן געזעסן אויף שפיציקע נאדלען.

— מען בארעדט דעם טאטן, הא? — האט דער זיידע צולעצט אויסגערופן מיט א הארט קול, וואס האט געקלונגען אביסעלע הייזעריקלעך. ס'איז געווען קלאר, אז ער איז שטארק צעקאכט, כאטש קיינער האט ניט געקענט פארשטיין פארוואס.

דער פעטער אלטער, וועלכער איז פון אלע מאל א שטילער, א צוריקגעהאלטענער, און וואס מישט זיך קיינמאל ניט אין קיין זאך, האט איצט, פון זיין ווינקל ארויסגעבורטשעט:

— ער איז נאך גערעכט! . . .

נאר דער זיידע, אדער ער האט ניט געהערט, אדער ער האט זיך געמאכט ניט הערנדיק, האט א קלאפ געטאן מיט'ן שטעקן אן דער ערד און האט ארויסגעשריען:

— וואס האט איר געוואלט, איך זאל צו אייך אנקומען? . . . איך זאל ווארטן ביז איר'ט זיך דערמאנען און קומען מיר אפקאכן א לעפעל ווארעמס? מיר אויסוואשן א העמד, צונייען א קנעפל, אויסבעטן דאס בעט? . . .

— ער איז דען ניט גערעכט . . . — האט חייקל זיך אנ־גערופן שטילערהייט. זייליק האט אויף אים א שארפן בליק געטאן און חייקל איז געבליבן שטיל.

דער זיידע האט זיך ניט געוואלט פארענטפערן. ער האט מיט גאר ניט געזינדיקט, ער האט געטאן וואס רעכט און וואס גלייך איז. ער וויל ניט פאלן אויף די קינדער צולאסט.

— איך בין אן עלטערער מענטש — האט דער זיידע גע־טענה'ט, און זיך צוגעהאלטן מיט איין האנט ביי דער לינקער זייט — איך בין א קראנקער מענטש. איך דארף האבן ווער עס זאל ארומגיין ארום מיר . . . באנאכט דארף מען מיר מאכן הייסע אייזנס און מיר לייגן צום בויך . . . ווער וועט עס טאן, איר?

און דער זיידע האט שארף געטייטלט מיט'ן פינגער אויף די קינדער, וועלכע האבן נאך טיפער ארונטערגעלאזן זייערע קעפ און געפילט אז זיי האבן גאר ניט וואס צו זאגן אויף דעם זיידנ'ס אלע רייד. אפילו זייליק, וואס איז, דאכט זיך, געווען בייז מער

ווי אַלע, האָט אויך באַקומען אַ ווייכערן בליק אין זיינע אויגן, און האָט שוין ניט געקוקט מער אַזוי בייז אויף'ן שוואַגער חייקל, ווען יענער האָט ווידער, האַלב שטיל, אַרויסגערעדט:

— וואָס דען האָט ער געקענט טאָן, דער שווער ? . . .

און אַזוי, מיט דעם זעלביקן בייזן בליק אין די אויגן, מיט דער אויסגעגלייכטער פּלייצע און ווירדיק־אויפגעהויבענעם קאָפּ, האָט דער זיידע ווידער אַ קלאַפּ געטאָן מיט'ן שטעקן אָן דער ערד, איבערגעטראָגן דעם בליק פון איין קינד צום אַנדערן, און אָפּמעסטנדיק זיי פון קאָפּ ביז די פיס, איז ער אָן ווערטער אַרויס פון חייקל'ס שטוב, ניט זאָגנדיק אפילו גוטן טאָג.

אין יענער נאַכט איז איידל צום ערשטן מאָל געשלאָפן ביי דער מומע דינה'ן, און ליגנדיק מיט איר אין איין בעט, האָט זי זיך געטוליעט צו איר, אַריינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער מומע'ס לייב און געוויינט שטילערהיים. ערשט איצט האָט זי דערפילט דעם אמת'ן טעם פון זיין אַ יתומה.

* * *

און אין באַשקע האָט אָנגעהויבן געוועלטיקן די נייע, די יונגע באַבע.

צי האָט דער זיידע זי ליב געהאַט אָדער ער האָט גלאַט געהאַט אָפּשיי פאַר איר, אָבער זייענדיק לעבן איר, איז ער גאָר אַן אַנדער מענטש געווען. זאַכן, וואָס די באַבע האָט, ביי איר לעבן, קיינמאָל ביי אים ניט געקענט פּועל'ן, האָט די באַבע ציר'ל יאָ געפּועל'ט.

זי איז אפילו געוואָרן אַ בעל־דעה'ניצע אין דעם זיידנ'ס טיש־קעסטל.

דעם זיידנ'ס גרויסער, רויט-געפאַרבטער טיש, האָט געהאַט צוויי טיש־קעסטלעך, שופלאָדן. אין איינעם האָט די באַבע גע־האַלטן די זילבערנע לעפל און גאָפּל און איז אַלעמאָל געווען אָפן; און אין צווייטן האָט דער זיידע געהאַלטן די ביכלך פון זיינע מסחרים און מזומן געלט. און איז תמיד געווען פאַרשלאָסן.

וויפיל געלט דער זיידע האָט געהאַט אין טיש־קעסטל, און וואָס אין זיינע מסחרים האָט זיך געטאָן, האָט קיינער ניט גע־וואוסט. אפילו ניט די באַבע.

די יונגע באַבע ציר'ל האָט דאָס אָבער ניט געוואָלט ליידן. זי האָט געוואוסט אַז די שליסלען צום זיידנ'ס שופלאַד ווערט

זי קיינמאָל ניט קריגן, אָבער עטלעכע דריוונע קאפּיקעס האָט זי יאָ געפּרואווט ארויסצובאַקומען פון אים.

איינמאָל, ווען דער זיידע איז געזעסןביים טיש, מיט דער יארמעלקע אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ און מיט די ברילן אויף דער נאָז, אריינקוקנדיק אין א ספר, האָט צירל זיך אוועקגעזעצט קעגן אים, צושפּרייט די הענט אויפ׳ן טיש, און אזוי לאַנג געקוקט אויף אים, ביז דער זיידע האָט זיך געגעבן א כאַפּ אויף און זי אָנגעקוקט פארוואונדערט.

— וואָס קוקסטו אזוי אויף מיר? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס־זשע, איך טאָר ניט? — האָט זי געזאָגט און שטיל אונטערגעלאכט.

דער זיידע האָט געוואָלט מאכן א בייז פּנים, נאָר ס׳איז אים ניט געלונגען.

— ווילסט עפּעס? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס זאָל איך וועלן? — פרעגט זי און לאכט.

— פונדעסטוועגן?

— די ציין טוען מיר וויי . . . — האָט זי געזאָגט מיט א פּעסטשנדיקן טאָן און האָט פארקרימט דאָס פּנים.

— די ציין?

— יאָ.

— גיי־זשע צום דאָקטאָר.

— שוין געווען.

— נו?

— געהייסן וואשן די ציין מיט פּראָשקעס.

— נו, וואַשט מען.

— דארף מען דאך האָבן געלט צו גיין אין אפּטייק . . .

דער זיידע האָט זיך געדרייט אויפ׳ן בענקל, עס איז אים ניט געווען זייער גרינג צו עפענען דעם שופלאָד. נאָר צירל איז אים געזעסן אנטקעגן די אויגן. געקוקט אויף אים מיט א לייכט שמייכעלע אויף די ליפּן. דער זיידע האָט שוין געוואוסט וואָס דאָס שמייכעלע באַטייט . . .

שפּעטער מיט א שעה איז צירל שוין געקומען צוריק פון אפּטייק און האָט אָנגעבראכט מיט זיך א סך שיינע און שמעקנדיקע זאכן. א חוץ די פּראָשקעס און די ציין־בערשטלעך האָט זי אויך

געקויפט א שטיקל גרינע שמעקנדיקע זייף און א קליין פלעשעלע מיט א מין פליסיקייט, וואָס האָט פאַרשפּרייט זיסע ריחות איבער דער גאַנצער באַשקע.

זי האָט אָפּגעעפנט די פראַבקע און אונטערגעטראָגן דעם זיידן אונטער דער נאָז:

— טו א שמעק . . .

— איי, טשעפע זיך אָפּ . . .

פונדעסטוועגן האָט ער געשמעקט און ס׳איז אים וואויל געפעלן. זי האָט אים אַרויפגעגאָסן א פּאָר טראָפּן אויף די הענט ער האָט די טראָפּנס צעריבן און צוגעטראָגן צו דער נאָז.

— שמעקט א מחיה — האָט ער געזאָגט.

נאָר באַלד האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ער האָט זיך דערפילט ווי א קליין, נאַריש אינגל, און דאָס איז אים ניט אָנגעשטאַנען. האָט ער זיך אויפגעהויבן פונ׳ם ביינקל און אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבער דער שטוב, א צעדרייטער. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז מיט אים אינאיינעם דרייט זיך די גאַנצע באַשקע, די גרויע, בייכיקע ווענט, די קליינע פענצטערלעך און די אויסגעקרימטע טירן, וועלכע זיינען ניט געוועזן צוגעוואוינט צו אַזעלכע מאָדנע און שאַרפע ריחות . . .

ד.

איידל האָט געזען ווי אַזוי דער זיידע היט־אָפּ די נייע באַבע, און עס האָט זי געשטאָכן אין האַרצן.

זי איז אַלט געווען זיבצן יאָר און האָט געהאַט א שאַרף אויג.

צו דער באַבען, געדענקט זי, איז דער זיידע קיינמאָל אַזוי ניט געווען. קיינמאָל האָט ער דער באַבע׳ן ניט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל געלט, וויפיל ער גיט אַרוים דער באַבע צירל.

זי האָט געזען ווי די נייע באַבע וואַשט זיך דעם פּנים מיט שמעקנדיקע זייפעלעך און רייבט די יאַסלעס מיט א בערשטעלע ביז ס׳גייט בלוט. צום אָנהויב האָט דאָס איר אויסגעקוקט ווילד־נאַריש, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס וויל צירל זיך האַלטן יונג. איר שווער האַרץ האָט זי ניט געהאַט פאַר וועמען אויסצורעדן, א חוץ פאַר דער מומע דינה׳ן, און אַזוי האָבן אַלע קינדער שוין געוואוסט, אַז די „מומע" היט ניט

אָפּ דעם זיידן ווי ס׳דאַרף צו זיין; אַז זי ברענגט אים אויס ביז צו דער לעצטער קאָפּיקע, און אַז זי פּוידערט זיך אַזוי ווי דעם פעלדשער׳ס ווייב . . .

און דער רוגז צווישן די קינדער מיט׳ן זיידן איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן.

איידלען איז וואָס אַ טאָג געוואָרן ענגער אין דעם זיידנ׳ס שטוב.

דאַכט זיך געווען די זעלביקע באַשקע ווי אַלע מאָל; אַלץ איז געשטאַנען אויף דעם זעלביקן אָרט אַזוי ווי אין די טעג ווען די באָבע האָט געלעבט, און דאָך האָט זיך געפילט אַזוי ווי עפּעס אַנ׳אַנדער לופט דרייט זיך ארום איבער די צוויי גרויסע חדרים פון דער קעלער־שטוב. די גרויע, בייכיקע ווענט זיינען, האָט זיך איר געדאַכט, נאָך גרויער און נאָך בייכיקער געוואָרן, און די קליינע פענצטערלעך, נידריק ביי דער ערד, מיט די קליינע שייבלעך וואָס האָבן אַלע מאָל געפינקלט פון ריינקייט, זיינען איצט, אַזוי האָט זיך איר אויסגעוויזן, געווען פאַרשמירט און פאַרקויטיקט און פאַר־קלעפּט מיט שטיקלעך קאָלירטן פּאַפּיר; און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז די דאָזיקע קליינע שייבלעך זיינען די אויגן פון דער אַלטער, וואָרעמער באַשקע, און אַז איצט וויינען זיי, טיף־באַ־ליידיקטע, אויף דעם וואָס דער אַלטער זיידע שלמה האָט זיי איבערגעלאָזן אין די הענט פון דער באָבע צירל, וועלכע האָט מער אין זין די גרין־שמעקנדיקע זייפלעך אירע, מיט די וויים־ביינערנע בערשטלעך צו אירע ציין, איידער די באַשקע מיט אירע ניט אויסגערייניקטע קליינע שייבלעך . . .

צוליב איר, צוליב דער נייער באָבע, האָט איידל געפילט ווי זי הויבט־אָן פיינט באַקומען דעם זיידן.

זי האָט אים אפשר פריער אויך קיינמאָל שטאַרק ניט ליב געהאַט. ער איז געווען צו איר אַלעמאָל אַ שטרייטער, אַ בייזער, מיט אַ ברוגז׳ן קוק אין די אויגן און מיט אַ האַרטן קול, ווען ער האָט גערעדט צו איר. אָבער זי האָט זיך דערצויגן אונטער זיין השגחה. ער איז געווען ניט נאָר איר זיידע, נאָר איר טאַטע אויך, האָט זי זיך צוגעוואוינט צו אים, געהאַט אפשיי פאַר אים, האָט מורא געהאַט פאַר אים ווי אַ קינד האָט מורא פאַר אַ בייזן טאַטן.

איצט איז זי געווען שוין א דערוואקסענע. איר יונגער מח האט פארשטאנען אז עס דארף ניט זיין אזוי ווי עס איז. זי האט געפילט אז דער זיידע האט פארשוועכט דעם אנדענק פון דער באבע רחל און האט פאראומווירדיקט די ליבע באשקע דערמיט וואס ער האט אריינגענומען אהער פאר א ווייב די אלמנה צירל. זי האט צירלען פיינט געהאט.

און מחמת דעם וואס זי האט די נייע באבע ניט ליב געהאט, פלעגט זי כסדר ארומגיין א ברוגז'ע. פלעגט ניט רעדן מיט קיינעם. ניט מיט'ן זיידן, ניט מיט דער באבען. אירע דינע ליפן זיינען געווען פארשלאסן, און דער בליק אין אירע אויגן — אזוי ווי די שארף פון שטאל. באנאכט פלעגט זי וויינען אויף איר געלעגער, און אינדערפרי פלעגט זי אוועקגיין צו דער נייטארין מיט רויטע אויגן.

אמאל אין די שבתים, אז זי פלעגט קומען צו דער מומע דינה'ן, פלעגט זי זיך אביסל אפרעדן פונ'ם הארצן. פאר דער מומע דינה'ן פלעגט זי זיך קלאגן אזוי ווי זי וואלט געווען איר אייגענע מאמע. זי האט זיך געקלאגט אז איר איז שלעכט באם זיידן, שלעכט נאר אן א גרונד.

— וואס טוט זי דיר דען, די באבע? — פלעגט די מומע דינה איבערפרעגן.

— זי טוט מיר ניט גאר ניט, נאר איך קען אויף איר ניט קוקן . . . — איז געווען איידל'ס שטענדיקער ענטפער.

איינמאל אין א זומער פארנאכט, איז איידל געקומען פון דער נייטארין, און האט אין באשקע קיינעם ניט געטראפן. דער זיידע, האט זי פארשטאנען, איז אודאי אין שול, ביי מנחה, און די באבע — מסתמא זיצט זי ערגיץ צווישן די ווייבער און רעדט רכילות . . . איידל איז אוועק אין פיר־הויז, האט אנגע־גאסן א שיסל קאלטע וואסער און האט גענומען זיך ארומוואשן.

דערווייל האט זי אויף דער פאליצקע דערזען דער באבע צירל'ס גרין־שמעקנדיק זייפל, מיט וועלכן זי נאר אליין האט זיך געזייפט דאס פנים.

איידל האט באקומען א מורא'דיקן יצר־הרע צו דעם דאזיקן גרין שמעקנדיקן זייפל.

די ריחות פון דעם האט זי אלע מאל פארנומען. עס פלעגט

איר אַלעמאָל קריכן אין דער נאָז. נאָר מחמת זי האָט פיינט געהאַט די שטיף־באַבע, האָט זי פיינט געהאַט דאָס גרינע זייפל, נאָר איצט, קוקנדיק אויף דעם, האָט זי באַקומען אַ מורא׳דיקן חשק צו פאַרזוכן דעם טעם פון אַזאַ זייף אויף איר יונגן פּנים.

אַ גאַנצע וואָך פלעגט איידל זיך וואַשן נאָר אָן זייף, און נאָר פרייטיק פאַרנאַכט, לכבוד שבת, פלעגט זי נעמען אַ שטיקל גראָבע זייף, פון דער וועש, און דערמיט זיך רייבן דאָס פּנים און דאָס לייב.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט זי געקוקט אויף דעם דאָזיקן גרין־שמעקנדיקן זייפל, וואָס האָט אַזוי ווי אַראָפּגעוואונקען צו איר פון דער פּאָליצע, און צוויי מאָל האָט זיך שוין איר האַנט אויס־געשטרעקט דאָס צו נעמען, און בײדע מאָל האָט זי די האַנט צוריקגעכאַפּט אַ דערשראָקענע. צו לעצט אָבער האָט זי זיך גע־מאַכט הארץ, אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל זייף, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, און אָנגעהויבן צו זייפן זיך.

די זייף האָט געשמעקט, די ווייסע מילינקעס האָבן געגלעט איר פּנים, געקראָכן אין די אויגן — ס׳איז איר וואויל געפעלן.

און אַט אַזוי, מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט דער זייף אויפ׳ן פּנים, האָט זי פּלוצים דערפילט ווי די באַבע צירל איז, אַזוי ווי פון אונטער דער ערד אויסוואַקסן לעבן איר.

זי האָט גיך אָוועקגעלייגט די זייף צוריק אויף דער פּאָליצע און מורא געהאַט אַ דריי צו טאָן דעם קאָפּ. זי האָט אָבער געפילט אַז איר שמאָלע פּלייצע ווערט דורכגעשטאָכן פון אַ בייזן, שאַרפן בליק.

צירל האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— אַנדערש ביזטו ניט געוואוינט געוואָרן ביי דיין טאַטן? נאָר מיט גרינער זייף דאַרפסטו זיך וואַשן?

און האָט איר אַ קניפּ געטאָן אין דינעם, נאַקעטן אָרעם.

איידל האָט אַ קוויטש געטאָן און איז מיט דער זייף אויפ׳ן פּנים אַנטלאָפן אינווייניק, אין באַשקע אַריין.

* * *

יענעם אָוונט האָט איידל זיך געטראָפן מיט׳ן ברודערל, מיט מאָטלען, און האָט פאַר אים זיך אויסגעוויינט איר ביטער האַרץ.

— ס׳איז מיר שלעכט, ברודער, זייער שלעכט . . . — האָט זי געוויינט און זיך געטוליעט צו אים.

אין מאַטלען האָט זיך צעקאָכט דאָס בייזע בלוט.

— איך וועל איר ווייזן ווי צו קנייפּן מיין שוועסטער!

— האָט ער זיך געבייזערט און געמאַכט פויסטן פון זיינע הענט.

ער איז אַלט געווען דעמאָלט גאַנצע פופצן יאָר, אָבער ער איז געווען ברייט און צעוואַקסן, גאָר ניט נאָך זיינע יאָרן.

אַליין האָט ער אויך געטראָגן אַ בייז האַרץ אויף דער נייער באָבען, כאָטש ער האָט ניט געוואוסט קלאָר פאַרוואָס. מיט'ן זיידן האָט ער אויך קיינמאָל גוט ניט געלעבט, ווייל דער זיידע פלעגט אים רופן שייגעץ און אים שלאָגן מיט'ן פּאַסיק פון די הויזן.

און אויפ'ן צווייטן פרימאָרגן, בעת דער זיידע רב שלמה איז געווען אין שול און איידל איז אַוועק צו דער נייטאָרין, האָט מאָטל זיך אַוועקגע'גנב'עט פון דער אַרבעט און איז אַוועק אין באַשקע אַריין, צו דער באָבע צירל.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דאָס בלוט אין אים געקאָכט און די הענט האָבן אים געביסן. איצט איז ער מער געלאָפן ווי גע־גאַנגען. איז אַרויס פון דעם פעטער זייליק'ס הויז, און איז אַוועק מיט הינטערוועגן איבער פּלויטן אַריבער, ביז ער איז אָנגעקומען צו דער באַשקע.

די באָבע צירל איז געווען איינע אַליין, זי איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, אַ פאַרוואונדערטע, ווען זי האָט דערזען מאָטלען אַריינלויפנדיק.

— זע נאָר — האָט זי געזאָגט מיט אַ גוט קול — וואָס ביזטו אַזוי פאַרסאָפּעט?

זי האָט חנ'עוודיק פאַרצויגן די דינע ליפּן און געשמייכלט צו אים.

אויף דער ערשטער מינוט איז מאָטל געבליבן שטיין אַזוי ווי אַפּהענטיק. די הענט האָבן זיך אים אַרונטערגעלאָזן פוןביידע זייטן אַזוי ווי קלעצלעך און פון אונטער די פיס, האָט ער געפילט, גליטשט זיך אַוועק די ערד און די גאַנצע באַשקע. ער האָט געפילט ווי אַ שפּיי צו טאָן דער באָבען אין פּנים און אַנט־לויפן. אָבער ער האָט עס ניט געטאָן. ער האָט געציטערט, אַזוי ווי עס וואָלט געווען ווינטער אין גרעסטן פראָסט. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס האָט איר צו מיין שוועסטער, וואָס? . . .

די באָבע צירל איז געשטאַנען אים אנטקעגן, מיט די הענט פאַרלייגט אויפ'ן האַרצן, און האָט מיט שמייכלענדיקע אויגן גע־קוקט אים אין פנים אַריין.

— ווער האָט דיר דען געזאָגט אַז איך האָב עפּעס צו איר? האָט זי געלאַכט.

— פאַר וואָס האָט איר זי נעכטן געשלאָגן, פאַרוואָס?
— האָט ער אַרויסגעפּלאַצט און דאָס גאַנצע פנים איז אים געוואָרן פייערדיק רויט. די אָדערן אויף זיינע הענט האָבן זיך אָנגעצויגן אָן זיין וויסן. ער האָט געפילט אַז ער קען שוין מער ניט קוקן אויף דער באָבע צירל מיט איר שמייכלענדיק פנים.

— ווער, איך? — האָט זיך די באָבע אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ קול פון אַ טיף־באַליידיקטן מענטשן — אַנו זאָג עס נאָכאַמאָל, וועל איך דיך אַרויסוואַרפן פון שטוב, ווי גרויס דו ביזט! . . .

וואָס ווייטער מיט מאָטלן איז געשען, האָט ער שוין אַליין קלאָר ניט געדענקט. ער געדענקט נאָר ווי די הענט זיינע האָבן זיך אַ ריס געטאָן צו דער באָבען. צי האָט ער זי געשלאָגן? ער ווייסט ניט. ער האָט בלויז געהערט איר קוויטש, און ער איז אַנטלאָפן פון דער באַשקע. אָבער געלאָפן איז ער ניט צוריק צום פעטער זייליס, נאָר אַוועק צום פעטער חייקל און צו רעד מומע דינה און צו זיין געשוועסטער־קינד משה'ל.

* * *

אין אַ ווײַלע אַרום האָט די גאַנצע גאַס געקאָכט. מען האָט געזען דעם זיידן רב שלמה לויפנדיק מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע און מיט זיין שטעקן אין דער האַנט. ער איז געלאָפן אַ בייזער, אַ ווילדער, מיט אויגן וואָס האָבן געברענט אין די לעכער. די גרויע באָרד האָט זיך געשפּרייט אין דער ברייט און דער ווינט האָט צעבלאָזן די ברעגן פון זיין קאַפּאָטע, אַזוי ווי די פליגלען פון אַ ווילדן פויגל. געלאָפן איז דער זיידע גלייך צום פעטער זייליק.

און כאָטש דער זיידע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויפ'ן וועג, און כאָטש ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט און קיינעם ניט דערציילט וואוהין און נאָך וואָס ער לויפט, האָט די גאַנצע גאַס באַלד געוואוסט:

— דער יתום מאָטל האָט געשלאָגן די באָבע צירל.

אַנדערע האָבן שוין צוגעלייגט אַז ער האָט זי געוואַלגערט

אויף דער ערד, געשלאָגן זי מיט די פיס אין בויך, און איצט ליגט זי, די באָבע צירל, מיט קאמפּרעסן אויפ׳ן לייב.

אין דער אמת׳ן איז גאָר צירל דעמאָלט אוועקגעלאָפן צו איר זון, געציל דער שמש, און האָט זיך פאר אים צעוויינט:

— געשלאָגן האָט ער מיך, דער רוצח, מיט די קולאקעס אין פנים האָט ער מיר דערלאַנגט. אז א דונער זאָל אים דער־שלאָגן.

און דער זיידע איז דערווייל צוגעלאָפן צו זייליק׳ן, איז גע־בליבן שטיין אויף דער שוועל, געקוקט בייז אויף זייליק׳ן און אויף זיין ווייב שרה־ביילע, און געזוכט מיט די אויגן מאָטלען.

— וואו איז ער, דער שייגעץ? — האָט ער ארויסגעברומט.

— ווער? — האָט זייליק איבערגעפרעגט.

— האָב אייך אכציק שווארץ יאָר אלע אינאיינעם! — האָט דער זיידע געשריען און געקלאַפּט מיט׳ן שטעקן אָן דער ערד — דאָס האָט איר דאָך אים אָנגעשיקט ער זאָל שלאָגן מיין ווייב! . . . ס׳שטעכט דאָך אייך אין די זייטן וואָס דער אלטער טאַטע האָט א מקום מנוחה אויף די עלטערע יאָרן.

— וואָס רעדט איר, שווער לעבן . . . — האָט שרה-ביילע זיך אריינגעמישט א דערשראָקענע.

— וואו איז ער, דער רוצח! — האָט דער זיידע געשריען נאָך העכער און איז אריין אינוויינעק אין זייליק׳ס סטאָליארנע.

ניט געפינענדיק אים ביי זייליק׳ן, איז דער זיידע, נאָך מער ווילד און נאָך מער צערייצט, ארויסגעלאָפן פון דאָרט מיט׳ן היטל אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ, געפּאָכט מיט׳ן שטעקן אין דער הויך, און געשריען איבער דער גאַנצער גאַס:

— מיט׳ן עטאַפּ וועל איך אים ארויסשיקן פון דאַנען, דעם ממזר! אין אסטראָג וועט ער ביי מיר פארפוילט ווערן! . . .

רעדלעך מענטשן האָבן זיך פארקליבן אויף די גאַסן, נאָכ־געקוקט דעם צערייצטן זיידן און געלאַכט אין די הויפנס.

— ער איז עובר בטל, דער אלטער — האָט געזאָגט א קרעמער.

דער זיידע האָט ניט געהערט און ניט געזען קיינעם. ווי א ווילדער שפּארבער, מיט א צעשפּרייטער קאפּאטע, איז ער געלאָפן ארונטער מיט׳ן וועג צו חייקל׳ס שטוב.

* * *

די מומע דינה האָט זיך דערוואוסט אַז דער טאַטע אירער לויפט אַהער מיט כעס, און אַז אויפ׳ן וועג האָט ער באַגעגענט וואַסילי דעם סאָצקי, און האָט אים מיטגענומען מיט זיך.

אַ דערשראָקענע איז זי אַרויסגעלאָפן אויפ׳ן הויף און אויסגעזוכט מאָטלען מיט משה׳לן. זיי זיינען ביידע געזעסן אין אַ ווינקל פון דער הילצערנער קאַמער.

מאָטל האָט דערציילט משה׳לן ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, און משה׳ל האָט געקוקט אויף אים מיט דרך ארץ.

— גיכער, מאָטל, אַנטלויף פון דאַנען! — האָט די מומע דינה צו אים געשריען — דער זיידע לויפט אַהער מיט׳ן סאָצקי.

מאָטל האָט אַ ציטער געטאָן, נאָר ער האָט געמאַכט אַ פּנים ווי ס׳אַרט אים ניט.

— זאָל ער לויפן — האָט ער געזאָגט — איך האָב ניט מורא.

— וואָס רעדסטו, מאָטל, גאָט איז מיט דיר — האָט די מומע צו אים געטענה׳ט — דו ביזט דאָך ניט קיין צוגעשריבענער, ווייַ איז מיר. וועסט דאָך, חלילה, פאַרפאַלן ווערן ערגעץ אין אַסטראָג!

דערהערט דאָס וואָרט אַסטראָג, האָט זיך מאָטל שוין אויף אַן אמת איבערגעשראָקן און האָט זיך געלאָזט לויפן.

— וואוהין לויפסטו, וויי איז מיר! — האָט די מומע געבראָכן מיט די הענט.

דאָ האָט משה׳ל, וואָס איז געווען איינע יאָרן מיט מאָטלען, דערפילט אַז ער דאַרף עפּעס טאָן. האָט ער אָנגענומען מאָטלען ביי דער האַנט און העלדיש אַ זאָג געטאָן:

— קום, מאָטל, איך גיי אויך מיט דיר!...

ער איז אַריינגעלאָפן אין הויז, אַרונטערגעכאַפּט פון אויפ׳ן אויוון אַ שוואַרץ ברויט, איינגעוויקלט דאָס אין אַ זעקל פון מעל, און גענומען מאָטלען אונטער׳ן אָרעם:

— קום!

און זיי זיינען ביידע אַוועק אויפ׳ן וועג צו דער אַלטער באָד.

געקומען איז דער זיידע דווקא אַליין, אָנ׳עם סאָצקי, און איבערגענומען ביי דער טיר האָט אים חייקל. פאַר חייקלען האָט דער זיידע געהאַט אַביסל אָפּשיי.

— קאָכט זיך ניט, שווער לעבן — האָט חייקל אים באַרואיקט און אים אַריינגעפירט אין שטוב.

און ווען דינה איז אריינגעקומען, האָט זי דעם טאַטן שוין געטראָפן זיצנדיק אויף אַ ביינקל און אויסרעדנדיק זיך דאָס האַרץ פאַר חייקלען.

## יא.

צוריק צום זיידן אין באַשקע האָט זיך איידל שוין ניט אומ־געקערט; זי האָט געפילט, אַז ווידער זיין מיט דער שטיף־באָבען אונטער איין דאַך, וועט זי שוין ניט קענען.

זי האָט זיך אפילו געשעמט איבערצוגיין די גאַס. ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אַלע ווייסן וואָס ס'איז פאָרגעקומען ביים זיידן אין באַשקע, ווי אַזוי איר ברודער מאָטל האָט זיך פאַר איר אָנגענומען און געשלאָגן די באָבע. זי האָט ניט געזען דעם בייזן זיידן, בעת ער איז געלאָפן איבער דער גאַס מיט'ן שטעקן אין דער האַנט און געזוכט מאָטלען אין אַלע הויפן; אָבער אַז זי האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגן אַ ווײַלע, האָט זי געזען דאָס דאָזיקע גאַנצע מיאוסע בילד, און אַ שוידער איז איר איבער־געלאָפן איבער דער שמאָלער פּלייצע.

ניין. צוריק צום זיידן אין באַשקע וועט זי ניט גיין, וואָס דען קען זי טאָן, אַן אָרים מיידל, אַ יתומה? . . .

אָט וואָס זי וועט טאָן: זי וועט זיך אָפּדינגען ערגעץ־וואו אַ ספּאַלניע, אַ צימערל אַ קליינס, און וועט ווערן אַ באַלעבאַסטע פאַר זיך אַליין. נייען קען זי שוין אַביסל, וועט זי אריינגעמען אַ ניי־מאַשין אויף אויסצאָלן, און וועט אַליין אָננעמען אַרבעט. ס'וועט זיין זייער נוט.

און אַזוי גיך ווי דער דאָזיקער פּלאַן איז צייטיק געוואָרן ביי איר אין געדאַנק, האָט זי אים דערציילט דער מומע דינה'ן.

און זי האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— דו, מומע דינה, ביזט די איינציקע, וואָס דו ביזט צו מיר אַזוי ווי אַ מאַמע, נאָך מיין מאַמע'ס און נאָך דער באָבע'ס טויט.

האָט איר די מומע דינה געגלעט איבער'ן קאָפּ, געקושט אויפ'ן שטערן און געענטפערט:

— אודאי אַזוי, אודאי אַזוי, מיין קינד.

און אַז איידל האָט איר פאָרגעלייגט דעם פּלאַן, פון ווערן אַ שניידערקע פאַר זיך אַליין, האָט די מומע דינה איר געזאָגט:

— זע וואָס פאַר א קינד דו ביזט. מען קען דאָך ניט ווערן א שניידערקע מיט די הוילע צען פינגער.

האָט איידל אויף איר א קוק געטאָן מיט טרערן אין די אויגן, און האָט שטיל געמורמעלט:

— טאַקע אמת, מומע, טאַקע אמת.

— נאָר וואָס דען, — האָט די מומע ווייטער געזאָגט — דו דאַרפסט ניט גיין זוכן קיין ספּאַלניעס, און דו דאַרפסט ניט קויפן קיין מאַשין.

— וואָס דען, מומע ?

— זיי ביי מיר. וועסט מיר, חלילה, ניט ענג מאכן. און נייען וועסטו אויף דער „רוטשנאָי" מאַשינדל. ס'וועט דיר שווער זיין צו דרייען מיט דער האנט ? נו, וועט דיר משה'ל ארויסהעלפן.

איידל האָט געלאכט מיט טרערן אין די אויגן און האָט געקושט די מומע.

* * *

און אזוי איז איידל פארבליבן וואוינען ביי דער מומע דינה און ביים פעטער חייקל אין שטוב. געשלאָפן איז זי אין מיטלסטן חדר. דאָרט איז אויך געשטאַנען א טיש צום עסן און א בעטל פאַר משהלען. אויף דעם דאָזיקן עס־טיש פלעגט איידל ארויפ־שטעלן די האנט־מאַשין, און משה'ל האָט איר ארויסגעהאָלפן אין דער מלאכה. ווען איידל האָט ניט געדאַרפט ארבעטן אויף דער מאַשין, און האָט געהאַט צו נייען מיט דער נאָדל, פלעגט משה'ל אָפּט זיצן לעבן איר און איר לייענען מעשה־ביכלעך, אָדער א לידל וואָס ער האָט אליין „פאַרפאַסט," אָדער א רירנדיקע געשיכטע, וואָס ער האָט אליין אָנגעשריבן. משה'ל האָט ליב געהאַט צו שרייבן. אז ער האָט איבערגעלייענט שמר'ס א ראָמאַן, איז ער געוואָרן אזוי גערירט, אז ער האָט גלייך נאָכגעמאַכט אזא ראָמאַן, אויף זיין אייגענעם שטייגער: וועגן א מיידל, א יתומה, וואָס א שלעכטער מענטש האָט זי פאַרפאָלגט און פאַרפירט . . . די מעשה האָט ער געלייענט פאַר איידלען, און איידל האָט געוויינט מיט בלוטיקע טרערן, און דערצו האָט זי נאָך באַמערקט:

— ווען איך וואָלט ניט וויסן, אז דאָס האָסטו אליין געמאַכט, וואָלט איך געמיינט, אז דאָס האָט געמאַכט גאָר א גרויסער מענטש.

משה׳ל האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרויסן קאָמפּלימענט, און ער איז ביי זיך גאָר געהויבן געוואָרן.

* * *

אין שטעטל האָט מען גערעדט, אַז צווישן איידלען און משה׳לען וועט זיין אַ שידוך. און פאַר וואָס טאַקע ניט?ביידע וואוילע קינדער. ביידע פון איין יחוס, און ליב האָבן זיי זיך אויך. פאַר וואָס טאַקע ניט.

אָבער די קינדער אַליין האָבן וועגן דעם קיינמאָל ניט גערעדט צווישן זיך.

ביינאַכט האָט משה׳ל אָפט געטראַכט גרויסע טראַכטענישן. אים האָט זיך געוואָלט ווערן אַ גרויסער מענטש. וואָס הייסט אַ גרויסער מענטש? — אַ שרייבער. וואָס הייסט אַ שרייבער?

— וואָס דאָס איז פאַר אַ מלאכה, האָט ער ניט געוואוסט, נאָר דעם בעסטן ביישפּיל פון אַ שרייבער, האָט משה׳ל געזען אין שמר׳ען. ע, ווען ער וואָלט אַזוי געקענט שרייבן ווי שמר! ... ער מוז אודאי זיין אַ גרויסער מענטש, דער שמר! ...

און אַז ער פלעגט ליגן אויף זיין בעטל ביינאַכט, און קעגן אים, אויף אַ צווייט בעטל, איז געשלאָפן די יתומה, איידל, מיט משה׳לס קלענערער שוועסטערל, עלקי, וואָס זי איז געווען אַ נאָמען נאָך איידל׳ס פאַרשטאָרבענער מאַמע, פלעגט משה׳ל דע־מאָלט טראַכטן, אַז אָט איז ער שוין גרויס, אויסגעוואַקסן, און איז שוין אַ שרייבער, און ער פאַרדינט שוין אַסך געלט, און ער וואוינט אין אַ שיין הויז, אַזוי ווי ר׳ אַלטער טשאַס׳ס, און האַלט אַפילו אַ דינסט אויך. ניין, וואָס דען, איידל, זיין איידל וועט אַליין וואַשן גרייט און שייערן די פּאָדלאָגעס? ... איידל? ... אודאי איידל, ווער דען וועט זיין זיין ווייב? ...

און כאָטש ער האָט אַלע מאָל זיינע וואַכעדיקע חלומות געשלאָסן מיט דעם, וואָס איידל איז זיין ווייב, האָט ער פונ־דעסטוועגן געפילט, אַז די דאָזיקע זאַך וועט אפשר קיינמאָל ניט געשען. ראשית איז ער נאָך אַזוי יונג, און אַ בחור דאַרף דאָך פריער גיין דינען דעם קייסער, איידער ער קען חתונה האָבן. און איידל וועט אַזוי לאַנג ניט וועלן וואַרטן אויף אים.

עס וועט אים דען באַנג טאָן, אַז איידל וועט ניט וואַרטן? ... דאַכט זיך אַז ניט ... ליב האָט ער זי טאַקע, נאָר ניט אַזוי ווי עס ווערט דערציילט אין שמר׳ס ראָמאַנען ...

* * *

אין דער זעלביקער צייט פלעגט איידל ליגן אויפ'ן צווייטן בעטל, קענגאיבער, און טראכטן גאר אנדערע געדאנקען.

משה'ל איז איר צומאל אפילו אויפ'ן זינען ניט ארויף.

זי איז שוין געווען דעמאלט א גאנצע „בארישניע"; פאר־קעמט די האר אין דער הויך, געטראגן א לאנג קליידל, אליין אנגענומען ארבעט, און אליין פארדינט געלט. בסוד האט זי שוין געהאט אפגעשפארט א קאפיטאל פון צוואנציק זילבערנע רובל, און דאס געלט האט זי אוועקגעגעבן דעם פעטער יאסל, דעם בעקער, צו באהאלטן.

געטראכט האט זי יא פון א יונגנמאן, נאר ניט פון משה'לען. משה'ל איז נאך א אינגל, וואס אז ער דארף זיך אפשערן די האר, דארף ער נאך בעטן ביים טאטן צען קאפיקעס.

געטראכט האט זי פון פאליק'ן, דער הויך־געשטרעקטער, שיין־געפוצטער העמדל־פרעסער.

פאליק איז געקומען צופארן פון א גרויסער שטאט, געעפענט א האנט־וועשעריי און איז אליין געווען דער פרעסער. אז ער האט אויסגעפרעסט א אויבערשט העמד אדער א זיידענע בלוזע, האט עס געפעכלט אין אויג. דעם גאנצן טאג איז ער געשטאנען ביים אפענעם פענצטער וואס האט ארויסגעקוקט אין גאס, די ארבל פארקאטשעט ביז אריבער די עלנבויגנס, און ס'האבן זיך ארויסגעזען זיינע מוסקל־שטארקע הענט, באוואקסן מיט קליינע, בלאנדע הערעלעך. געשטאנען ביים פענצטער, געפרעסט מיט דער שווערער פרעס, אז צומאל האט די פארע איינגאנצן אים איינ־געשלונגען. איז אבער די פארע צעגאנגען, האט ער זיך ווידער באוויזן, פאליק, מיט די ברוין־לאכנדיקע אויגן און מיט די צוויי שורות ווייסע, שטארקע ציין. געזונגען האט ער פיין, און געלאכט האט ער צו אלע מיידלעך וואס זיינען פארבייגעגאנגען זיין פענצ־טער. און איבערהויפט האט ער געשמייכלט צו איידלען.

אז איידל איז געגאנגען אין גאס, געדארפט ערגעץ אננעמען אדער אפטראגן ארבעט, פלעגט זי אנליינגן וועג און פארבייגיין אלע מאל פאליק'ס פענצטער. דאס חיות איז איר אויסגעגאנגען, אפצושטעלן זיך א ווייל לענגער, בעסער איינקוקן זיך אויף אים, פארפירן מיט אים א שמועס, אבער ס'האט זיך איר אלע מאל אויסגעוויזן, אז עמיצער קוקט איר נאך, טייט אויף איר מיט די פינגער, רופט זי אן מיט שלעכטע נעמען און שעלט זי מיט

בייזע קללות. ווען זי האָט געהאט אָט דעם געפיל, האָט זיך איר אַלע מאָל אויסגעוויזן, אַז זי שפּירט די באַבע צירל הינטער זיך, מיט אירע דריוונע, ווייסע ציינדלעך, וואָס שיינען פון דעם בערש־טל, מיט וועלכן זי רייניקט זיי יעדן טאָג.

אָט, ווען עמיצער וואָלט איר פאַליק'ן גערעדט פאַר א חתן . . .

* * *

צום זיידן אין באַשקע איז זי ניט געקומען. און ניט נאָר זי, נאָר קיינער פון די קינדער איז אַהין ניט געגאַנגען. עפּעס אַזוי ווי אַלע זיין, אַלע טעכטער, אַלע איידימס און אַלע שניר וואָלטן זיך אינאיינעם אָפּגערעדט, ניט א שמעק צו טאָן צום זיידן און צו זיין צווייטן ווייב.

צום אָנהויב האָט עס דעם זיידן כלל ניט געאַרט. פאַרקערט, ער איז נאָך געווען צופרידן. ער האָט ניט געוואָלט מען זאָל צו אים קומען, ער האָט ניט געוואָלט מען זאָל אים נאָכקוקן און זען ווי ער לעבט. אפשר האָט ער מורא געהאט פאַר א גוט־אויג? און אפשר האָט ער זיך געשעמט, אַז מענטשן זאָלן זען ווי א איד מאַכט זיך נאַריש און קינדעריש אויף די עלטערע יאָרן? . . .

א גאַנצן טאָג האָט דער זיידע קיין שום אַרבעט ניט געהאַט. אין דער פרי, נאָכ'ן דאַווענען, פלעגט ער אָנטאָן די לאַנגע קאַפּאָטע, נעמען אין דער האַנט דעם שטעקן און אַוועקגיין ביז צום איידים'ס בעקעריי, און זיך אַוועקגעזעצט דאָרט אויף דער לאַנגער באַנק, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן גאַניק. פלעגט ער זיצן אַזוי און רויכערן די ליולקע און זיך וואַרעמען קעגן דער זון.

צומאָל פלעגט ער זען פון וויטנס א זון זיינעם דורכלויפן שנעל־איילנדיק, אָבער יענער האָט דעם אַלטן טאַטן ניט באַ־מערקט און ניט אָפּגעשטעלט זיך לעבן אים. צום אָנהויב האָט עס אים ניט געאַרט, דערנאָך אָבער האָט ער אָנגעהויבן פילן ווי עס טוט אים וויי זייער האַלטן זיך פון וויטן. אפילו די טאָכטער חייקע און דער איידים יאָסל, דער בעקער, וואָס ביי זיי אויפ'ן גאַניק איז ער געזעסן יעדן טאָג א שטיק צייט, אפילו זיי האָבן אים אַזוי ווי ניט באַמערקט, און זיינען אָפּגעקומען מיט א קאַלטן גוט־מאָרגן — גוט־יאָר.

די איינציקע צוויי וואָס האָבן צום זיידן זיך באַצויגן אַביסעלע בעסער, זיינען געווען דער עלצטער זון, אַלטער, און דער עלצטער איידים, חייקל.

אלטער האָט געוואוינט איבער'ן וועג פון יאָסל'ס בעקעריי, און אז ער האָט געזען דעם אלטן טאטן זיצנדיק, פלעגט זיך אין אים צעוואַרעמען דאָס הארץ. פלעגט ער אוועקלייגן דעם שוך פון דער האנט, און אזוי, מיט'ן לעדערנעם פארטוך אָנגעטאָן, פלעגט ער אריבערקומען צום זיידן, ארויפגיין אויפ'ן גאניק, אוועק־שטעלן זיך קעגן זיידן, פארלייגן די הענט אויפ'ן הארצן, און, ווי זיין שטייגער איז, קוקן און קוקן אָן אן אויפהער, ביז דעם זיידן פלעגט מיאוס ווערן דאָס דאָזיקע שטייעניש, און ער פלעגט זיך צעבייזערן אויף אים:

— וואָס גייסטו ניט ארבעטן, וואָס?

פון דעם געשריי פלעגט זיך אַלטער דערשרעקן ווי אַ קליין אינגל, און ניט רעדנדיק אַ וואָרט, פלעגט ער אוועקגיין צוריק אהיים.

נאָר אז חייקל איז צוגעקומען צום גאניקל האָט דער זיידע נאָר אָפּגעלעבט.

מיט חייקלן האָט ער אַלע מאָל געהאט וואָס צו רעדן, און וואָס מער ער האָט מיט אים גערעדט, אַלץ מער האָט ער געהאט צו רעדן.

ביי אים פלעגט דער זיידע אַלע מאָל זיך נאָכפרעגן אויף איידלען. ווי אזוי זי לעבט, צי זי פארדינט, און ענדיקן פלעגט ער אַלע מאָל מיט אַ קרעכץ: וואָס וועט זיין דער תכלית?

און חייקל פלעגט איבערפרעגן:

— וואָס זאָל זיין דער תכלית?

און מיט דעם האָט זיך אַלע מאָל געענדיקט דער שמועס.

# יב.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז פאליק דער העמדל־פרעסער פארשוואונדן געוואָרן פון שטעטל, און איידל איז פארבליבן מיט אַ ביינקעניש אין הארצן.

און געוועזן איז עס נאכדעם ווי זי האָט זיך שוין געהאט אביסל באקאנט מיט אים; געגעבן אים אירע בלוזעס צום פרעסן, און אַ פּאָר מאָל שוין געגאנגען מיט אים אויף אַ שפּאציר. ער האָט געשמייכלט צו איר, גערעדט צו איר גוטע רייד, אָבער דאָס אַלץ איז געווען נאָר אזוי ווי אַ חלום וואָס פליט גיך פארביי; און פארוואָס ער איז אוועק, און וואוהין ער איז אוועק, האָט

זי ניט געוואוסט, און קיינער אין שטעטל האָט ניט געוואוסט.

דער עולם האָט באַלד פאַרגעסן אָן אים. ווארים נאָך אַלע־מען, ווער אַזוינס איז געווען פאַליק? אַ בחור פון דער פרעמד, וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען ער איז און ווער ער איז. אַ סך מאָמעס פון גרויסע טעכטער זיינען גראָד געווען צו־פרידן וואָס ער איז אַוועק.

איידלען איז געוואָרן זייער אומעטיק און שווער דאָס לעבן, און אַ שטיק צייט איז זי אַרומגעגאַנגען אַ פאַר׳חלום׳טע.

און אַזוי פאַר׳חלום׳ט איז זי געווען, און אַזוי שטאַרק האָט זי שטילערהייט געבייגקט נאָך דעם דאָזיקן העמדל־פּרעסער, אַז זי האָט גאָר ניט באַמערקט אַן אַנדער בחור וואָס האָט זיך געדרייט אַרום איר, געזוכט איר לאַסקע, און גרייט געווען צו נעמען זי ווי זי שטייט און גייט.

דער בחור איז געווען אידל דער סטאָליער.

* * *

צום אָנהויב האָט דער דאָזיקער אידל געאַרבעט ביים פעטער חייקל אַלס אַן אַרבעטער. האָט געקראָגן קליינע שכירות, און פלעגט עסן און שלאָפן ביים פעטער חייקל טאַקע. ער איז געווען אַן אויסגעדאַרט בחור׳ל, מיט גרויסע, גרויע אויגן, מיט אַ פאַר־שפּיצטער נאָז און מיט עטליכע טונקל־בלאָנדע הערעלעך אויף דער אויבערשטער ליפּ. ער איז געווען אַ שטילער, אַן איינגעהאַלטענער, ניט גע׳חבר׳ט זיך מיט קיינעם, ניט געגאַנגען אין ערגעץ, און אַז ס׳איז געקומען דער פרייטאָג־צו־נאַכטס און דער שבת׳דיקער טאָג, האָט ער די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין שטוב, געגעסן דעם שבת׳־דיקן צימעס פאַסאַליעס, געקנאַקט מיט די ווייסע ציין דעם גע־טריקנטען „סאָנישניק,״ און דערצו געלייענט שמר׳ס ראָמאַנען, וואָס ער פלעגט אויסלייען ביי משה׳לן, אָדער קריגן ערגעץ אויף פּראָקאַט. ער איז געווען אַ גרויסער לייענער און פלעגט קענען אָפּזיצן דעם גאַנצן פרייטאָג־צו־נאַכטס, אַבי צו וויסען דעם סוף פון דער העלדין אָדער פונ׳ם העלד פון ראָמאַן.

אידל האָט אָפּגעאַרבעט אַ שטיקל צייט ביי חייקל׳ן און האָט געטראַכט ביי זיך, אַז אַרבעטן ביי יענעם איז גאָר קיין תכלית ניט, און ביז ווען איז טאַקע דער שיעור? פאַר פאָני׳ן האָט ער ניט מורא געהאַט, מחמת ער האָט געהאַט אַ ווייסן בילעט, און אַז ס׳איז גוט צו זיין מייסטער פאַר זיך, האָט ער געזען אַ בייר־

שפּיל פון זיין עלטערן ברודער, אויך אַ סטאָליער, וואָס האָט געמאַכט גוויאישע טירן און פענצטער און האָט שוין פאַרדינט.

און איינמאָל האָט אידל געלאָזט וויסן זיין באַלעבאָס, אַז ער גייט פון אים אַוועק.

דער מייסטער האָט זיך געוואונדערט:

— וואָס איז גאָר פּלוצים?

און אידל האָט געענטפערט טרוקן:

— אַזוי.

חייקלען איז דער ענטפער ניט געפעלן און ער האָט צו אים גע'טענה'ט:

— ס'איז דאָך פאַר פסח איצט. אָפּגעהאַלטן דיך אַ גאַנצן ווינטער, ווען ס'איז ניט געווען וואָס צו טאָן. איצט, אַז ס'ווייזט זיך אביסל אַרבעט, נעמסטו און טוסט מיר אָפּ אַזאַ זאַך. פע, ניט שיין, כ'לעבן.

אידל האָט צוגעגעבן אַז ס'איז ניט שיין פון זיין זייט, איבער־צולאָזן אַזאַ וואוילן באַלעבאָס אין מיטן דערינען, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין דער „פּאָטשט" האָט ער צונויפגעקליבן גאַנצע פופציק רובל, און אַז מיט דעם געלט קען ער זיך עפענען אַ שיינע מאַסטערסקאַיע און ווערן אַ באַלעבאָס פאַר זיך אַליין.

און ער האָט זיך טאַקע פון קיינעם ניט געלאָזט איבעררעדן און איז אַוועק פונ'ם פעטער חייקל.

דער מייסטער האָט געזאָגט:

— ער וועט אַמאָל זיין אַ ליִט, אידל. ער איז ניט קיין פאַרשלאָפענער און איז ניט קיין פוילער.

בעת מעשה איז איידל געזעסן ביי דער מאַשין און האָט געאַרבעט. זי האָט געהערט וואָס דער פעטער האָט גערעדט, נאָר די גאַנצע מעשה־אידל איז איר ווייניק אָנגעגאַנגען.

* * *

אידל איז באמת טאַקע קיין פוילער ניט געווען, און ער האָט עס באַוויזן.

די זומערדיקע פרימאָרגן זון האָט אים שוין געטראָפן וואַך און ביי דער אַרבעט, און שפּעט נאַכדעם, ווי די זון האָט זיך שוין געזעצט, איז אידל נאָך אַלץ געשטאַנען ביים וואַרשטאַט

און געזעגט און געהובלט, ביז ער האָט שוין זיין אייגענע נאָז ניט געקאָנט אָנזען.

פריִיטיק האָט ער געאַרבעט ביז ליכט־בענטשן, כאָטש די אַנדערע בעל מלאכה'ס פלעגן אַוועקלייגן די אַרבעט אַ סך פריִער; און שבת־צו־נאַכטס, בעת אַנדערע בחורים פלעגן שפּאַצירן מיט מיידלעך געאַרעמט, האָט אידל אָנגעצונדן אַ לאָמפּ און זיך גע־שטעלט צו דער אַרבעט. ער האָט אַלעמאָל געהאַט עפּעס אַרויס־צוענדיקן צום זונטיקדיקן יאַריד.

ווי פריִער האָט ער מיט קיינעם זיך ניט באַגעגנט און מיט קיינעם ניט פאַרבראַכט. געטריי אָפּגעהיט זיין מלאכה און אַלע שבת איינדערפרי, ווען מען האָט בשום אופן ניט געקענט טאָן קיין שום מלאכה, פלעגט ער מאַכן אַ שפּאַציר צו דער שטאָטישער „פּאַטשט,” און צוריקקערנדיק פלעגט ער ציילן די אויסגעפּילטע בלעטלעך פון זיין באַנק־ביכל, און אָנקוועלן וואָס די גאָלדענע פינפערלעך וואַקסן דאָרט, קיין עין־הרע, אַזוי ווי אויף הייוון.

די יונגע בעלי־מלאכה'ס אין שטעטל האָבן אים ניט ליב גע־האַט; האָבן געזוכט חסרונות אויף אים; ער איז אַ קאַרגער, איז גייציק נאָך געלט און וואָלט פאַרשלונגען די וועלט מיט אַרבעט. אין דער אמת'ן האָט זיי ניט געאַרט אַזוי שטאַרק זיין גייציקייט נאָך געלט ווי זיין אויפשטיין פאַרטאָג און זיין אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר, און די אַנדערע האָבן זיך פשוט געשעמט אַוועקצולייגן די אַרבעט, ווען אידל קלאַפּט נאָך מיט'ן האַמער, אָדער שניידט נאָך מיט דער זעג. די יונגע אַרבעטער, די וואָס זיינען געקומען פון די גרויסע שטעט, זיינען נאָר געווען בייז אויף אים און האָבן געזאָגט, אַז אין אַ גרויסער שטאָט, אין קעשינעוו למשל, וואָלט מען אַזאַ איינעם אונטערגע־קלאַפּט די זייטן, וואָלט ער שוין געוואוסט וואָס דאָס מיינט אַר־בעטן בייטאָג און ביינאַכט.

אידל האָט געוואוסט וואָס מ'רעדט וועגן אים, נאָר עס האָט אים ניט געאַרט, און ער האָט זיך געטאָן זיינס.

געשלאָפן איז ער אויפ'ן וואַרשטאַט, מיט אַ קליין קישעלע צוקאָפּנס, און צוגעדעקט מיט אַן אַלטן פּאַלטאָ. געגעסן האָט

ער טרוקן ברויט מיט טיי, אָדער מיט פּרוכט, וואָס האָט, זומער־צייט, נעקאָסט שפּאָט-ביליק.

* * *

אין דער זעלביקער צייט האָט איידל זיך געמיידלט.

זי האָט זיך גענייט שיינע, כאָטש ביליקע קליידלעך, וואָס זיינען געלעגן אויף איר אַזוי ווי אויסגעגאָסן. זי האָט געהאַט אַ דינע טאַליע, קליינע פיסלעך, און האָט געקענט שיין טאַנצן. דאָס פּנים איר׳ס איז אויך געווען אַ קליינס, מיט אַ שפּיציק נעזעל, זומער־שפּרייגקלעך אויף די באַקן און גרויע אויגן וואָס זיינען איר געזעסן טיף אין קאָפּ. די האָר האָט זי געקעמט גלאַט צום קאָפּ, אַמאָל מיט אַ דינעם פלעכט פון הינטן, און אַמאָל די האָר פאַרדרייט אויפ׳ן קאָפּ, מיט אַ שרינט אין דער מיט. זי האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט מיידלעך און מיט יונגעלייט, און אַלע שבת פלעגט זי זיך טרעפן מיט זיי ביי גדליה שניידער אין שטוב, וואו מען פלעגט טאַנצן און פאַרברייגגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

צוזאַמען מיט די אַנדערע האָט זי געלאַכט פון אידלען דאָס גרעסטע געלעכטער, און אַז דער פעטער חייקל האָט איר צום ערשטן מאָל פאַרגעלייגט דעם דאָזיקן שידוך, האָט זי פריער געמיינט, אַז דער פעטער לאַכט פון איר; דערנאָך, אַז זי האָט געזען ער מיינט עס טאַקע ערנסט, האָט זי זיך צעוויינט.

און אַ וויינענדיקע, אַ ברוגז׳ע, האָט זי אויפ׳ן צווייטן טאָג זיך צוגעהערט צו דער מומע דינה׳ס רייד:

— ביזט אַן אָרים מיידעל, אַ יתומה . . . האָסט ניט קיין גראָשן געלט, ביז נאַקעט און הויל . . .

איידל האָט געזאָגט דורך טרערן:

— איך האָב צוואַנציק רובל אָפּגעשפּאָרט ביים פעטער יאָסל.

— איך וויים — האָט געענטפערט די מומע — אָבער אידל האָט אין דער זעלביקער צייט אָפּגעשפּאָרט אפשר הונדערט מאָל צוואַנציק רובל . . . ער וויל דיך נעמען ווי דו שטייסט און גייסט.

— איך האָב אים ניט ליב . . . — האָט זיך איידל צעוויינט ווי אַ קינד און האָט זיך געטוליעט צו דער מומע.

— קיינער צווינגט דיך ניט, חלילה — האָט די מומע איר

געענטפערט — נאָר אוועקמאַכן דאָס מיט דער האַנט, דאַרף מען ניט.

* * *

איידל האָט ניט געוואָלט דעם שידוך, און ניט וועלנדיק האָט זי געטראַכט פון דעם בייטאָג און ביינאַכט.

און א חוץ דעם וואָס זי אַליין האָט געטראַכט, האָבן איר נאָך דערצו אַרויסגעהאָלפן די פעטערס מיט די מומעס.

דער פעטער זייליק, דער קלוגער און פּראַקטישער, האָט געזאָגט, אַז ס'איז פאַר איידלען אַ גליק. איידל וועט נאָך אַמאָל זיין אין עושר.

דער פעטער יאָסל, דער בעקער, האָט געשמייכלט און געוואונקען מיט די אויגן און געקניפּט איידלען אין ווייכן אָרעם:

— גיי, דו נאַר, האָב חתונה; וועל איך טאַנצן אויף דיין חתונה.

און אַז דער זיידע האָט זיך דערוואוסט פון דעם שידוך וואָס מ'רעדט איידלען, האָט ער זיך מטריח געווען, אוועקגעלייגט דעם ברוגז אויף אַ זייט, און איז געקומען צו גיין צו חייקלען.

איידל, אַז זי האָט דערזען דעם זיידן, איז זי צום אָנהויב אביסל צומישט געוואָרן. זי האָט אָבער באַלד פאַרגעסן איר ברוגז מיט'ן זיידן און מיט דער שטיף־באָבען, און איז אים אַנטקעגנגעלאָפן מיט בלישטשנדיקע טרערן אין די אויגן.

און דער זיידע האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר, גערעדט מיט איר, גע'טענה'ט מיט איר, אַקוראַט ווי עס וואָלט פריער נאָר ניט געוועזן פּאַסירט, און אַקוראַט ווי ער וואָלט מיט איר קיינמאָל גאָר ניט ברוגז געווען.

— דו ביזט דאָך דאָס עלצטע אייניקל מיינס — האָט ער גערעדט צו איר — איך וויל דערלעבן צו גיין צו דיין חופּה. איך וועל פּראַווען דיין חתונה און דיר געבן נדן.

איידל האָט ניט געגלויבט אירע אויערן.

און די מומע דינה, פון איר זייט, האָט אויך צוגעלייגט אַ וואָרט:

— וואָס דען האָסטו געמיינט, דער זיידע וועט פאַרגעסן אָן דיר?

און דער פעטער חייקל האָט זיך געריבן די הענט:

— ישוער לעולם, מיר וועלן נאָך טאַנצן אַ פריילעכס אויף איידל'ס חתונה.

— די תנאים — האָט געזאָגט דער זיידע — וויל איך זאָל זיין ביי מיר אין באַשקע.

— אודאי אין דער באַשקע, וואו־זשע דען? — האָט חייקל אונטערגעהאַלטן.

און דער זיידע האָט דערפילט ווי ער ווערט צוריק אויפגעריכט, אַז די קינדער קומען צוריק צו אים און אַז אין דער גרויסער קעלער־שטוב ווערט ווידער טומלדיק און פריילעך. ער האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען דעם שטעקן אין האַנט און איז אַרויס פון חייקל'ס שטוב מיט אַן אויפגעהויבענעם שטאָלצן קאָפּ, גאָר ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק.

* * *

פאַרנאַכט. ווען איידל איז געזעסן אַן אומעטיקע און אַ פאַרטראַכטע ביי דער מאַשין, איז משה'ל שטילערהייט צוגעקומען צו איר:

— הייסט עס, איידל — האָט ער שטיל אָנגעהויבן.

— וואָס? — האָט זי אויפגעהויבן די אויגן צו אים.

— ווערסט, הייסט עס, אַ כלה?

זי האָט אָפּגעזיפצט:

— איך ווייס ניט, משה'ל . . .

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעלייגט שטיל:

— וואָס איז דיין עצה?

משה'ל האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:

— ווייס איך . . . אַמאָל האָט מען גערעדט אַז מיר ביידע . . .

זי האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— גיי, ביזט אַ נאַר, משה'ל . . .

און אין דער זעלביקער מינוט האָט זי געפילט אַזוי ווי עמיצער, אַ פרעמדער, אַ ניט־געזעענער, וואָלט פאַרזינגלט איר מזל: איידל'ס כלה.

# יג.

אזוי ווי עס לאָזט די זון זיך ארונטער, פּארנאכט־צו, אַלץ נידריקער צום מערב־ברעג פון׳ם הימל, אזוי האָבן דעם זיידנ׳ס לעצטע יאָרן אַלץ מער דערנעענטערט זיך צום סוף פון זייערע טעג.

און אזוי ווי עס פלאַמט־אויף א צאנקנדיק ליכט, איידער עס לעשט זיך אוים איננאנצן, אזוי האָט דעם זיידנ׳ס עלטער פלוצים גענעבן א לויכט־אויף, איידער זיין לעבן האָט זיך זאויסגעלאָשן.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון איידל׳ס חתונה.

דעמאָלט איז דער זיידע אזוי ווי אויף גאַנצע צען יאָר יונגער געוואָרן. דער בליק פון זיינע אויגן איז ווידער לויטער געוואָרן, דער גאנג — פעסטער און זיכערער, און זיין קול האָט געקלונגען שטארק און באפעלעריש, כמעט אזוי ווי אמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען די באבע רחל האָט נאָך געלעבט, ווען אַלע קינדער זיינען נאָך געווען ארום אים, און ווען די באשקע, די גרויסע קעלער-שטוב, איז נאָך געווען די פריילעכע נעסט פון אַלע זיינע קינדער און אייניקלעך.

א גאנצן חודש צייט האָט זיך געטומלט אין באשקע, און דער זיידע האָט געלעבט אין רעש אזוי ווי בעת א יאריד. און כאָטש אויף דער עלטער האָט ער ניט געקענט פארטראָגן קיין רעש און טומל, האָט אים אָבער דער דאָזיקער טומל פון ערב איידל׳ס חתונה פארשאפט א סך נחת רוח, און ער האָט אפילו שטיל הנאה געהאט. די באבע צירל האָט געהאט א שיינענדיק פּנים און פארפלאמטע באקן, מיט א ווייס טיכל ביז א האַלבן שטערן און מיט פארלייגטע ברעגן הינטער די אויערן. זי האָט געהאלטן אין איין שאפן זיך מיט די צוויי סארווערקעס און האָט געפונען חסרונות אין אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן. זי איז אַליין געלאָפן אין מארק ,געקויפט הינער און אייער, און אליה האָדל׳ס האָט אויף זיינע קרומע פּלייצעס געבראכט צו טראָגן א ווייס זעקל מעל, צו באקן פון דעם לעקאך און טארט פאר איידל׳ס חתונה.

דער זיידע אַליין האָט זיך ווייניק געמישט אין די אַלע צוגרייטעניש. ער האָט גענעבן דעם שופלאד און ארויסגעגעבן געלט וויפיל די באבע צירל האָט געהייסן, און וויפיל דער איידים חייקל האָט פארלאנגט. חייקל איז ווידער געווען דעם שווער׳ס רעכטע האנט, און האָט געטאָן אַלץ וואָס דער זיידע אַליין וואָלט

געווען געטאָן, ווען ער וואָלט ניט געווען אַזאַ חלוש אויף די עלטערע יאָרן.

די עלטער האָט זיך שטאַרק געלאָזט אָנזען אויף אים. זיין גאַנג איז געווען שוואַך, און איין פוס האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָכ'ן אַנדערן. די באַקן זיינען געווען איינגעפאַלן און האָבן געקראָגן אַ טונקלן, אַש־גרויען קאָליר. נאָכאַנאַנד האָט אים געשטיקט אַ הוסט און ער פלעגט אַרויסשפּייען די לונג פון זיך. דאָקטוירים האָבן אים געהייסן טרינקען אַ סך מילך, האָט אָבער די מילך איבערגעפירט זיין מאָגן . . . פלעגט ער אַזוי שטונדן לאַנג ליגן אויף דער קאַנאַפּע, אין דעם ערשטן, גרויסן חדר פון דער באַשקע, הוסטן און קרעכצן און אַלע ווײַלע זיך שלעפּן אויפ'ן הויף, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן.

די שוואַכקייט האָט ניט נאָכגעלאָזן; נאָר אין דעם גרויסן טומל, פאַר איידל'ס חתונה, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער ווערט געזונטער און קומט צוריק צו די כחות. די קינדער, די זין און די טעכטער ,האָבן זיך אָפּט געדרייט אַרום אים, זיינען אַריין און אַרויס פון דער באַשקע און אָנגעפילט די קעלער־שטוב מיט יונגן לעבן און פרייליכן געפּילדער. דער זיידע האָט זיי נאָכגע־קוקט מיט אַ ליכטיקן בליק אין די אויגן; דאָס האַרץ זיינס האָט לעבעדיקער געקלאַפּט און ער האָט פאַרגעסן אָן דעם הוסט און אָן זיין קראַנקן מאָגן.

* * *

די חתונה איידל'ס איז געווען תיכּף נאָך סוכות. אַ שיינער הערבסט איז דעמאָלט געווען. טרוקענע, וואַרעמע טעג מיט אַ סך זונשיין. חייקל האָט געבראַכט אויפ'ן שול־הויף צוויי פורן מיט נייע ברעטער און האָט פון זיי אויפגעקלאַפּט אַ גרויסן שאַלאַש, אַזוי ווי אַמאָל צו נחמה'ס חתונה, און האָט אינוווייניק אויסגע־האַנגען די ווענט מיט קאָווייאָרן און שיין־געשטריקטע טעפּיכער, וואָס די מאַלדאַוואַנקעס אויפ'ן דאָרף האָבן אויסגעאַרבעט אויף זייערע הילצערנע וועב־שטולן און דערנאָך פאַרקויפט אין שטעטל. די בערגלדיקע ערד פונ'ם שול־הויף איז אָפּגעגלייכט געוואָרן, אויסגעשפּרייט מיט געלן זאַמד, און אַלץ איז געווען פאַרטיק אַריינצופירן די חתן־כלה מיט אַלע חתונה־לייט.

אַ חתונה איז געווען אַ פרייליכע. אַ גאַנצע וואָך צייט

איז געווען יום־טוב ביים .יידן אין באשקע, אין שול און אויפ'ן שול־הויף. ביי איידל'ס חתונה האבן משה'ל און מאטל, שוין גרויסע בחורים געווען, געמאכט זייער ערשטן ארויסטריט אזוי ווי עס פאסט פאר קאוואליערן. משה'ל האט באוויזן צו טאנצן מיט צוויי מיידלעך כמעט אין דער זעלביקער צייט. איינע איז געווען באבעלע, א קליין, פופצן יאריק מיידל, מיט גרויסע שווארצע אויגן און מיט פולע, קיילעכדיקע בעקעלעך, און די אנדערע איז געווען ברכה, אלטער דעם סטאליער'ס מיידל, א הויכע, א דינע, א בלאסע, מיט א בערגעלע אויף דער נאז. משה'ל האט געקלעפט ארום די דאזיקע צוויי מיידלעך, געטאנצט מיט זיי, פארבראכט מיט זיי, אפגעפירט זיי, פארטאג, אהיים, און דער קאפ זיינער האט זיך געדרייט ווי א מיל. ער האט אלץ ביי זיך ניט געקענט קלאר ווערן, וועלכע פון די צוויי עס געפעלט אים בעסער.

איידל איז געווען א שיינע כלה, נאר א בלאסע. ווי עס פאסט זיך פאר אן ערלעכער אידישער טאכטער, און א יתומה דערצו. די גרויע אויגן אירע זיינען געווען פארגאסן מיט טרערן, און די נאז איז געווען לאנג און שפיציק. זי האט געטאנצט די כלה-טענץ אן פרייליכקייט און אן איר מיידעלשן חן. עפעס אזוי ווי זי אליין וואלט ניט געווען דערביי, און ווי דאס וואלט געווען ניט איר חתונה, נאר עמיצנס אן אנדערנס . . .

זי האט זיך געלאזט פירן צום באזעצנס. שטיל אראפגעלאזט דעם קאפ ווען די ווייבער האבן צעפלאכטן אירע צעפ און געוויינט איבער איר. איידל האט פארשטעלט די אויגן מיטביידע הענט און האט געוויינט. זי האט געוויינט שטיל, אין זיך, און קיינער האט איר קול ניט געהערט. זי האט זיך א צאפל געטאן ווען אידל, דער חתן, האט זי איבערגעדעקט מיט'ן כלה שלייער און איז געגאנגען צו דער חופה אזוי ווי אויף פרעמדע פיס. זי האט געהערט ארום זיך א טומל און א רעש, דאס שפילן פון די קלעזמער און דאס פילדערן פון יונגע מיידלעך, אירע חבר'טעס, נאר דאס אלץ איז געווען אזוי ווייט פון איר, און זי אליין איז געווען עפעס נאר ווי אויף אן אנדער וועלט.

שפעטער איז זי אביסל געקומען צו זיך. ביי דער „גאלדענער יויך" האט זי אויפגעהויבן דעם שלייער און געקוקט ארום זיך מיט אן אויסגעלייטערטן בליק. זי האט פון דער זייט א קוק געטאן

אויף אידלען, איר חתן. ער איז געווען אויסגעפוצט אין א שווארצן אנצוג, א ווייסער קאלנער און א ווייס־זיידענער שניפס. וואס האט אים צוגעגעבן נאך מער בלאסקייט צו זיין בלאסן פנים. ער איז געווען גאר ניט מיאוס אין דער דאזיקער מינוט, און איידל האט אפשר צום ערשטן מאל א קוק געטאן אויף אים מיט א ליבלעכן שמייכל.

די חתונה־נאכט איז אוועק זייער פריילעך. דער עולם איז גאר ניט מיד געווארן טאנצנדיק. דער פעטער זייליק איז נאך איצט אויך געווען פלינקער פון אנדערע קאוואליערן, און ווייבלעך און מיידלעך האבן פשוט גע׳חלש׳ט ער זאל טאנצן מיט זיי א „פאלקע־מאזורקע.“ זייליק האט געטראכט אז ס׳איז זיין חוב צופרידנצושטעלן די געסט און ער האט געטאנצט מיט יעדע פון זיי. חייקל האט אים אבער לאנג ניט געלאזט טאנצן זיינע „פאלקע־מאזורקעס.“ ער האט געוואלט נאר פריילעכס, און ווידער פריילעכס, און א „בולגאריש“ און א „ארע,“ און א „שער.“ ער האט אראפגעווארפן פון זיך דאס רעקל, געטאנצט מיט די הוילע ארבל פון זיין ווייסן העמד, געהויבן זיך העכער פון אלע, דערלאנגט די באלקעס פון דעם נידריקן דאך, געשלעפט אין ראד אריין אלט און יונג, מאן און ווייב און קינד, געשריען העכער! העכער! שטארקער און לעבעדיקער! און איז גאר ניט מיד געווארן טאנצנדיק.

דער זיידע איז געזעסן אויבן־אן, לעבן חתן־כלה. א שטילער, א בלייכער, א קרענקלעכער. פונדעסטוועגן האט זיין פנים געשיינט. די גרויע, שפיציקע בארד זיינע איז געווען אויסגעוואשן און שיין פארקאמט. א ווייס העמד מיט א ברייטן ווייסן קאלנער, ברילן אויף דער נאז און א נייע שפיציקע יארמעלקע אויפ׳ן קאפ. פאר די אויגן האט אים געשווינדלט פונ׳ם שנעלן דרייען זיך פון די טענצער, און אין די אויערן האט אים אפגעהילכט דאס קלאפן פון דער פויק און דאס רעוועון פון דעם טרובאטש, אפילו דערנאך, ווען די קלעזמער האבן שוין אויפגעהערט שפילן. און מיט האלב־צוגעמאכטע אויגן האט ער, אין דער זעלביקער צייט, געטראכט, אז ער האט צוגעזאגט דעם חתן א הונדערטער נדן, און אז דאס גאנצע ביסל געלט וואס ער האט געהאט אין שופלאד איז אוועק אויף חתונה־הוצאות, און ס׳איז נאך ניט גענוג געווען. געמוזט נאך אנקומען, בשתיקה, צו די

קינדער. ביי איינעם געגומען א פּופּציקער, ביים אַנדערן א פינף־און־צוואַנציקער, כדי עס זאָל זיין א חתונה „מיט לייטן גלייך.“

א דאַנק גאָט. די חתונה איז שוין אַריבער. איידל און אידל זיינען שוין מאַן און ווייב כדת משה וישראל, און איבער א הונדערטער נדן גט מען זיך ניט. נשקשה, דעם זיידנ׳ס א וועקסעל איז גוט אַזוי ווי געלט, און אי״ה, איבער א יאָר, פון דער „שיסל,“ וועט ער דעם חוב אָפּצאָלן . . .

דער אמת איז, אַז דער זיידע האָט זיך אומזיסט געזאָרגט. מחמת אידל האָט פון אָנהויב־אָן ניט אַרויסגעקוקט אויף דעם זיידנ׳ס נדן, און האָט ביי אים קיינמאָל דעם הונדערטער ניט געמאָנט. אידל האָט איידלען ליב געהאַט פּשוט, אָן קונצן און אָן חכמות, און מכח נדן האָט ער זיך בכלל ניט געזאָרגט. אידל האָט שוין דעמאָלט געהאַט איינגן אָפּגעשפּאָרט געלט.

* * *

אַזוי איז אַריבער איידל׳ס חתונה. און מיט אַמאָל האָט זיך דער גאַנצער טומל איינגעשטילט און ווידער איז געוואָרן אומעטיק ביים זיידן אין באַשקע, נאָך אומעטיקער און גרויער ווי פריער.

אויפ׳ן שול־הויף האָבן זיך נאָך געזען סמנים פון דעם צענומענעם שאַלאַש. די ערד איז נאָך געווען האַלב־געל פון דעם איינגעטראָטענעם זאַמד, און אין א ווינקל איז נאָך געלעגן א הויפן מיט ברעטער, וואָס חייקל האָט געדאַרפט איבערפירן צו זיך אַהיים. דער זיידע איז אַרומגעגאַנגען שטיל, ווי א שאָטן, און אין זיינע אויערן האָט נאָך אַלץ געקלונגען די פריילעכע מוזיק פון איידל׳ס חתונה. די קינדער זיינען זיך אַוועק, יעדער אין זיין היים און אידל האָט זיך באַזעצט מיט׳ן מאַן אין זייער נייער דירה, א שטוב מיט פיר גרויסע, ליכטיקע צימערן, און אין גאָר דעם ערשטן חדר, צו דער גאַס, האָט אידל געעפנט א נייע, א גרעסערע סטאָליאַרנע. אַריינקומענדיק צו איידלען אין הויז, האָט מען גלייך געקענט זען, אַז דאָ וואוינט א יונגע באַלעבאָסטע, א גביר׳נטע.

דער זיידע איז שוין צוויי מאָל געווען ביי איידלען צו גאַסט, און ביידע מאָל איז ער געווען א גוטער און א ליבער גאַסט. אידל האָט אים באַגעגנט ביי דער טיר מיט א „גוט־מאָרגן, זיידע,“ און איידל האָט אים אונטערגעטראָגן א בייגקל, געפרעגט וואָס ער מאַכט, און צו וויל ער א גלאָז טיי. דער זיידע איז געזעסן אַביסל, באַטראַכט איידל׳ס באַלעבאַטישקייט, געזאָגט זיין מבינות. דער־

נאָך איז ער אַריין אין דער מאַסטערסקאַיע, צוגעקוקט ווי אידל אַרבעט פליייסיק און מיט'ן גאַנצן יונגן כח.

אידל האָט געהובלעוועט אַ טיר, אַ פּשוט'ע, גויאישע טיר, וואָס איז געלעגן איבער דער לענג פון'ם וואַרשטאַט, און ביים זיידן האָט אויפגעלעבט אַן אַלטע טבע: ער איז צוגעגאַנגען, אַ טאַפּ געטאָן מיט די פינגער די גרעב פון דעם האָלץ און פילנ־דיק אַז די אונטערשטע זייט איז גלאַט, שוין אָבגעהובלעוועט, הייסט עס, האָט ער אַ זאָג געטאָן, מעשה אַלטער מבין:

— נשקשה'דיק פון אַ גרעב אביסל . . .

אידל האָט געוואוסט דעם זיידנ'ס שוואַכקייט, וואָס איז אים פאַרבליבן נאָך פון די אַמאָליקע יאָרן, בעת ער איז אַליין געווען מייסטער. דעמאָלט, אַז דער זיידע פלעגט אַריינקומען צו זיך אין סטאָליאַרנע, און חייקל אָדער זייליק האָבן געהובלעוועט אַ טיר, האָט ער ניט געוואָלט פרעגן צו די אַנדערע זייט איז שוין פאַרטיק, נאָר פלעגט אַ טאַפּ טאָן די טיר, מיט'ן אויסרייד צו זען ווי דיק דאָס האָלץ איז, און בעת דעם פילן מיט די פינגער צי יענע זייט איז שוין גלאַט, אָדער ניט . . . דערמאָנענדיק זיך אָן דעם האָט אידל אַ שמייכל געטאָן אונטער דער וואָנצע.

אָבער לאַנג האָט דער זיידע ניט געקענט אַרומגיין אין געסט צו די קינדער. דער הוסט זיינער, וואָס האָט אים אַביסל נאָכ־געלאָזן בעת איידל'ס חתונה, האָט זיך צוריקגעקערט מיט מער שטאַרקייט, און האָט אים געשטיקט בייטאָג און ביינאַכט. ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן ציען פאַר אים גרויע טעג און לאַנגע נעכט אָן שלאָף. פון די ווינקלן פון די גרויע, בייכיקע באַשקע־ווענט האָט ער געזען אַרויסשלייכן זיך שאָטנס פון פאַרגאַנגענע יאָרן און טעג, און פון דער שטילקייט האָט צייטנווייז אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן דער גערויש פון קליינע קינדער, דאָס פריילעכע פלוידערן פון די גרעסערע, אָדער דער רעש פון די פריילעכע יום־טוב־ סעודות, און די געוויינען נאָך דער באָבע רחל'ס טויט, וואָס אויף איר פלאַץ דרייט זיך אַ־'נט אַרום אין שטוב די באָבע צירל, זיין צווייט ווייב, וואָס זי ווערט אים פרעמדער פון טאָג צו טאָג צוליב אירע גרינע, שמעקנדיקע זייפלעך און צוליב איר'ע ציין־בערשטלעך און שמעקנדיקן פּודער.

# יד.

דער זיידע איז געוואָרן שוואכער פון טאָג צו טאָג, און עס זיינען געווען צייטן, ווען ער האָט א גאנצע וואָך ניט געקענט ארונטער פון בעט. דעמאָלט פלעגט ער ליגן א שטילער, א פאר־שלאָסענער אין זיך, מיט'ן פנים אנטקעגן דער סטעליע, די אויגן, וואסערדיקע און אָן א גלאנץ, האָבן געקוקט ארויף, און די גרוי־נעדיכטע ברעמען איבער זיי האָבן זיך געצויגן אזוי ווי צוויי קליינע בערשטלעך, פון הארטע, שטעכיקע האָר. די גרויע, שפּיציקע באָרד איז געווען צעוואָרפן איבער'ן הארץ, און דאָס הארץ אליין האָט זיך, ווי אן אָפּגעשוואכטער בלאָז־זאק, געהויבן ארויף און אראָפּ.

דורך די אָפענע פענצטערלעך, וואָס זיינען געלעגן האלב באגראָבן אין די ערדענע ווענט פון דער באשקע, האָט זיך אָפט דערטראָגן צו אים דער טומל פונ'ם דרויסן, דאָס רוישן פון דער גאס, דאָס ליארמען פון קינדער און עלטערע מענטשן, און דאָס פּישטשען פון פייגעלעך. וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן פּארקן, לעבן דער באשקע. דעמאָלט פלעגט דער זיידע פארמאכן די אויגן און פארלירן זיך אין זכרונות.

די באבע צירל האָט אָנגעהויבן מיד צו ווערן פון דעם שטענדיק־קראנקן זיידן, אָבער זי האָט געהאט שכל און האָט עס ניט ארויסגעוויזן. זי איז ארומגעגאנגען ארום אים אזוי ווי פריער, האָט אים צוגעטראָגן, דערלאנגט וואָס ער האָט געדארפט, געקאָכט פאר אים אזעלכע מאכלים, וואָס אים האָט זיך געוואָלט, אָבער געטאָן האָט זי דאָס אלץ ווי א מאשין, און דער זיידע האָט עס געפילט. ער איז נ'ט געווען ברוגז אויף איר דערפאר. אין די לאנגע טעג פון איינזאמקייט האָט ער זיך אויסגעלערנט בעסער צו פארשטיין דאָס לעבן זיינס וואָס ער האָט אָפּגעלעבט, און די אויפפירונגען זיינע אין די פריערדיגע יאָרן.

פלעגט די באבע צירל אויפרוימען די הויז און זיך ארויס־כאפּן צום זון, צו געצלען, דער שמש פון דער נייער שול. ארויס־גייענדיק, פלעגט זי אלעמאָל, אזוי ווי בגנבה, באהאלטן עפּעס אונטער'ן שאָל, אָבער מיט א כונה אז דער אלטער זאָל עס דוקא זען און זאָל זיך ערגערן. דער זיידע האָט זיך טאקע געערגערט.

כאַטש ער האָט ניט געוואוסט וואָס אזוינס זי האָט דאָרט צו גנב'ענען פון דער באשקע.

זי פלעגט אוועקגיין אָן א גוטן טאָג און קיינמאָל ניט זאָגן ווען זי וועט צוריקקומען. דער זיידע האָט קיינמאָל ניט געפרעגט. ער איז געווען צופרידן צו זיין אליין, איינגאַנצן אליין. ליגן און צוהערן זיך צום קלאַפּן פון זיין אייגענעם הארץ, און צום קלאַפּן פונ'ם זייגער אויף דער וואַנט, און טראַכטן ביי זיך ווי לאַנג וועט עס נאָך קלאַפּן אזוי, דאָס הארץ זיינס, און דער זייגער אויף דער וואַנט? צומאָל איז אים פאַרגעקומען, אז די באשקע, האלב אין דער ערד, איז אין דער אמת'ן שוין זיין קבר, און אז דאָ ליגט ער, א לעבעדיק־באַגראָבענער, און וואַרט קאַלטבלוטיק אויף דער לעצטער מינוט.

די קינדער זיינען זעלטן געקומען אים געוואויר ווערן. יעדער איז געווען פאַרטאָן אין זיין אייגן לעבן און האָט געהאַט אייגענע דאגות אויפ'ן קאָפּ. יאָסל בעקער, דער אײדים, האָט פאַרגרעסערט די בעקעריי זיינע, האָט אים געפעלט געלט אויף מעל, און ער האָט געמוזט אָנקומען צו מענדל פּראָצענטניק, און יענער האָט אָן רחמנות געריסן פּראָצענט אויף פּראָצענט. ישראל סטאָליער, דער יונגערער אײדים, האָט זיך כסדר באַקלאָגט, אז איבער חייקלען קען ער קיין רעכט שטיקל ארבעט ניט אָננעמען, און דעריי־בער פלעגט ער זיך שטענדיק קריגן מיט'ן ווייב, מיט נחמה'ן. זעליק, דעם זיידנ'ס מיטלסטער זון, האָט פיינט געהאַט די מלאכה, סטאָליעריי, און האָט געזוכט פּטור צו ווערן דערפון; נאָר אזוי ווי פּטור ווערן האָט ער ניט געקענט, האָט ער זיך געהאַלטן מיט דעם און האָט זיך געפּלאָגט מיט אָן אָרים לעבן. דער אנדערער זון, אויך א סטאָליער, האָט געוואוינט אין קאַלאראַש, א שטעטל ניט וויים. אים איז גראָד געגאַנגען ניט שלעכט, אָבער מען האָט זעלטן געהערט פון אים; און דער פעטער אלטער, דער שוסטער, וואָס האָט נאָכגעשלעפּט א פוס ביים גיין, האָט, ווי אלעמאָל, געשוויגן. אז ער פלעגט אמאָל ארייַנקומען צום זיידן, פלעגט ער אָפּשטיין א ווײַלע ביי דער טיר, קוקן אויפ'ן זיידן, אויף דער סטעליע, און שווייגן, און א שוויַגנדיקער אוועקגיין צוריק.

דער איינציקער, וואָס פלעגט אריינברענגען אביסל לעבעדיקן אָטעם צום זיידן אין באשקע, איז געווען דער פעטער חייקל. דער

זיידע פֿלעגט זיך דערפריילען מיט זיין קומען און האָט גאָרניט גע־וואָלט ער זאָל אוועקגיין. און חייקל איז טאַקע געווען אין באַשטע און אין שול מער ווי ביי זיך אין דער היים און ביי זיין מלאכה.

ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו טאָן דעם זיידנ׳ס אַרבעט אין שול. ניט מחמת ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו זיין אַ שמש און באַדינען די בעלי־בתים פון שול, נאָר ווייל ער האָט געטראַכט, אַז עס איז אַ חוב אויף אים, ער זאָל אַרויסהעלפֿן דעם שווער, בעת יענער איז קראַנק, און די שול קען מען דאָך ניט איבערלאָזן אויף הפקר.

דורך אים האָט דער זיידע אָפּגענומען גרוסן פון דער לעבע־דיקער וועלט — דאָס שטעטל. חייקל האָט אים דערציילט, אַז ס׳בויט זיך אין שטאָט אַ נייע שול, אַ גרויסע, אַ שיינע, און אַז מען וויל דאָרט אים, חייקלען, צונעמען פאַר שמש.

האָט עס דער זיידע אויסגעהערט און געקרעכצט:

— צו־וואָס דאַרפסטו עס? צו-וואָס?

איך האָב טאַקע געוואָלט הערן אייער עצה — זאָגט חייקל.

— מ׳דאַרף ניט, — האָט געזאָגט דער זיידע און האָט פאַר־שלאָסן די ליפּן.

חייקל האָט געוואוסט אַז דער זיידע וויל אים איבערגעבן די חזקה אויף דער אַלטער שול, און אַז דערפאַר הייסט ער אים ניט אָננעמען די שטעלע אין דער נייער שול וואָס בויט זיך. אָבער חייקל האָט ניט געוואָלט אויסקוקן אויפ׳ן זיידנ׳ס טויט, און ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳קען ניט זיין קיין קרומע זאַך, אַז ער זאָל יאָ אָננעמען דאָס שמשות אין דער נייער שול.

חייקל האָט דעם זיידן דערציילט, אַז איידל לעבט זיך גאַנץ פיין ביי איר מאַן, אַז איידל, און אַז זי האָט אים שוין אפילו אָנגעהויבן ליב צו האָבן אַביסל. איידל האָט שוין געהאַט דעמאָלט דאָס ערשטע קינד, אַ מיידעלע, און אידל איז, ווי פריער, געווען איבער־געגעבן צו דער מלאכה, האָט געאַרבעט פון פרי ביז שפּעט, און האָט געמאַכט בעסערע געשעפטן ווי אַלע אַנדערע סטאָליערס אין שטעטל.

נאָר פון זיין אייגענעם זון, פון משה׳לן, האָט ער ניט געהאַט קיין גרויס נחת, חייקל. משה׳ל האָט זיך גענומען אויפ׳ן וועג פון זיין פעטער זייליק, און האָט, פונקט ווי דער פעטער,

פיינט געהאט די מלאכה, ווי א פרומער איד האט פיינט חזיר. ער איז דוקא א וואוילער, פלעגט דערציילן חייקל, האט דוקא ניט קיין שלעכטן קאפ צו דער ארבעט, נאר ער וויל ניט.

— וואס־זשע וועט זיין דער תכלית? — פלעגט פרעגן דער זיידע.

— דער תכלית? דער גוטער יאר ווייסט אים. שלעפט זיך ארום גאנצע נעכט מיט חברה ציוניסטן, לייענט ביכלעך און שרייבט.

— ער שרייבט?

— א שרייבער וויל ער ווערן.

— א מחבר?

— איך ווייס וואס דאס איז? אין מיטן דער ארבעט שטעלט ער זיך אוועק, נעמט א ווייסע ברעט און פארשרייבט עס פון אויבען ביז אראפ.

— מיט וואס פארשרייבט ער עס?

— מיט א בליי־פעדער.

— ניט דאס מיין איך — זאגט דער זיידע און בלייבט שטיל.

* * *

ס'איז אוועק דער ווינטער מיט זיינע לאנגע נעכט און מורא'־דיקע פרעסט. ס'איז אוועק דער פאר־פסח, דער קליינשטעטלדיקער פאר־פסח מיט די גרויסע, טיפע בלאטעס, און מיט א ליכטיקער זון אין טיף־בלויען הימל, וואס האט קויטיק געמאכט אירע שטראַלען אין די דאזיקע בלאטעס, און אויסגעטריקנט סטעזשקעס פאר'ן עולם, כדי צו קענען אריבערגיין פון איין זייט גאס אויף דער אנדערער. ס'איז אנגעקומען דער שיינער ליבער פרילינג, פסח איז געשטאנען בא דער טיר.

דער זיידע האט זיך אראפגעשלעפט פון בעט. שוואך, קראנק, אנגעשפארט אויף א שטעקן, נאר דאך ארומגעשלעפט זיך. אכטונג געגעבן אז די שול זאל זיין ריין אויף פסח ווי אלע מאל, און געגעבן צירלן געלט, זי זאל מאכן פסח ווי אלע יאר.

דער זיידע פלעגט זיך אפט צוזעצן אויפ'ן גאניק פון דער ווייבערשער שול, אנטקעגן די ווארעמע זון־שטראלן, און פילן זיך בעסער, שטארקער. ס'האט זיך אים אויסגעוויזן אז עס קערן

זיך אום צו אים די כחות פון פריער, און ער האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז ער וועט נאָך אפילו אינגאַנצן געזונט ווערן.

און צוליב דעם האָט ער שוין מער ניט געקוקט קרום אויף חייקלן, פאַרוואָס ער איז געוואָרן שמש אין דער נייער שול. פאַרקערט, ער האָט אים נאָך ארויסגעהאָלפן מיט עצות, געזאָגט אים ווי ער זאָל זיך פירן, ווי אַזוי ער זאָל אומגיין מיט די בעלי־בתים. דער ווינטער איז געווען אַ שלעכטער, חייקל איז די גאַנצע צייט געזעסן אָן פּרנסה, און איצט, פאַר פּסח, האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס יום טוב צו מאַכן. זיין איינציקע האָפנונג איז געווען אויף דער נייער שול.

— און אָט הפּנים, — האָט געזאָגט חייקל, — אַז דער זון מיינער, משה׳ל, הויבט זיך אויך אָן מענטשלען.

— טאַקע ?

— ער וויל עפענען אַליין אַ מאַסטערסקאַיע.

— אַליין גאָר ?

— אַליין.

— ער קען דען די מלאכה ?

— אַביסל.

— און געלט ?

— וועט זיך אַן עצה געבן.

— מאַכטייסע — זאָגט דער ײדע — זאָל זיין מיט גליק.

— און וועט אפשר אַ חתן ווערן אויך אין גיכן.

— דאָס אויך ?

— יאָ.

— פאַר׳ן חזנ׳ס מיידל ?

— יאָ.

דער יידע האָט אַ הויב געטאָן מיט אַן אַקסל:

— ס׳וועט גאָר ניט זיין דערפון.

— פונ׳ם שידוך מיינט איר ?

— ניין. פון דער מאַסטערסקאַיע.

— פאַרוואָס ?

— אַזוי.

און מער האָט דער ײדע ניט געוואָלט רעדן. ער איז די לעצטע צייט געוואָרן אַלץ איינגעשלאָסענער אין זיך און האָט

גערעדט האלבע ווערטער. אָבער חייקל האָט געוואוסט, אַז דער זיידע האָט ניט ליב דעם חזן פון דער נייער שול, ווייל מען האָט גערעדט אויף אים אַז ער איז אַ שטיקל אפיקורס, כאָטש ער איז געווען אַ שיינער בעל-מנגן. און דעם חזנ'ס מיידל, כאָטש ער האָט זי קיינמאָל ניט געזען, האָט ער אויך ניט ליב געהאַט. ער האָט געהערט פון איר, אַז זי איז אַ קליינס, מיט שווארצע, ברע־נענדיקע אויגן און מיט אַ שאַרף צינגל. אַ גרויסער עזות־פנים און האָט ניט קיין דרך־ארץ פאַר אַן עלטערן מענטשן. אפילו אַ שאַרף־קעפּל און אַ וואויל־געלערנטע, נאָר פונדעסטוועגן האָט דער זיידע זיך פאַרקרימט אלעמאָל, ווען ער האָט געהערט דערמאָנען איר נאָמען. דער אמת איז, אַז חייקל אליין האָט אויך ניט שטארק געהאַלטן פונ'ם שידוך, און פון זיין זונ'ס ווערן מייסטער פאַר זיך אליין. דערפאַר האָט ער געלאָזט דעם שמועס מיט'ן זיידן ניט געענדיקט.

* * *

משה'ל אליין איז דעם זיידן געוואָרן אלץ פרעמדער און אומבאַקאַנטער. דאַכט זיך עפּעס יאָ ווי זיינס אַ קינד, און דאַכט זיך אַז ניט. עפּעס איז ער גרויס געוואָרן, אויסגעוואַקסן, און אויף דער אויבערשטער ליפּ האָבן זיך באַ אים באוויזן קליינע, טונקעלע הערעלעך. געזען האָט דער זיידע אים זייער זעלטן. משה'ל האָט קיינמאָל קיין סך צייט ניט געהאַט פאַר'ן זיידן, און אַז ער איז געקומען, איז עס געווען אויף אַ רגע, און אַז ער האָט גערעדט, איז דאָס רעדן זיינס געווען פרעמד צום זיידן, און די ווערטער זיינע — עפּעס אַזעלכע מאָדנע, ניט צום פאַרשטיין.

דער זיידע האָט ניט געגלויבט, אַז משה'ל וועט קענען אליין פירן אַ מאַסטערסקאַיע, און דעריבער האָט ער זיך נאָך מער גע־וואונדערט, ווען ער האָט דערהערט, אַז ער האָט שוין טאַקע אָפּגע־דונגען אַ שטוב אין דער פאָדערשטער גאַס. חייקל האָט אים מיטגעגעבן אַ ווארשטאַט און אביסל געצייג, געקויפט פאַר אים אביסל האָלץ, און משה'ל האָט זיך אוועקגעשטעלט קלאַפּן טירן מיט פענצטער, פאַר די מאָלדעוואַנעס פון דאָרף. דער זיידע איז אפילו איינמאָל אליין געקומען זען ווי משה'ל טוט זיין מלאכה.

דער זומער האָט געקרעפּטיקט זיינע אַלטע ביינער און האָט אָנגעצונדן אַ פרישן גלאַנץ אין זיינע שוין במעט אויסגעלאָשענע

אויגן. ער פלעגט פּאוואָליע זיך שלעפּן איבער דער גאַס, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן קאַפּטן, און אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן. פלעגט פאַרווײלן צו עטלעכע מינוט ביי דעם קינד און ביי יענעם; און אַזוי האָט ער זיך איינמאָל פאַרשלעפּט צו משה'לס סטאָליאַרנע.

פון וויטנס האָט עס אויסגעקוקט ניט שלעכט. דאָס פענצ-טער איז געווען אָפן און ס'האָט זיך געזען פון אינעווייניק עטלעכע טירן און פענצטער, ניט פאַרענדיקטע, און אויף דער גאַס איז אויך געווען צעוואָרפן אַ הויפן האָלץ, צו טריקענען זיך קעגן דער זון, נאָר מאָדנע איז געווען דעם זיידן, וואָס ער האָט ניט געזען משה'לן ביי דער ארבעט, און וואָס ער האָט ניט געהערט דעם קלאַפּ פון'ם האַמער און דאָס שניידן פון דער זעג.

דער זיידע האָט זיך צוגעשלעפּט ביז דער טיר, געבליבן שטיין אויף דער שוועל, אַרומגעקוקט זיך, געקוועטשט מיט די אַקסלען און געוואונדערט זיך וואָס משה'ל איז ניטאָ. ער איז מיד גע-וואָרן פון'ם גאַנג און האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפ'ן טאַבורעט, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר.

אין עטליכע מינוט אַרום איז משה'ל אַריינגעקומען פון דעם צווייטן חדר, און נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען אַן אַלטער, גרויז-גרויער איד, אַן איינגעבויגענער, מיט אַ ספר אונטער'ן אָרעם.

משה'ל איז געווען הויך און שלאַנק, מיט אַ שמייכל אויפ'ן פּנים, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און מיט אַ אַלטן זאַק, אַנשטאָט אַ פאַרטעך, אַרום די הויזן. ער איז אַביסל צעטומלט געוואָרן ווען ער האָט דערזען דעם גאַסט — דעם זיידן, און האָט אויף דער ערשטער מינוט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

דער זיידע האָט געקוקט אויפ'ן אַלטען אידן און משה'ל האָט פאַרכאַפּט:

— דאָס, זיידע, איז מיין רבי, רב דוד-לייזער.

— אַ רבי?

— יאָ. איך לערן ביי אים לשון-קודש.

דער זיידע האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— אַ נויטיקע זאַך . . . אַוועקוואַרפן די אַרבעט און זיך זעצן לערנען אין מיטן טאָג . . .

און פאַרנאַכט, אַז דער זיידע האָט באַגעגנט הייקלען, האָט ער צו אים געזאָגט:

— לערנען גאר! לשון־קודש! . . . אין מיטן דער ארבעט . . . א נויטיקע זאך.

חייקל האט געשוויגן. אים אליין איז עס אויך ניט געווען געפעלן.

* * *

א וואך נאך שבועות האט מען דעם זיידן גערופן צו משה'לס תנאים.

— איכ'ל ניט גיין — האט געזאגט דער זיידע.

די תנאים האט מען געפראוועט בא דעם חזן אין הויז. משה'ל האט געשיינט א גליקלעכער, און האט אנגעקוואלן פון זיין כלה. אבער ער האט זיך פארלוירן צווישן דעם גרויסן עולם און איז אפט מאל רויט געווארן ביז איבער די אויערן. עס איז געווען א גרויסער עולם אין דוד חזן'ס האלב־אריסטאקראטישער שטוב. רב דוד אליין, א שיינער איד מיט א לאנגער, בלאנדער באָרד, ערטערווייז גרוי, און מיט גוטע, ווייכע אויגן, האט זיך ארומגעדרייט אין הויז אין א שווארצן סורדוט, מיט א זיידענער יארמעלקע אויפ'ן קאפ, און האט אויפגענומען די געסט. זיין ווייב, די מחותנת'טע רחל, איז געווען פארפוצט אין א ניי קלייד און מיט א געהעפט טיכל אויפ'ן קאפ. דא זיינען געווען דער אלטער רב דוד לייזער, א איד, אנגעשטאפט מיט תורה, און עטלעכע ניי־מאדישע לערער, וואס האבן שוין געלערנט מיט זייערע תלמידים העברעאיש, ניט לשון־קודש. חייקל און זיין ווייב דינה זיינען געקומען מיט'ן התן און מיט דער גאנצער משפחה פון חתן'ס צד, אבער זיי אלע, אפילו דער וואויל־יונגערשער זייליס און דער קלונער יאסל דער בעקער האבן זיך געפילט אזוי ווי פרעמד צווישן די לערער און אנדערע שיינע אידן, מיט וועלכע משה'ל האט זיך גע'חבר'ט. עפעס זיינען זיי געווען דא אזוי ווי אויף א פרעמדער שמחה.

ניטא אויף וואס צו ווארטן — האט געזאגט דער מחותן חייקל — דער זיידע וועט ניט קומען.

און די תנאים זיינען געפראוועט געווארן אנ'עם זיידן.

* * *

פונדעסטוועגן האט משה'ל געפועל'ט ביי זיין באבעלען, אז זיי זאלן גיין מיט א וויזיט צום זיידן אין באשקע.

— די באשקע — האָט ער געזאָגט צו איר — איז דאָס פּלאַץ, וואו מיין וויגל איז געשטאַנען, וואו איך האָב מיין קינדהייט פאַרבראַכט. מיט דער באַשקע זיינען פאַרבונדען אַלע זכרונות פון מיינע קינדער יאָרן.

— דיין זיידע מיך ניט ליב — האָט באַבעלע געזאָגט.

זי האָט ניט געהאַט קיין פאַרלאַנג צו זען דעם אַלטן, אָשגרויען אידן, מיט דער שפּיציקער באָרד און מיט די גרויסע מוראדיקע ברעמען, וועמען זי האָט געזען אַמאָל פון וויטן. זי האָט געוואוסט, אַז ער איז ווידער קראַנק, דער זיידע, אויף אַן אמת קראַנק, און אַז ס׳שמעקט מיט טויט פון זיין יעדן אבר. זי איז געווען יונג, קוים אַכצען יאָר אַלט, און אין דרויסן איז געשטאַנען דער סוף זומער מיט זיינע שענסטע און בליענדסטע טעג.

דעם וויזיט צום זיידן אין באַשקע, דעם איינציקן, און אפשר דעם לעצטן, האָבן זיי אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג: משה׳ל אַליין האָט זיך אויך ניט געאיילט צו דעם. חוץ דעם האָט ער פאַראיבל געהאַט אויפ׳ן זיידן, וואָס ער איז ניט געקומען צו זיין שמחה.

אָבער דער זיידע איז דעמאָלט שוין ווייט געווען פון דעם אַלעמען און אין די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט האָט ער שוין פאַרטיק געמאַכט אַלע זיינע חשבונות מיט גאָט און מיט מענטשן, מיט זיינע קינדער און אייניקלעך, און איז ווידער געלעגן אַ שטילשווייגנדיקער אויף זיין בעט און האָט געאָטעמט, כל־זמן דאָס האַרץ האָט זיך באַוועגט.

ס׳איז געווען אין אַ שפּעטן הערבסט פאַרנאַכט. די זון האָט זיך געזעצט אַ בלוטיק־רויטע אין מערב זייט און פון די פרייעפעלדער האָבן זיך נאָך געטראָגן די פרישע ריחות פון אָפּגעשניטענער תבואה, כאָטש דאָס גאַנצע ברויט איז שוין געווען איינגעפּאַקט אין די שייערס.

אין זיידנ׳ס באַשקע איז געווען טונקל. דורך די קליינע פענצטערלעך האָבן זיך אריינגעריסן בלוטיק־רויטע פּאַסן פון דער פאַרגייענדיקער זון, און זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויפ׳ן זיידנ׳ס בעט, וואָס איז געשטאַנען ביי דער מזרח־וואַנט, און אויפ׳ן זיידנ׳ס בלאַסן פּנים. ער האָט געאָטעמט שווער, און פון זיין מויל האָט זיך געטראָגן אַ שווערער ריח. די נאָז זיינע איז געווען לאַנג און אויסגעצויגן, און די באַקן — איינגעפאַלן, אַזוי ווי צוגעוואַקסן

צו די אלטע ביינער. דאָס האַרץ האָט זיך פאַמעלעך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, און די אויגן האָבן זיך געעפנט און געשלאָסן אָן דעם זיידנ׳ס וויסן.

קיינער איז ניט געווען אַרום אים. די באָבע צירל איז, ווי תמיד, אַוועק צום זון, צו געצלן, און האָט זיך ניט געאײַלט אַהיים־צו קומען. און אפשר האָט זי זיך אויסגערעכנט, אַז ווען זי וועט קומען, וועט ניט זײַן צו שפּעט. אין באַשקע איז געווען שטיל. דער זיידע איז געלעגן אַזוי ווי פאַרוויגט אין נעפּלדיקע געדאַנקען, עפּעס האָט זיך געמישט אין זײַן קאָפּ, עפּעס האָבן געדאַנקען זיך נעפּלאָנטערט, בילדער, פון יאָרן צוריק, האָבן זיך געיאָגט איינס נאָכ׳ן אַנדערן, און אַרום אים — רעדער פײַערדיקע, אַזוי ווי פון אַ פײַערדיקן רייטוואָגען. אפשר פאָרט ער אַצינד שוין אין די הויכע הימלען, און אפשר וועט ער באַלד געשטעלט ווערן פאַר׳ן בית־דין של מעלה? ער שרעקט זיך ניט, דער זיידע. וואָס ער האָט געטאָן אויף זײַן לעבן, האָט ער גוט געטאָן און מיט׳ן רצון פון גאָט, זײַן באַשאַפער. און אויב ער האָט ניט געטאָן בעסער נאָך, איז עס מסתמא געווען אַזוי דער ווילן פונ׳ם בורא.

און מיט אַמאָל האָט ער דערפילט ווי פון ערגעץ וואָלט אויף אים אַ הויך געטאָן אַ פרישער אָטעם, אַזוי ווי פון אַ ווינט, וואָס קומט פון די פרייע פעלדער. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, שווער געעפנט די אויגן, גלעזערנע, מיט פאַרגליווערטע שוואַרץ־אַפּלן. צוויי יונגע, לעבעדיקע, פינקלענדיקע פּאָר אויגן האָבן געקוקט אויף אים, אָבער ער האָט זיי געזען ווי דורך אַ נעפּעל.

משה׳ל האָט זיך אַראָפּגעבויגן איבער אים:

—וואָס מאַכסטו, זיידע?

דער זיידע האָט געעפנט דאָס מויל, אודאי געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר אַנשטאָט דעם האָט אַ שלעכטער ריח זיך אַרויס־געשפּאַרט פון זײַן מויל און משה׳ל האָט זיך געגעבן אַ צי צוריק.

דער זיידע האָט געמורמעלט, קוים צו פאַרשטיין:

— שלעכט . . .

ס׳איז געווען אַ פײַנלעכע רגע. משה׳ל האָט זיך אַרומ־געקוקט אין דער באַשקע, אין דער אַלטער, ליבער קעלער־שטוב, און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז פון יעדן ווינקל אָטעמט אַרויס דער טויט.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו באַבעלען.

— קום — האָט ער געוואָלט אויסרופן, אָבער ער האָט דאָס וואָרט ניט געזאָגט. ער האָט זי צוגעצויגן נענטער צום בעט, זיך ווידער אַראָפּגעבויגן איבער'ן זיידן, און אַריינגערעדט אים כמעט אין אויער אַריין:

— דאָס איז... דאָס איז מיין כלה... זיידע...

דעם זיידנ'ס ליפּען האָבן זיך שוואַך באַוועגט. אפשר האָט ער געוואָלט עפּעס זאָגן? און אפשר האָט ער שוין גאָר ניט געהערט וואָס משה'ל האָט גערעדט צו אים?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

חייקל איז אַריינגעקומען אין באַשקע, און האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ אויפ'ן זיידנ'ס טיש. די שאָטנס זיינען אַנטלאָפן און האָבן זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען פון די באַשקע־ווענט.

משה'ל און באַבעלע זיינען שוין דאָרט ניט געווען, אָבער זייער יונגער אָטעם האָט זיך נאָך געפילט איבער דער גאַנצער שטוב.

# טו.

אַלע יאָרן האָט דער טאַטע, חייקל דער סטאָליער, זיך געריסן קיין אַמעריקע; איינמאָל האָט ער שוין אפילו געהאַט שיפס־קאַרטן, וואָס אַ גוטער פריינט זיינער האָט אים צוגעשיקט פון דער וויטער שטאָט פילאַדעלפיע, און אַ צווייטן מאָל האָט ער שוין געהאַט אפילו דאָס בעטגעוואַנט פאַרפּאַקט און אַרויסגעשיקט, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ער איז געבליבן אין דער היים, אין דעם קליינעם שטעטל, אין בעסאַראַביע, און געפאָרן קיין אַמעריקע איז גאָר דער זון, משה'ל, מיט זיין יונג ווייבל, באַבעלע.

וועגן דעם דאָזיקן יונגן פּאָרפאָלק האָט מען אין שטעטל אָפט זיך געשושקעט אויפ'ן אויער. עפּעס איז אויסגעקומען ביי לייטן, אַז ס'איז ניט קיין גלאַטע מעשה מיט דעם דאָזיקן שידוך. קודם כל שוין דאָס אַליין וואָס משה'ל, כאָטש ער איז געווען אַנדערש פון די אַנדערע בעל־מלאכה'שע אינגלעך אין שטעטל, איז ער דאָך געווען ניט מער ווי חייקל דעם סטאָליער'ס אַ זון, און באַבעלע, חוץ דעם וואָס זי איז אַליין געווען אַ וואוילגעלערנטע און האָט געגעבן „אורָאָקן" אויף רוסיש און העברייאיש, איז זי געווען

דוד דעם חזן'ס טעכטערל, און — אַ חזן איז פּאַרט ניט קיין בעל־מלאכה.

האָט מען גערעדט אין שטעטל, אַז צווישן דעם דאָזיקן פּאָרל האָט זיך צעפלאַקערט אַ ליבע, ממש סכנת נפשות. משה'ל האָט געקענט אוועקוואַרפן די אַרבעט אין אַ מיטן־העלן טאָג, און מיט'ן פאַרטעך אַרום די הויזן, אוועקלאָזן זיך צו באַבע'לען, וואָס האָט געוואוינט אויף דער פּריצישער גאַס. אָדער ער פלעגט איר נאָכגיין אין די גביר'ישע הייזער, וואו זי האָט געגעבן אירע אוראָקן. און באַבעלע האָט זיך גאָרניט געשעמט מיט'ן סטאָליער יונג. פאַרקערט, זי פלעגט אָפט שפּאַצירן מיט אים איבער דער ברייטער גאַס. זי — אין אַ ווייס־זומערדיק קליידל, מיט אַ ברייטן, שטרויענעם הוט אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ קליין זאַנטיקל אין דער רעכטער האַנט, און ער, משה'ל, איז געגאַנגען ביי איר זייט, אין זיינע וואָכעדיקע אַרבעטס קליידער, מיט אַ זאַק אַנשטאַט אַ פאַרטעך, און אָפּטמאָל מיט אַ קעסטל געצייג אונטער'ן אָרעם.

מ'האָט געוואוסט, אַז באַבעלע האָט ניט נאָר שוואַרץ־ברענענדיקע אויגן, נאָר אויך אַ שאַרף צינגל און נאָך אַ שאַרפער קעפּל. זי האָט געקענט באַנעמען דעם שווערסטן ענין ניט ערגער ווי אַ איד אין די יאָרן, און זי האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן צו פאַרפירן אַ דעבאַטע וועגן ציוניזם אפילו מיט'ן רב פון שטעטל. איינעם, אַן עלטערן אידן, אַן אנגעזעענער באַלעבאָס אין שטעטל, האָט זי זיך אפילו פאַרגונען צו זאָגן, אַז דאָס וואָס ער איז דריי מאָל אַזוי אַלט ווי זי, מיינט נאָך ניט, אַז ער פאַרשטייט אַן ענין בעסער פון איר. ס'מיינט נאָר, האָט זי אים געזאָגט, אַז ער האָט אויפגעגעסן מער ראָסלפלייש פון איר.

אַזאַ שאַרף צינגל האָט זי געהאַט, די דאָזיקע באַבעלע. אָבער מ'האָט פונדעסטוועגן שטאַרק געהאַלטן פון איר. און כאָטש זי איז דעמאָלט געווען ניט מער ווי אַ יאָר זיבצן אַלט, איז זי פונדעסטוועגן געווען די גאַנצע אָנפירערקע פון אַלע ציוניסטישע אַרבעטן אין שטעטל.

משה'ל, ווידער, איז טאַקע געווען ניט מער ווי אַ בעל־מלאכה, אָבער ער איז געווען אַנדערש ווי די אַנדערע סטאָליער אינגלעך, שניידער אינגלעך און שוסטער אינגלעך פון שטעטל. און אויב ער האָט מיט די אַנדערע בעל־מלאכה'שע אינגלעך זיך

ניט געֹחבר׳ט, איז דאָס ניט געווען דערפאר ווייל ער האָט זיך געגרויסט אנטקעגן זיי, נאָר פשוט דערפאר ווייל אים האָט, אזוי צו זאָגן, געצויגן צו „וואוילגעלערנטע” מענטשן. דערפאר האָט ער זיך געֹחבר׳ט מיט אזא מיידל ווי באבעלע, אדער באבצי, ווי ער פלעגט זי אָפטמאָל פארציען; ווייל חוץ דעם וואָס זי האָט אים געלערנט רוסיש און אביסל העברייאיש, האָט ער ביי איר אין הויז זיך באקאנט מיט די לערער פון שטעטל, און ער האָט דאָרט געקראָגן אלערליי ביכער צום לייענען.

סיי ווי, ס׳איז פאר קיינעם קיין איבערראשונג ניט געווען, ווען אין א שיינעם דאנערשטיק אינדערפרי, אָנהויב זומער, האָט מען זיך דערוואוסט אין שטעטל, אז משה׳ל, חייקל דעם סטאָליער׳ס אינגל, ווערט א חתן פאר דוד דעם חזנ׳ס בת יחידה, באבעלע. לויט האָבן דאָס געהערט און האָבן זיך ניט געוואונדערט. „מ׳האָט דאָס שוין לאנג געדארפט דערווארטן,” האָבן מענטשן געזאָגט. נאָר ווען מ׳האָט זיך דערוואוסט, אז תיכף נאָך שבועות וועט געפראוועט ווערן די חתונה, און אז באלד נאָך דער חתונה וועט דאָס פאָרל אוועקפאָרן קיין אמעריקע, ערשט דעמאָלט האָבן מענטשן גענומען זיך איבערקוקן אויף שטום־לשון. אנדערע האָבן אפילו צונעלייגט מיט א צווידייטיק שמייכעלע, אז ס׳מוז, הפנים, שוין האלטן גאָר ווייט, אויב מ׳דארף אויף גיך שטעלן א חופה און אוועקשיקן אזעלכע יונגע קינדער אזש מעבר לים . . .

וואָס דען, האָבן לייטן גערעדט, גוטס קען ארויסקומען ווען מ׳לאָזט א בחור מיט א מיידל ארומשלעפן זיך דורך די נעכט? נאָר ווּעמען נייט עס אָן? אז דוד דעם חזן שטייט־אָן צו האָבן פאר א מחותן אזא פשוט׳ן מענטשן ווי חייקל סטאָליער, וואָס דערצו איז ער נאָך א שמש אין שול, איז וועמען זאָל עס אַרן? דער אמת איז, אז אין שטעטל האָט מען שטארק געהאלטן פון דעם דאָזיקן חייקל׳ען, און ער איז, אין זיין גראַד, געווען אפשר פונקט אזא אָנגעזעענער באלעבאָס ווי ר׳ דוד דער חזן.

משה׳ל און באבעלע האָבן געוואוסט וואָס מען מורמלט ווענן זיי אין שטעטל, אָבער זיי האָבן זיך פון דעם קיין זאָרג ניט געמאכט. זיי האָבן זיך ארומגעטראָגן מיט זייערע אייגענע חלומות, ווי געוויינטלעך, יונגע קינדער, וואָס נאָר עס רייסט זיי אין דער ווייטער וועלט ארײַן. משה׳ל האָט שטארק ליב געהאט באבע׳לען.

ער האָט ליב געהאט די גאנצע וועלט, חוץ איין זאך — סטאָליערײ. פאַרוואָס ער האָט אַזוי פיינט געהאט די מלאכה, האָט קיינער ניט געקענט באַגרייפן, און ער אַליין — אויך ניט. האָט ער דאָך אַליין געלערנט אין די ביכער, אַז מלאכה איז קיין שאַנדע ניט, אַז מלאכה איז נוצלעך, אַז „ארבעט מאכט דאָס לעבן זיס,״ און נאָך אַזעלכע זאכן, אָבער זיין מלאכה, סטאָליערײ, האָט ער פּאָרט ניט ליב געהאט. אַז ס'האָט אים כסדר געצויגן נאָר צו עפּעס אַנדערש — א שרייבער האָט ער געוואָלט זיין. שטילער־הייט, אַזוי האָט מען געמורמלט אין שטעטל, האָט ער אפילו שוין געשריבן ראָמאַנען, און דראַמעס, און וואָס ניט; און שטילער־הייט, אַזוי האָט מען גערעדט, האָט ער אפילו געשיקט זיינע „זאכן״ אין פאַרשיידענע רעדאַקציעס אין אַזעלכע ווייטע שטעט ווי וואַרשע און פעטערבאַרג, נאָר דאָרט האָט מען, ווייזט אויס, אויף זיינע „שרייבעכצען״ זיך גאָר ניט אַרומגעקוקט. מ'האָט זיך דאָרט אפילו ניט גענומען די מי אים אָפּצושיקן צוריק זיין כתב יד, אָדער "מאַנוסקריפּט,״ ווי ער אַליין, משה'ל, פלעגט עס רופן.

אָבער דאָס האָט אים פונדעסטוועגן ניט אַנטמוטיקט. פאַר־קערט, ער איז געווען ביי זיך זיכער, אַז זאָל ער זיך נאָר אַרויס־רייסן פון דעם קליינעם שטעטל, און זאָל ער נאָך ערגיץ אָנשפּאַרן אין א גרויסן מקום, צווישן מענטשן וואָס זיינען די אמת'דיקע מבינים, וועט ער זיך שוין צו עפּעס דערשלאָגן. א סברא, אַז באַבעלע אַליין האָט גראַד ניט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין זיינע „שרייבעכצן,״ פונדעסטוועגן האָט זי אויך געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך אַרויסרייסן אַזוי דער ברייטער וועלט. צו וואָס, טאַקע אין דער אמת'ן, קען מען זיך דערשלאָגן אין א קליין שטעטל?

אָבער וואָס איז די אייליעניש? האָבן מענטשן געפרעגט, וואָס עפּעס אַזאַ אויסכאַפּעניש? ערשט א תנאים, שוין א חתונה, און גלייך אַנטלויפן . . . ניט אַנדערש, אַז ס'איז פאַראַן צוליב וואָס צו אַנטלויפן . . .

פונדעסטוועגן איז געווען א שיינע חתונה, אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. און דער רב אַליין, כאָטש ער האָט געהאַלטן, אַז הייקל סטאָליער'ס בן און דעם חזן'ס בת־יחידה זיינען אַביסל „געכאַפּט אין דער מעשה,״ האָט ער זיי געגעבן חופּה וקדושין, און האָט זיי נאָך געגעבן זיין ברכה אויך. און

נאָך דער חופה ותשטשערע, און נאָכ׳ן דרשה־געשאנק, האָט דער עולם זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן ביז׳ן ווייסן טאָג אַריין. און מער ווי אַלע האָבן געטאַנצט משה׳לס צוויי פעטערס: דער פעטער זייליק, דער סטאָליער, און דער פעטער יאָסל, דער בעקער. יאָסל איז געווען אַ יונג אַ ברען. ער האָט געקענט שיין זינגען און האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ גרויסן „הוליאַקע.” ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין פּלימעניק, וואָס ריַיסט זיך צו זיין אַ שרייבער, און ער האָט אויך ליב געהאַט משה׳לס כלה, באַבעלע. מ׳פלעגט אים אָפּטאָל זען אַרומשפּאַצירן מיט זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דער פעטער זייליק, ווידער, כאָטש ער פלעגט קוקן אויף באַבעלען מיט אַ שאַרף אייגל, האָט ער, פונדעסטוועגן, שטיל־ערהייט שטאַרק געהאַלטן פון איר, און ער האָט אפילו גענומען אויף זיך צו באַגלייטן דאָס יונגע פּאָרל ביז דער גרעניץ, און זען, אַז מ׳זאָל זיי בשלום אַריבערשטעלן „אויף יענער זייט.” אַט די צוויי פעטערס האָבן שטאַרק געהוליעט בא דער חתונה, נאָר פּאַרטאָג, ווען דער גרעסטער טייל פונ׳ם עולם איז זיך שוין פונאַנ־דערגעגאַנגען, האָט דער פעטער יאָסל אַוועקגענומען משה׳לן מיט באַבעלען אָן אַ זייט, און האָט געזאָגט צו זיי מיט אַ שטיל, גע־בראָכן קול:

— איר ווייסט, קינדער, עס וועט מיר זיין זייער אומעטיק אָן אייך . . .

און משה׳ל און באַבעלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז אמת. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער לעבט ניט בשלום מיט זיין ווייב, מיט דער מומע בייקע, און אַז ער האָט ניט אין שטעטל קיין איינציקן מענטשן מיט וועמען ער זאָל קענען פאַרברענגען, אַזוי ווי ער האָט פאַרבראַכט מיט די דאָזיקע צוויי יונגע קינדער.

דער פעטער זייליק איז אויך געווען אומעטיק, אָבער גאָר צוליב אַן אַנדער זאַך. ער אַליין האָט זיך אויך געריסן פון דעם קליינעם שטעטל. אים אַליין האָט אויך געצויגן אין דעם דאָזיקן וויטן און אומבאַקאַנטן לאַנד, אַמעריקע, וואָס ער האָט זיך וועגן דעם אַזוי פיל אָנגעהערט און אַזוי פיל אָנגעלייענט. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז זיין ווייב, שרה־ביילע, וועט מען קיינמאָל אין יענעם לאַנד ניט אַריינלאָזן צוליב אירע קראַנקע, רויטע אויגן.

איז אים דערפאַר געווען ניט שווער אויפ'ן הארצן ווען ער האָט געזען, ווי אַנדערע פאָרן אין דער ווייטער וועלט אַריין, און ער אַליין, וואָס ער איז אַזאַ בריה און אַזאַ קלוגער, און וואָס ער האָט אַזאַ שאַרפן קאָפּ — מוז בלייבן שטעקן אין דעם קליינעם שטעטל, אין בעסאַראַביע.

* * *

די לעצטע נאַכט, וואָס משה'ל האָט פאַרבראַכט אין זיין געבוירטס שטעטל, האָט ער ניט געקענט שלאָפן. עס האָט אים ממש געהויבן פונ'ם געלעגער. ס'איז געווען דעמאָלט אַ הייסע זומער נאַכט. משה'ל איז געשלאָפן אויפ'ן הויף, אונטער'ן פרייען הימל. ניט ווייט פון אים, אויף אַ שמאָל בעטל, איז געשלאָפן דער טאַטע, ר' חייקל. דער טאַטע האָט, ווייזט אויס, אויך ניט געקענט שלאָפן אין דער דאָזיקער נאַכט, מחמת משה'ל האָט גאַנץ גוט געהערט ווי דער טאַטע האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, האָט אונטערגעהוסט און צוגעקרעכצט. משה'ל האָט געוואוסט פאַרוואָס דער טאַטע קען ניט שלאָפן, פונקט ווי ער האָט געוואוסט, פאַרוואָס ער אַליין קען ניט שלאָפן.

די לעצטע עטלעכע יאָר האָט משה'ל ניט גוט געלעבט מיט'ן טאַטן. אין האַרצן האָבן זיי זיך גראָד ליב געהאַט. עס האָט זיי שטאַרק געצויגן איינס צו דעם אַנדערן, אָבער דער טאַטע האָט ניט געקענט פאַרשטיין דעם זונ'ס דרכים, און דער זון האָט ניט געקאָנט גיין אויף דעם טאַטנ'ס אַלטע, אויסגעטראָטענע וועגן. דער טאַטע, כאָטש קיין גרויסער פרומאַק איז ער ניט געווען, האָט ער פונדעסטוועגן ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס הייסט אַ בחור הערט־אויף, מיר־ניט, דיר־ניט, צו דאַוונען? וואָס הייסט אַ אינגל, אַ חתן־בחור, זאָל זיך כסדר אַרומדרייען אָן אַ היטל, און אפילו ביים טיש, ביים עסן, ניט וועלן אָנטאָן דאָס היטל אויפ'ן קאָפּ? . . . וואו איז אַזוינס געהערט געוואָרן? וואָסי, ער איז אפשר יאַנקל פעלדיסמאַנ'ס אַ זון, וואָס ער קען זיך אַלץ פאַרגינען? ער איז דאָך ניט מער ווי אַ קבצנ'ס אַ קינד, און אַ קבצנ'ס אַ קינד דאַרף ניט וועלן נאָכטאָן אַלץ וואָס גבירישע קינדער דערלויבן זיך.

אַזוי האָט געהאַלטן דער טאַטע, חייקל דער סטאָליער, און ס'האָט אים גוט וויי געטאָן דאָס האַרץ צו זען ווי אַזוי זיין

עלצטער זון, משה׳ל, פירט זיך אויף. אסך מאָל האָט ער אים אויסגעשטראָפט, אויסגע׳מוסר׳ט, געזאָגט אים מיט הארבע רייד, אז פון אים, פון משה׳לן, וועט שוין קיינמאָל קיין לייט ניט זיין; אז ער וועט זיך קיינמאָל צו קיין תכלית ניט דערשלאָגן, און אז הלואי זאָל ער ערגיץ אוועק, אז זיינע אויגן זאָלן אים מער ניט אָנקוקן . . .

מיט אזא ביטערקייט האָט ר׳ חייקל גערעדט צו זיין זון, זיין ערשט-געבוירענעם. נאָר אז ס׳איז געקומען די צייט ווען משה׳ל האָט זיך פארנומען אין דער וויטער וועלט אריין, און ווען ס׳איז אָנגעקומען די לעצטע נאכט וואָס משה׳ל האָט גענעכטיקט אין דער היים, אונטער דעם היימישן, לויטער־אויסגעשטערנטן הימל, האָט אים גענומען קלעמען דאָס הארץ. עס האָט אים גענומען באנג טאָן וואָס זיין קינד לאָזט זיך אוועק אין דער וויטער וועלט, און איין גאָט ווייסט, צי וועט ער אים נאָך אמאָל זען מיט זיינע אויגן.

משה׳ל האָט געהערט ווי דער טאטע קרעכצט און דרייט זיך אויף זיין געלעגער, און אליין האָט ער זיך אויך געדרייט און ניט געקענט שלאָפן. ער האָט געוואוסט, אז דער טאטע איז גאָרניט אזא הארטער מענטש, ווי ער מאכט זיך. ניט מער, ער איז אלטמאָדיש, אביסל צוריקגעשטאנען, און וואָס ווייסט א מענטש ווי זיין טאטע פון דער נייער צייט? האָט ער אלעמאָל אויסגעמיטן צו קריגן זיך מיט אים. ער האָט אים געשאנעוועט. אָבער איצט האָט אים מורא׳דיק געקלעמט דאָס הארץ. דער טאטע — אן עלטערער מענטש . . . און וויפיל לעבט עס איינגאנצן א מענטש? . . . און אָט פאָרט ער אוועק . . . ער ווייסט דען וואוהין ער פאָרט? ער ווייסט דען וואוהין די פיס זיינע וועלן אים פאר־טראָגן? ווער ווייסט צי וועט ער אים ווען עס איז נאָכאמאָל זען, דעם טאטן זיינעם . . .

און ס׳איז דען נאָר דער טאטע? און וואָס איז מיט דער מאמען? טאקע אמת, זייער א פשוט׳ע אידענע, די מאמע זיינע, אָבער א מאמע איז זי דאָך . . . זי האָט דאָך אים אויסגעוואַ־רעמט מיט איר בלוט. זי האָט דאָך אים אויסגעהאָדעוועט מיט איר מילך . . . איצט לאָזט ער זי איבער . . . א רחמנות . . . אָבער — ער קען דען אייביק בלייבן לעבן דער מאמען?

היינט די ברידערלעך און די שוועסטערלעך . . . און די חברים . . . און די גוטע פריינט . . . און דער פרוט, וואו ער האָט זיך געלערנט שווימען, און וואו ער איז איינמאָל שיער ניט דער־טרונקען געוואָרן . . . און דאָס וועלדל, וואו ער האָט זיך געליבט מיט באבעלע׳ן, און דעם גלח׳ס סאַד, וואו ער האָט ביינאכט געריסן עפּל און בארן . . . און דאָס פעלד, הינטער דער באָד, וואו ער פלעגט שפּילן מיט די אינגלעך אין „קייסער און קנעכט . . .״ נאָך אָט די אַלע זאכן וועט ער דען ניט בענקען? און נאָך דער שמאָלער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צום ברונען, אין וואַלד, וועט ער דען ניט בענקען? און נאָך די לידלעך וואָס ביילקע די מאַדיסטקע פלעגט אזוי אומעטיק זינגען, וועט אים דען ניט ציען דאָס הארץ? . . .

אזוי ליגט משה׳ל מיט אָפענע אויגן, קוקט ארויף צו דעם טיף־בלויען הימל, און ער דערמאָנט זיך די ביבליאָטעק, וואָס ער האָט דאָ אליין צונויפגעשטעלט אין שטעטל; און ער דערמאָנט זיך אָן אידל פעלדמאַנ׳ס שייער, וואו ער האָט אליין „געשפּילט טעאַטער״ און געזאַמעלט געלט פאַר ארץ ישראל . . . און ער דערמאָנט זיך אָן יעדער שטוב, און אָן יעדן הויף, וואָס איז אים מיט אמאָל געוואָרן אזוי איינגעבאקן אין הארצן. אפילו וואסילי דעם קאוואל׳ס הויף מיט דער קוזניע טוט אים באַנג . . . דאָרט היינגט נאָך די הוידעלקע וואו באבעלע — אזא שטיפערקע ווי זי איז, — האָט זיך געהוידלט פראַנק־און־פריי אויף מאָרגן גאַנץ פרי, נאָך דער חתונה נאכט . . . און ס׳האָט זי גאָרניט געאַרט וואָס מענטשן האָבן געזאָגט, אז ס׳פּאַסט ניט . . . אז ס׳איז ניט שיין . . . מחמת זי איז דאָך שוין א ווייבל מיט א צוגעדעקטן קאָפּ . . . באבעלע האָט דעמאָלט געלאכט ווי א קינד און האָט זיך געטאָן איר׳ס, און האָט זיך ווייטער געהוידלט . . .

משה׳ל דערמאָנט זיך די ווינטערדיקע בלאָטעס אין שטעטל. אפילו נאָך די דאָזיקע בלאָטעס, וואָס ער איז ניט איינמאָל גע־בליבן שטעקן אין זיי — אפילו נאָך די דאָזיקע בלאָטעס וועט ער בענקען . . .

* * *

א האלב שטעטל איז נאָכגעגאנגען נאָכ׳ן וואָגן, ס׳האָט שיער ניט אויסגעקוקט ווי א לויה, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער

ברייטער, פריצישער גאַס, וואו ר׳ דוד דער חזן האָט געוואוינט. ר׳ דוד אַליין, אַ נידריקער איד מיט אַ שיין־צעקאַמטער באָרד, איז געווען צעטראָגן. עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך ערשט איצט געכאַפּט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ גרויס נאַרישקייט. וואָס הייסט, ער לאָזט אַוועקפאָרן זיין איינציק טעכטערל, זיין בת יחידה, וואָס ער האָט זיך כסדר אַזוי געשפּיגלט אין איר? וואו איז געווען זיין קאָפּ פריער? וואו זיינען געווען זיינע אויגן? און ער האָט נאָך געהאַט טענות צו זיין ווייב, רחל, פאַרוואָס זי האָט אים דערלאָזט צו טאָן אַזאַ נאַרישקייט. אָבער רחל, וואָס האָט אַלע־מאָל געהאַט אַ מאַנסבילשן קאָפּ אויף זיך, האָט גע׳טענה׳ט, אַז, נשקשה, זאָלן נאָר די קינדער צו עפּעס זיך צושלאָגן אין דעם נייעם לאַנד, וועלן זיי, טאַטע־מאַמע, און דאָס אינגערע קינד, הערשעלע, אויך אַרויספאָרן אַהין . . .

זיידל דער בעל עגלה האָט אָנגעלייגט אַ פולן וואָגן מיט פּריש־שמעקנדיקער היי, ווייל חוץ משה׳ל, באַבעלע און דער פעטער זייליק, וואָס האָט זיי געדאַרפט באַגלייטן ביז דער גרעניץ, זיינען געווען נאָך צוויי פאַרשוינען, צוויי שיינע „באַרישניעס,״ מיט היטעלעך און מיט זאָנטיקלעך, וואָס זיי זיינען אויך געפאָרן קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע, אַזוי האָט מען געזאָגט אין שטעטל, וואַרטן שוין חתנים אויף זיי . . . זיינען די „באַרישנעס״ געזעסן אויבן־אָן, אויפ׳ן וואָגן, נאָר משה׳ל, באַבעלע און דער פעטער זייליק, האָבן נאָך ניט געוואָלט קריכן אין וואָגן, ביז העט, אַרויס פון שטעטל . . . דערוויייל האָט מען געהאַלטן אין געזעגנען זיך, געקושט זיך און ווידער געקושט זיך, און ווידער אָנגעזאָגט, למען השם, ניט פאַרגעסן, באַלד שרייבן אַ קאַרטל פון וועג . . . און למען השם, שרייבן פון יעדער סטאַנציע, וואו מ׳וועט זיך אָפּ־שטעלן . . .

באַבעלע איז געגאַנגען די גאַנצע צייט צווישן טאַטע־מאַמע און איר קליין ברודערל, מיט די רויטע, אָנגעבלאָזענע באַקן און גרויע, שטענדיק־לאַכנדיקע אויגן. משה׳ל, ווידער, האָט גאָרניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. די מאַמע האָט מען ניט גע־קענט אַוועקרייסן פון אים. זי האָט ניט אויפגעהערט קלאָגן איבער אים, אַזוי ווי, גאָט באַהיט, מ׳באַוויינט אַ טויטן . . . און מאָרגע, דער מאַמע׳ס געוויין האָט אים ווייניקער געאַרט ווי דעם

טאטנ׳ס שווייגן . . . אזוי ווי ער האט א גאנצע נאכט גע־קרעכצט, זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אנדערער און ניט געקענט שלאפן, אזוי איז ער איצט געגאנגען שטיל, אנ־האלטנדיק זיך מיט איין האנט אנ׳עם וואגן, וואס וועט באלד אוועקפירן זיין קינד . . . ער האט גאר ניט געזאגט, גאר ניט גע־רעדט, גאר ניט געבעטן . . . משה׳ל האט בלויז געזען די רויט־פארוויינטע אויגן זיינע. ווי שטארק דער טאטע האט זיך געעל־טערט זינט משה׳לס חתונה . . . זיין פנים איז אזוי מאדנע צע־קנייטשט געווארן . . . און די האר פון זיין קאפ און פון דער בארד זיינען, דאכט זיך, געווארן גרויער ווי פריער . . . עס איז געווען א צער צו קוקן אויף אים.

אויפ׳ן ברייטן שליאך, דארט וואו דער וועג צעטיילט זיך, האט זיך אנגעהויבן דאס אמת׳דיקע געזעגנען. די מאמע איז געפאלן משה׳לען אויפ׳ן האלדז, און האט אים אזוי איינגע־קלאמערט אין אירע ארעמס, אז מ׳האט זי קוים אוועקגעריסן פון אים. משה׳ל האט זיך געריכט אויף א „לעצט ווארט" פונ׳ם טאטן, אבער ער האט איצט אויך געשוויגן. געשטאנען מיט אן ארונטערגעלאזטן קאפ, ווי איינער וואס נעמט־אן פאר ליב גאט׳ס שטראף.

מיט אמאל האט זיך ארויסגערוקט דער אלטער, אבציק־יאריקער רב דוד לייזער, מיט זיין מילכווייסער בארד און מיט זיינע קליינע, מילדע אויגן. רב דוד לייזער האט געלערנט העברייאיש מיט באבעלען און מיט משה׳לן. מ׳האט געזאגט אויף אים, אז דאס האט ער, דער אלטיטשקער, צונויפגעפירט דעם שידוך צווישן די צוויי יונגע קינדער. ער האט, הייסט עס, געזען ווי שטארק זיי האבן זיך ליב, די צוויי קינדער; און ער אליין האט זיי אויך ביידן ליב געהאט, האט ער זיי געהאלפן צו דערנעענטערן זיך איינס צו דעם אנדערן . . .

רב דוד לייזער פלעגט אלעמאל זאגן אויף באבעלען, אז זי איז, על פי טעות, געבוירן געווארן א מיידל . . . אין דער אמת׳ן, פלעגט ער זאגן, האט זי גאר געדארפט געבוירן ווערן א זכר. מחמת זי איז א „בר דעת," און האט א מאנסבילשן קאפ אויף זיך. און פאר׳ן אוועקפארן, ביים געזעגנען זיך, האט ער איר

געגעבן אַ מתנה, זיין פאָטאָגראַפיע, מיט אַן אויפשריפט: למזכרת נצח . . .

צווישן די וואָס האָבן באַגלייט די צוויי יונגע קינדער מיט פאַרשלאָסענע ליפּן און מיט אומעט אין די אויגן, איז אויך געווען דער פעטער יאָסל, דער בעקער. ער איז געגאַנגען לעבן משה'לען און האָט שטיל אַריינגערעדט אין אים: ווער וועט איצט קומען ביינאַכט צו מיר און כאַפּן פרישע בייגל פון'ם קויש? ווער וועט מיט מיר איצט זינגען אַ לידל, און ווער וועט מיר ברענגען אַ ניי בלאַט-צייטונג, אָדער אַזוי אַ מעשה־ביכל צום לייענען? איי, משה'ל, משה'ל . . . מילא, דו . . . פאָרט אַ אינגל . . . פאָרסטו אין דער וויטער וועלט, אָבער באַבעלע . . . פאַרוואָס נעמסטו מיר צו באַבעלען, פאַרוואָס?

די לעצטע ווערטער האָט דער פעטער יאָסל אַרויסגערעדט אַזוי ערנסט, אַז מ'וואָלט געקענט מיינען, אַז באַבעלע איז זיין ווייבל, ניט משה'לס . . משה'ל האָט גוט געקענט דעם פעטער זיינעם, און ער האָט אים פאַרשטאַנען. אסך מאָל האָט ער גע־רעדט וועגן אים בלשון מליצה, אַז ער איז אַזוי ווי אַן אָדלער, וואָס מ'האָט ביי אים אָרונטערגעהאַקט די פליגל און ער קען מער ניט פליען . . . ער רייסט זיך, נעביך, אין הימל אַריין, אָבער פליען קען ער ניט . . .

דאָס זעלביקע, האָט משה'ל געטראַכט, איז אמת וועגן פעטער זייליק אויך. ער האָט זיך אויך געריסן אין הימל אַריין, דאָס הייסט, אין דער וויטער וועלט אַריין, און אויך ער האָט זיך פון דער ערד ניט געקענט אָפּרייסן . . . אָט דערפאַר טאַקע, פלעגט משה'ל אָפט איינ'טענה'ען מיט'ן פעטער, אָט דערפאַר דאַרפן מיר, יונגע קינדער, זיך אַרויסרייסן אין דער פרייער וועלט, כל זמן די פליגל אונדזערע זיינען נאָך יונג און שטאַרק . . . כל זמן מיר קענען נאָך פליען . . .

משה'ל האָט זיך צעקושט מיט די ברידערלעך, דוד, ליפּע, און דער קלענינקער הערשעלע, וואָס ער איז נאָך געווען דעמאָלט אַ פּיצל קינד, און וואָס די מאַמע האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אים אויף די הענט. ער האָט זיך געזעגנט מיט די שוועסטער, מיט עלקי'ן, און מיט רחל'ען, און מיט די שוועסטער קינדער און מיט אַלע גוטע פריינט וואָס האָבן געהאַנגען אַרום וואָגן. און באַלד

האט דעו וואגן זיך א ריס געטאן פונ'ם ארט, און האט געלאזט א וואלקן שטויב נאך זיך, און דער גאנצער עולם איז געבליבן שטיין אין מיטן וועג, נאכגעפאכט מיט ווייסע טיכלעך, ביז העט־העט ווייט, ווען דער וואגן האט זיך פארנומען הינטער'ן בארעש־טער בארג, פון וואנען דאס שטעטל זעט זיך מער ניט . . .

* * *

לאנג האט זיך געצויגן דער וועג, פון איין שטעטל אין דעם אנדערן; פון סקוליאן קיין פאלעשט, און פון פאלעשט קיין בעלדז. דערנאך — נאך שטעטלעך און דערפלעך . . . בריטשאן און ליפ־קאן . . . קליינע שטעטלעך, נידריקע הייזלעך, ברייטע גאסן, ענלעך איינס אויף דאס אנדערע, אזוי ווי איין מאמע וואלט זיי געהאט, אזוי ווי פון איין שטיק אויסגעגאסן.

אין בריטשאן האבן זיי געגעכטיקט אין אן אכסניה, איז דארט געווען אזוי ענג, אז מ'האט געמוזט שלאפן אויף דער הוילער ערד. נאר שלאפן האט מען ניט געקענט. מחמת פון דעם אויבערשטן גארן האט זיך געטראגן א געשריי און א טומל, מיט א געזינגעריי געמישט. וואס איז די מעשה? א חברה אידישע אקטיארן איז געקומען אין שטעטל; זיי ווען דא שטעלן „שולמית," פון גאלדפאדן; מאכן זיי דאס איצט פראבע . . . איי, ווען מ'וואלט זיך ניט גערארפט איילן אין וועג, וואלט משה'ל געווען א בעלן אפצושטעלן זיך דא, אין בריטשאן, און זען „שולמית." ס'איז א פיינע שפיל . . . ער האט די שפיל שוין אמאל געזען, ווען ער איז נאך קיין גאנצע אכט יאר ניט אלט געווען . . . אבער דער טעם ליגט אים נאך אין מויל, און ער געדענקט נאך די לידער, וואס ער האט זיך דעמאלט אויסגעלערנט. און ערגעץ, צווישן זיינע ביכלעך, דארף נאך ליגן דאס ביכל „שולמית" . . . איי וואלט ער דא געוואלט בלייבן . . . כאטש אויף איין־איינציקער נאכט . . . נאר דער פעטער זייליק, כאטש ער אליין וואלט אויך געווען א בעלן צו בלייבן און זען שולמית, טרייבט אונטער. זיי מוזן אנציען צו דער גרעניץ ניט שפעטער ווי מארגן ביינאכט . . .

איז מען אויפגעשטאנען פארטאג, ניט קיין אויסגעשלאפענע, ניט קיין אויסגערוטע, ניט קיין ארומגעוואשענע, מיט צעשויבערטע קעפ און מיט רויטע אויגן, און מ'איז ווייטער געקראכן אין וואגן, און זיידל דער בעל עגלה האט ווייטער געטריבן די פערד און מ'איז ווייטער געפארן.

. . . בליענדיקער זומער, צעגרינטע פעלדער . . . דער פאַ־פעשוי שטייט שוין הויך, און אין מיט'ן שלעפט זיך א פויער, גראַבט ארום די ערד ארום יעדער פלאַנץ . . . ווערט דער פויער שיער ניט פארלוירן אין דעם טיף־גרינעם וואלד פון פאַפעשוי . . . באבעלע זינגט אַן אומעטיק לידל. ס'איז איר, ווייזט אוים, שווער אויפ'ן הארצן, האלט זי דעם קאָפּ אָנגעלייגט אויף משה'לס אקסל, און זינגט אומעטיק. משה'ל קוקט אויפ'ן ברייטן פעלד. מיט אמאָל האָט ער אנטדעקט ווי שווארץ עס איז די ערד פון בעסאַ־ראביע . . . מיט אמאָל האָט ער דערפילט די שיינקייט פון בעסאַ־ראבער פעלדער און די בלויקייט פונ'ם הימל איבער'ן קאָפּ . . . דוכט זיך, אז ער האָט פריער קיינמאָל גאָר ניט באמערקט ווי שיין דאָס דאָרף איז, ווי גרין דאָס גראָז, ווי בערגיק דאָס פעלד . . . נאָך אביסל איינזאפּן אין זיך די שיינקייט פון היימישער ערד . . .

* * *

דער פעטער זייליק געזעגנט זיך הארציק און שטיל. עס טוט אים באנג, זאָגט ער, וואָס ער האָט פריער זיך געהאלטן ווייט פון משה'לן און פון באבעלען . . . נו פארפאלן . . . איצט איז צו שפּעט חרטה צו האָבן . . . אפשר, ווער ווייסט ? . . . ער וועט נאָך פרואוון מזל, דער פעטער זייליק . . . ער וועט זיך נאָך אריבער־כאַפּן קיין אמעריקע. ווען ? מסתמא וועלן זיי וויסן . . .

ער גיט זיי איבער אין די הענט פון א גוי, א פעקלמאכער, וואָס ער דאַרף זיי אריבערשטעלן די גרעניץ. אָ, זיי זיינען ניט די ערשטע וואָס ער פירט אריבער די גרעניץ; זאָל ער זיין רואיק, דער גאספאדין זייליק . . . ער וועט זיי ברענגען בשלום אויף יענער זייט . . .

באבעלע האָט אָנגענומען פולע שיך מיט וואסער, אריבער־גייענדיק דעם שמאָלן שטראָם וואָס האָט אָפּגעטיילט די רוסישע ערד פון דער עסטרייכישער. משה'ל האָט זי געהאלטן די גאנצע צייט ביי דער האנט, זי ניט אָפּגעלאָזט פון זיך. אָבער ער האָט אויך ניט פארגעסן אָן די צוויי שיינע „בארישניעס," וואָס האָבן אפילו ביים אריבערגיין די גרעניץ, ניט אויסגעטאָן די היטעלעך און זיך ניט געשיידט פון זייערע זאנטיקלעך . . .

# א מת אין פּאַליש

א איד אַן אָרימאַן איז אמאָל אָנגעקומען אין שטעטל אויף שבת.

איז ער, ווי דער שטייגער איז, פארגאנגען צו ר׳ מיכל׳ן, דער שמש פון גרויסן בית־מדרש, האָט אָפּגעלייגט דאָרט זיין פּעקל אין א ווינקל און אַליין איז ער אַוועק אין מרחץ.

מיד איז ער געווען פונ׳ם וועג, א שרעק; א מהלך רב דורכגע־מאכט. הונגעריק איז ער אויך געווען. האָט ער זיך געטרייסט אַז נאָך קבלת שבת וועט אים אודאי א בעל־הבית נעמען פאר אַן אורח. אויסרוען וועט ער זיך שוין אין בית־מדרש אויף א הארטער באַנק — שוין געוואוינט דערצו.

האָט ער זיך געלאָזט אין מרחץ וואוילגיין. ארויף אויף דער אויבערשטער באַנק און זיך געקוויקט מיט דער חיות׳דיגער היץ. כאָטש עס איז אין מיטן זומער געווען.

צוריקגייענדיק פון מרחץ, האָט אים דאָס פּנים געשיינט און די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט בטחון. ער האָט געטראַכט אַז עס איז א שיינע וועלט, און אַז דאָרט, אויבן, איז פאַראַן א גוטער גאָט, אַן אל־רחמים, וואָס האָט באַשאַפן אַן עם סגולה, אידן הייסט עס, וואָס זיי זיינען רחמנים בני רחמנים און זיי לאָזן א אידן, א מטופּל מיט קינדער, ניט פאַלן חלילה. אָט ער, למשל, אַ איד א קבצן, און דערצו א חלוש, פאַרמאָגט א פולע שטוב מיט קינדער, און די עלטערע בתולה איז שוין לאַנג ראוי לחופּה. גיט מען אים אַן עצה: זיך לאָזן אויף דער וועלט און קלייבן אויף הכנסת כלה. אָ־ן ער קען זיך, חלילה, נישט באַקלאָגן. א טייער פאָלק זיינען די בני ישראל, יעדער גיט וויפיל ער קאָן.

און ער טאַפּט אָן מיט דער האַנט דאָס קניפּל בא זיך אויפ׳ן הארצן, און א ווארעמקייט צעגייט זיך אים איבער אַלע גלידער. ער דאַנקט גאָט פאַר זיינע חסדים און מיט א גרינג הארץ לאָזט ער זיך אין בית־המדרש.

שלעכט איז נאַר, טראַכט ער, וואָס דאָס קניפּל איז נאָך אַזוי קליין, און וואָס ער האָט שוין קוים כח אויף די פיס זיך צו שלעפּן. ס'איז ניט פאַר זיין כח; פאַר זיינע פיס — אודאי ניט; מיט יעדן טאָג פילט ער ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ציטנוויז הויבט אים אָן צו שווינדלען פאַר די אויגן, אַז ער זעט ניט וואָס אַרום אים טוט זיך, און ער בעט זיך בא גאָט, אַז ער זאָל אים ניט צונעמען פון דער וועלט איידער ער האָט כאָטש זיין עלטערע מיידל פאַרזאָרגט, איידער ער האָט פון איר כאָטש אַ קליין ביסעלע נחת דערלעבט. רבש"ע! — בעט ער אונטער־וועגס מיט פאַרטריקנטע ליפּן, — שענק מיר נאָך אַביסל כח, נאָך אַביסעלע יאָרן.

פאַר אַן אורח איז ער אָנגעקומען צו לייבל פּאָטשטאַר, אַ איד אַ גביר. און דער אָרימאַן האָט זיך דאָרט אַביסל אָפּגעלעבט. אויסגעהונגערט איז ער געווען פון אַ גאַנצער וואָך, האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די פעטע, שבת'דיקע מאכלים און האָט זיי פאַרשלונגען. אמת, נאָך אַזאַ מאָלצייט האָט אים די האַרטע באַנק אין בית־מדרש ניט אַזוי גוט געשמעקט, אָבער וואָס פילט אַ מידער גוף . . . נאָך איידער ער האָט זיך רעכט אַוועקגעלייגט, איז ער שוין געשלאָפן ווי אַ גע'הרג'עטער.

* * *

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך באַגינען. דער הימל, אין מזרח זייט, האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן צו רויטלען, און אויף דעם מערב ברעג איז נאָך די בלייכע לבנה געהאַנגען. פונ'ם פעלד האָט זיך געטראָגן אַ לייכט־שמעקנדיק ווינטעלע, און אידן, וואָס זיינען געגאַנגען אין מקוה אַריין, האָבן זיך געקוויקט מיט'ן זומערדיקן פרימאָרגן. דער אורח איז אויך, ווי אַן ערליכער איד, געגאַנגען אין מרחץ, זיך טובל געווען, און דערנאָך זיך צוגעהערט וואָס בעלי־בתים רעדן מכח וועלט־זאַכן. צוויי מאָל האָט ער אפילו אַליין אויך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט אין שמועס, און מען האָט ם דו אַ אויסגעהערט. פאָרט אַ מענש וואָס פאָרט אויס אַ וועלט!

אין בית־מדרש, צו שחרית, האָט ער מיט אַמאָל דערפילט עפּעס אַ מאָדנע איבלקייט אויפ'ן האַרצן און אַ שרעקלעכע מידקייט אינ'ם גאַנצן גוף. ער האָט זיך געוואונדערט: דאַכט זיך געטנוג

געשלאָפן די נאכט . . . זאָל עס זיין פון דער הארטער באנק — איז עס אים שוין נישט דאָס ערשטע מאָל . . . וואָס דען ? חלשות הגוף ? איז טאַקע זייער ניט גוט. אליין, אין דער פרעמד . . . טאַקע צווישן אידן, אָבער דאָך ניט אין דער היים. און ער דאוונט שטיל און הארציק און בעט זיך בא גאָט, אז ער זאָל אים ניט פארלאָזן אין דער נויט; ער זאָל געדענקען, אז א ווייב האָט ער אין דער היים, און קינדער היבשע, און דער עיקר — א מיידל וואָס איז שוין ראוי לחופה.

באם עסן האָט ער געכאפּט אן איבעריקן טרונק בראנפן. משמעות ער האָט זיך געוואָלט שטארקן. אָבער דער קאָפּ האָט זיך אים מורא׳דיק פארדרייט, און דערנאָך האָט ער זיך קוים צוריק פארשלעפּט אין בית־מדרש און איז אוועקגעפאלן אויף א באנק.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט פונ׳ם שלאָף, האָט ער געשפירט נאָך אן ערגערע איבלקייט אויפ׳ן הארצן, און די גלידער האָבן אים אזוי ווי געטאָן, אז ער האָט זיך קוים געקענט רירן. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט ווי א ראד און ער האָט זיך אזוי פאמעלעך ארויסגעשלעפּט אינ׳ם אָפענעם פאָליש, זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק און זיך געקוויקט מיט׳ן קילן ווינטל וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פעלדער. אויפ׳ן הארצן איז אים מיט אמאָל געוואָרן אזוי לייכט, נאָר די אויגן האָבן זיך צוגעמאכט ווי צום שלאָפן. האָט ער צוגויפגעלייגט די הענט אויפ׳ן הארצן, צוגעשפּארט דעם קאָפּ צו דער וואַנט און אזוי זיך געזעסן און נעדרעמעלט.

ס׳האָט זיך אים געדאכט, אז ער איז אין דער היים אצינד, בא זיין ווייב און קינדער; ער האָט א סך געלט אהיימגעבראכט, און פאר דער בתולה האָט ער א חתן געקראָגן — אן אבן טוב. גאָט און לייט בענטשן זיך מיט אים. אָט פירט ער זיין בתולה צו דער חופּה און טאנצט מיט זיין אלטער א פריילעכס אנטקעגן חתן־כלה; אָט גייט ער מיט׳ן איידעם אין שול; דער איידעם זאָגט „מפטיר” מיט א זיס קול און זיין הארץ שמעלצט זיך אין אים פאר גרויס תענוג; אָט זיצט ער מיט אים באם טיש, ס׳איז שבת נאָכ׳ן שלאָף, און זיי ביידע זיינען זיך מפלפל איבער א שטיקל גמרא. ער איז א גרויסער למדן, דער איידעם זיינער, און יעדער

ווארט זיינס איז א פערל . . . און ער פילט, דער ארעמאן, ווי טרערן פליסן אים פון די האלב־געשלאסענע אויגן, קייקלן זיך איבער די איינגעפאלענע באקן און בלייבן הייגנען אויף דער גרויער בארד. דאס הארץ קלאפט שוואך, ער פילט עס קוים . . . מיט אמאל רייסט זיך איבער דער פאדים פון זיינע געדאנקען, ארום אים ווערט פינצטער ווי אין מיטן נאכט, דער קאפ שאקלט זיך א רגע הין און הער, ביז ער בלייבט אומבאוועגלעך, ארונטערגעבויגן אויף דער ברוסט.

* * *

דערווייל איז געווארן פארנאכט, און דער עולם האט זיך אנגע־הויבן קלייבן אין בית־מדרש מנחה דאוונען.

היים איז, גלוסט זיך דעם עולם בעסער שטיין אין פאליש. די פענצטער זיינען אפן, דעם חזן'ס קול דרינגט פון שול ארויס, און דער עולם ענטפערט פון דאנען „ברוך הוא וברוך שמו, אמן." באם דאוונען זאגט אימיצער א גלייכווערטל און די איבריקע לאכן.

דערזעט איציק דער ווייצנהענדלער ווי א איד זיצט זיך אויף א באנק, די הענט פארלייגט אויפ'ן הארצן און דרעמלט. ווערט דאס אים פארדראסיק: בעת דער גאנצער עולם דאוונט — דרעמלן גאר?

גייט ער צו און רירט אים פאמעלעך אן באם אקסעל:

— ר' איד, צייט מנחה דאוונען.

און אז דער איד הערט אים ניט, ווערט ער שוין טאקע רעכט בייז, דער ווייצן־סוחר, און ער גיט אים א טרייסל:

— א העזה אביסל! שלאפן גאר!

נאר פונ'ם טרייסל איז דער איד איננאנצן אוועקגעפאלן אויף דער באנק און דער עולם האט מיט שרעק דערזען א טויט פנים מיט האלב־אפענע, גלעזערנע אויגן.

— זעט, אידן! — שרייט אוים א דערשראקענער דער סוחר.

און עס ווערט א רעש, א געפילדער, דער גאנצער עולם שטעלט זיך ארום דעם טויטן אורח, מען רעדט, מען פרעגט, און קיינער ווייסט ניט אויף ריכטיק וואס אזוינס איז דא געשען. דערווייל ווערט א געשריי:

— דעם רופא! זאל מען רופן דעם רופא!

קומט צוגיין דער רופא, נעמט דעם אידן בא דער האנט, לייגט אים צו אַ פעדער צו דער נאָז און זאָגט זיך אָפּ קאַלט:

— טויט.

און דאָס דאָזיקע וואָרט גייט איבער פון מויל צו מויל, ביז עס צעטראָגט זיך איבער דער גאנצער שול און פון דאָרט — איבער׳ן גאנצן שטעטל. און באלד ווערט דער בית-מדרש באלאגערט פון ווייבער און קינדער. מען רעדט און מען זיפצט, טייל ווישן אפילו די אויגן.

עס קומט צולויפן די פּאָליציי. מען באזוכט דעם טויטן. פּאָ־ליציי דארף וויסן: ווער איז דער דאָזיקער איד? פון וואנען קומט ער?

פונ׳ם בוזים שלעפּט מען אַרויס אַ געלן, צעריסענעם פּאס־פּאָרט, און אין אַ לייווענטענעם זעקל געפינט מען עטלעכע קופערנע און זילבערנע מטבעות.

אפילו אויף תכריכים ניט גענוג.

געפינט זיך צווישן עולם איינער וואָס איז מנדב אַ שטיקל לייוונט, שטאָט שענקט אַ שטיקל אָרט אויפ׳ן בית-הקברות און אויף חברה-קדישא איז מוטל, אז זי זאָל טאָן דעם מת זיין רעכט.

* * *

אַ גרויסע לויה האָט געהאט דער אָרימאַן. ס׳איז געווען אַ שיינע, לויטערע זומער-נאַכט, און כמעט גאַנץ שטאָט איז אויפ׳ן פעלד געקומען מקיים צו זיין די מצוה פון הלוית המת. ר׳ הערשל צירל׳ס, דער אַלטער, בלינדער חזן, האָט געזאָגט קדיש אויפ׳ן קבר פון דעם פרעמדן אידן, בעלי־בתים, האָבן געטרונקען בראַנפן פאַר דעם אידנ׳ס נשמה און עלטערע מענטשן האָבן שטיל געזיפצט: גיי ווייס וואָס אַ מענטשן איז באַשערט פון גאָט ברוך הוא . . . און דער אַלטער רב, וועלכער איז דער לעצטער אַוועק פון דעם קבר, האָט מוסיף געווען מיט אַ שטיל טרויעריק קול:

— נעמט אייך אַראָפּ אַ מוסר, אידן, נעמט אייך אַראָפּ אַ מוסר, אידן.

יאָסל דוד דער סטאָליער האָט אויף גיך צונויפגעקלאַפּט אַ פּאָר ברעטער און זיי אוועקגעשטעלט אויפ׳ן קבר פאַר אַ דער-

ווייליקע — און אפשר אייביקע — מצבה, און דער גאנצער עולם האָט זיך צוריק אומגעקערט אין שטאָט.

אויפ׳ן פעלד איז געוואָרן שטיל. די ביימער, נאָענט צום פּארקן, האָבן שטיל און סודות׳דיק גערוישט מיט זייערע צווייגן און א ווינטל וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן איבער׳ן פעלד, האָט איינגעבויגן די הויכע גראָזן ווי די קעפּלעך פון יונגע קינדער — יתומים . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ערגעץ אין אַ קליין שטיבל, אין אַ ווייט פאַרוואָרפן שטעטל, זיינען ביי א קליינעם, צאנקנדיקן לעמפּל געזעסן אַ מאַמע מיט קינדער, און די מאַמע האָט אירע קינדער אזוי געטרייסט:

— און עס וועט קומען דער טאַטע, וועט ער פאַר אַלע קינ־דערלעך מתנות ברייננגען.

# גרויע האָר

א מאָדנע מענטש איז געווען דער לערער פון דער דאָרפישער שקאָלע.

ער איז געווען אַן עלטערער מענטש, אַ בחור, און האָט גע־לעבט צווירקגעצווינגן פון גאָר דער וועלט. מ׳האָט אים קיינמאָל נים געזען אין קיין געזעלשאַפט. ניט צווישן מענער און ניט צווישן פרויען, און באַנאַכט האָט פון זיין שטיבל קיינמאָל קיין ליכטל ניט אַרויסגעשיינט.

ער איז געווען אַ שטילער מענטש, כסדר פאַרטראַכט און פאַרשלאָסן אין זיך. ער האָט ווייניק גערעדט און האָט נאָך ווייניקער געלאַכט. פּינקטלעך צו דער מינוט, איז ער געווען אין שקאָלע און האָט זיך דאָרט פאַרנומען מיט זיינע תלמידים, און פּינקטלעך צו דער מינוט, יעדן טאָג גלייך, האָט ער גענעמען זיין מיטיק און זיין אוונטברויט.

יעדן טאָג, פאַרנאַכט, פלעגט ער זיך אַרויסלאָזן אויף אַ שפּאַציר. ס׳האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן ניט קיין שניי און ניט קיין רעגן, און ס׳האָט אים ניט געאַרט, אויב די זון האָט געברענט אַן רחמנות — יעדן ליבן טאָג, צו דער זעלביקער צייט, האָט מען אים געקענט זען אויפ׳ן ברייטן וועג, הינטער דער שטאָט. אַ פאַרטראַכטער גייט ער, אַ פאַרקלערטער; מיט זיין שוואַרצן, גלאַנ־ציקן שטעקן אין דער האַנט. ער איז שטיל. עס הערט זיך דער טעמפּער קלאַנג פון דעם שטעקן, ווען ער שלאָגט זיך אָן אָן דער ערד. דעם קאָפּ האַלט ער אַראָפּגעלאָזט, און די בלאָנדע באָרד זיינע צעשפּרייט זיך אים אויף דער ברייטער ברוסט. ער קוקט כסדר אַראָפּ צו דער ערד, אַזוי ווי ער וואָלט דאָרטן עפּעס געזוכט. אָבער ער זוכט ניט גאָר ניט. ער וויל בלויז אויסמיידן צו באַגעגנען זיך מיט מענטשלעכע בליקן.

און גייט ער יעדן טאָג מיט דעם זעלביקן וועג, ביז צו איין באַשטימטן פּלאַץ—דעם גויאישן בית עולם.

* * *

דאָס שטיבל, אין וועלכן ער וואוינט, האָט ער בירושה פון זיינע עלטערן. עס שטייט באַזונדער, אָפּגעטיילט פון די אַנדערע הייזער אין דער קריסטלעכער פאָרשטאָט. ס'איז אַ קליין שטיבל, פון פיר צימערן מיט אַ קיך, און פון דרויסן און פון אינעווייניק איז עס תמיד ריין און זויבער, ווייס געקאַלכט און פריש געפאַרבט. דערצו איז דאָס הויז אַרומגענומען מיט אַ קליינעם גאָרטן, און זומערצייט, ווען די ביימער צעוואַקסן זיך, ווערט דאָס שטיבל אינגאַנצן פאַרשטעלט פון מענטשלעכע אויגן. אַסך רויזן וואַקסן אין דעם קליינעם גאָרטן, אָבער דער לערער האָט נאָך קיינמאָל קיין רויז אין דעם לאַץ פון זיין ראָק ניט געטראָגן. ניט פאַר מיר, זאָגט דער לערער, זיינען בלומען געשאַפן . . . דערביי שמייכלט ער אומעטיק און פאַרטראַכט, און ער צעטיילט די בלומען צווישן די קליינע קינדער און צו די בעסטע שילער פון זיין קלאַס.

די אַלטע פרוי וואָס פירט פאַר אים די הויז און באַדינט אים, איז אויך אַזאַ שטילע און אַ פאַרטראַכטע. מ'זאָגט, אַז זי איז אויך איבערגעגאַנגען צו אים בירושה פון זיינע עלטערן. זי האָט נאָך געדינט ביי זיין טאַטע-מאַמע ווען ער, דער לערער, איז נאָך נאָר אַ ציפּל קינד געווען. זי האָט אין דעם דאָזיקן הויז איבער־געלעבט, אינאיינעם מיט אירע באַלעבאַטים, גוטע און שלעכטע צייטן, פריילעכע און אומעטיקע טעג, און צו דעם לערער איז זי געווען זייער שטאַרק צוגעבונדן. דער לערער צו איר — נאָך מער. ער האָט אָן איר אַ טאָג ניט געקענט אויסקומען. ווייל זי איז אים געווען זייער געטריי. זי האָט אים אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זי האָט אים שוין גוט געקענט. זי האָט גע־וואוסט וואָס ער האָט ליב און וואָס ער האָט פיינט, און זי האָט זיך באַמיט זיין קלענסטן וואונטש צו דערפילן. און דערפאַר איז זי אויך, אַזוי ווי דער לערער, תמיד געווען שטום און פאַרשלאָסן אין זיך, און פון דעם שטילן שטיבל האָט מען קיינמאָל קיין געזאַנג און קיין געלעכטער ניט געהערט, אפילו ניט קיין הויכן שמועס.

דער לערער איז אַלט געווען אַ יאָר פערציק, און אפשר עפּעס מער. ער איז געווען אַ הויכער, אַ פעסט־געבויטער, מיט אַ ברייטער

פלייצע און מיט א שטארקער ברוסט. זיין פנים איז געווען קיילעכ־דיק, און אויף די באקן האט אלעמאל געשפילט א רויטלעכע פארב. בלויז די אויגן זיינע, און די האר פונ'ם קאפ און פון דער בארד, האבן ניט געשטימט מיט זיין אויסזען. די אויגן זיינען געווען גרויע, און האבן שטענדיק געהאט דעם זעלביקן אומעטיקן, מעלאנ־כאלישן בליק, פון וועלכן ס'האט זיך געטראגן א קעלט, און דאס זעלביקע איז געווען מיט די האר פון זיין קאפ און פון דער בארד; דאס פנים איז געווען יונג, פריש און לויטער. נאר די האר פונ'ם קאפ און פון דער בארד זיינען געווען זילבערדיק־גרוי, גלייך דער לערער וואלט שוין גאר אן אלטער מענטש געווען. דער וואס האט אים געזען צום ערשטן מאל, האט זיך גאר ניט געקענט אפוואונדערן, אזוי מאדנע האט דער לערער אויסגעזען מיט די גרויע האר און מיט דעם יונגען פנים.

אין שטעטל האט מען וועגן דעם לערער דערציילט מאדנע גע־שיכטעס. פאראן עלטערע מענטשן, וואס געדענקן נאך די מעשה, ווי אזוי דער לערער איז איינמאל, אין א נאכט, איבערגעביטן געווארן פון א יונגענמאן, בלוט־און־מילך, אין אן אלטן, גרייז־גרויען מאן, וואס איז דערצו נאך געווארן שטיל — ווי א שטילע טויב.

* * *

. . . דאס איז געווען מיט א סך יארן צוריק. דער לערער איז דעמאלט נאך גאר א יונגערמאן געווען. ער האט זיך גע־לערנט אין דער גרויסער שטאט, און א היים פלעגט ער קומען נאר אויף די חגאות. איינמאל איז ער געקומען און האט מיט־געבראכט מיט זיך א יונג, בילד־שיינע מיידל, און ער האט זי פארגעשטעלט פאר זיינע עלטערן אלס זיין כלה. די עלטערן האבן געגעבן זייער ברכה, ווייל דער זון איז געווען ביי זיי אן איין־און־איינציקער, און וואס ער האט געוואלט, האט ער ביי זיי אויס־געפירט. דערצו איז דאס מיידל אליין זיי טאקע אויך געפעלן, ווייל חוץ דעם וואס זי איז געווען זייער א שיינע, איז זי אויך געווען א קלוגע און א געלערנטע. דער לערער האט זי שטארק ליב געהאט. ער איז ניט אפגעטראטן פון איר אויף קיין מינוט, און כסדר האט ער איר געקוקט אין די אויגן, צו טרעפן איר פארלאנג.

מאַכט זיך, איינמאָל, אין אַ פּאַרנאַכט, ווען זיי זיינען ביידע צוריקגעקומען פון אַ לאַנגען שפּאַציר, קלאָגט זיך דאָס מיידל, אַז זי פילט עפּעס ניט גוט, און זי לייגט זיך אין בעט. דער יונגערמאַן טרעט ניט אָפּ פון איר זייט, און הייסט אויף גיך ברייגגען דעם דאָקטאָר, נאָר איידער וואָס־ווען, איז דאָס יונגע מיידל געלעגן אַ טויטע אויפ׳ן בעט.

און שיין איז זי געווען אפילו טויטערהייט, און אפשר נאָך שענער. זי איז געלעגן אַ בלאַסע, מיט געשלאָסענע אויגן, און מיט די בלאָנדע האָר צעוואָרפן איבער׳ן ווייסן קישן. די בלאַסע באַקן האָבן זיך ערטערווייז גערויטלט, און ארום די דינע ליפּן איז פאַרגליווערט געוואָרן אַ שמייכל. עס האָט זיך גיכער געדאַכט אַז זי שלאָפט, און חלומ׳ט פון איר געליבטן, איידער צו גלויבן, אַז זי איז טויט.

ווען דער לערער האָט דערפילט איר קאַלטע האַנט, און ווען ער האָט באַמערקט, אַז זי אָטעמט ניט מער, האָט ער ניט געשריען און ניט געוויינט; ער איז נאָר אַזוי ווי פאַרגליווערט געוואָרן, שטייענדיק אויף די קני, לעבן איר בעט. זיינע אויגן האָבן זיך ברייט געעפנט און האָבן זיך טיף אריינגעגעסן אין איר טויט פּנים. אין זיינע ווארעמע הענט האָט ער געדריקט אירע קאַלטע, טויטע הענט, אַזוי ווי צו דערווארעמען זיי, און וויפיל מ׳האָט זיך ניט געמיט אים ארויסצוקריגן פון דעם צימער, אין יענער נאַכט, איז עס געווען אומזיסט. אין דער זעלביקער, פאַרגליווערטער פּאָזע איז ער אַזוי אָפּגעשטאַנען די גאַנצע נאַכט, און ווען דער פרימאָרגן האָט זיך אריינגעריסן אין דעם צימער, האָבן די עלטערן מיט שרעק דערזען, אַז זייער קינד איז אינגאַנצן אַן אַנדערער געוואָרן. די שווארצע האָר זיינען מיט אַמאָל געוואָרן אינגאַנצן ווייס, און די אויגן האָבן געקוקט אָן לעבן, און דאָס לשון איז ביי אים געווען אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבן.

אַזוי דערציילט מען אין שטעטל . . .

* * *

דאָס גאַנצע שטעטל, אידן און קריסטן, זיינען דעמאָלט געגאַנגען נאָך דער לויה פון דעם יונגן כלה מיידל, נאָר באַלד, אין אַ פּאָר וואָכן ארום, נאָך דער לויה, האָט מען אָנגעהויבן שמועסן אין שטעטל, אַז אויפ׳ן בית עולם האָט מען באַגראָבן אַ ליידיקן

קאסטן, און אז די טויטע האט דער לערער פון בעט ניט געלאזט רירן. און עד־היום, דערציילט מען, ליגט זי דארט אין יענעם צימער, אויף דעם זעלביקן בעט, מיט די בלאסע באקן און געשלאסענע אויגן, מיט די בלאנדע האר צעווארפן איבער'ן קישן, און מיט דעם פארגליווערטן שמייכל אויף די ליפן. דער לערער, זאגט מען, האט זי מיט אזעלכע בשמים פארבאלזאמירט, און ער האט זי פאר'כשופט מיט אזא מין שפרוך, אז די חנ'עוודיקע בלאסקייט זאל קיינמאל ניט ארונטער פון איר פנים, און אז דער שמייכל זאל אייביק רוען אויף אירע ליפן . . . און יעדן ביינאכט, פונקט צוועלף דעם זייגער, קומט ער צו איר . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

. . . און פון דעמאלט־אן, אזוי דערציילט מען אין שטעטל, איז אויף אייביק געראובט געווארן דער שלאף פון דעם לערער. תחילת נאכט ווארפט ער זיך אויף זיין בעט און ער באמיט זיך איינצושלאפן, און ער שלאפט טאקע איין אויף א קורצער ווײַלע. אבער ער ווארפט זיך און ער קרעכצט מורא'דיק פונ'ם שלאף, אזוי ווי איינער וואס האט שרעקלעכע חלומות. פונקט צוועלף דעם זייגער כאפט ער זיך אויף, און א פרישער, א מונטערער, שפרינגט ער ארונטער פונ'ם בעט. ס'איז אים גארניט צו דער־קענען אין דער דאזיקער שעה פון מיט־נאכט. גאר אן אנדער מענטש ווערט ער. די אויגן קוקן ווידער מונטער און לעבעדיק, און אויף די באקן באווייזט זיך ווידער די יוגנטלעכע פארב. ער גייט־צו אויף די שפיץ פינגער צו דער טיר פון זיין געליבטער, און הערט זיך צו מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם. ער עפנט פארזיכטיק די טיר און שטעקט אריין דעם קאפ. ער שארט זיך שטילינקערהייט צו צו איר בעט, און אזוי שטיל איז ער, ווי א געטרייע מאמע, וואס היט זיך ניט אויפצוואוועקן איר שלאפנדיק קינד.

אין ווינקל פון צימער, אנטקעגן בעט, הייגט די הייליקע מאריע, און דערביי ברענט א קליין לעמפל, וואס ווארפט א טונקל־רויטן שיין איבער'ן צימער, און שלאגט זיך אפ אויפ'ן פנים פון דער טויטער געליבטער, און דאס בלאסע פנים באקומט א פרישן קאליר אונטער'ן שיין פון דעם רויטלעכן ליכט. דער לערער לאזט זיך אראפ אויף די קני, לעבן בעט, ער נעמט צערטלעך אן איר

האנט און טראָגט זי צו צו די ליפּן. ער קושט די האנט און רעדט
אַרויס שטיל:

— געליבטע ! . . .

ס'איז שטיל אינ'ם חדר, און ס'איז שטיל אויף דער גאַס. דער לערער הערט זיך איין. ער איז זיכער, אַז זי אָטעמט, נאָר איר ברוסט באַוועגט זיך שוואַך, זייער שוואַך. ער דריקט איר האנט און בויגט זיך איין איבער איר:

— שלאָפסט ? יאָ ? — רעדט ער שטיל צו איר, פאַרוואָס זשע אָטעמסטו אַזוי שוואַך ? ביזטו קראַנק ?

ער דריקט־צו זיין האַרץ צו איר ברוסט, און בלייבט אַזוי אומבאַוועגלעך פאַר אַ לאַנגער צייט. ער הערט זיך געדולדיק צו צום קלאַפּען פון זיין האַרץ, און אים דאַכט זיך, אַז עס מישט זיך צונויף זיין האַרץ־קלאַפּן מיט אירן, און אַז עס גיסט זיך איבער דאָס הייסע בלוט פון זיינע אָדערן אין איר קאַלטן גוף. ער דריקט זיין מויל צו אירע ליפּן און קושט זיי הייס און ליידנשאַפטלעך. דערנאָך, אַביסל באַרואיקט, הויבט ער אונטער איר קאָפּ און לייגט אַרום זיין אָרעם אַרום איר האַלדז, און אין דער אומאַרמונג בלייבט ער לעבן איר די גאַנצע נאַכט. ער קוקט איר ליבלעך אין די אויגן און גלעט צערטלעך אירע ברעמען און די האָר פון איר קאָפּ, און ער דערציילט איר מיט אַ שטיל, סודות'דיק קול, ווי אַזוי ער האָט פאַרבראַכט דעם היינטיקן טאָג, ווי ער האָט פון איר געטראַכט און נאָך איר געבענקט, און קוים דערלעבט דעם אוונט, אַז ער זאָל קאָנען גיין צו איר, צו זיין געליבטער . . . און ווי דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט מיט ציטערניש און פרייד, ווען ער האָט די טיר פון איר צימער געעפנט . . .

— און ווייסטו, — דערציילט ער איר מיט ליכטיקע אויגן פון גליק, — מיינע עלטערן האָבן אונדז שוין זייער ברכה געגעבן, און איינגיכן וועט אונדזער חתונה זיין . . .

ער שמייכלט גליקלעך, און שפּיגלט זיך אין איר בלאַסן פּנים. ער זעט ווי אירע אויגן עפענען זיך און קוקן אויף אים מיט ליבע. עס עפנט זיך איר קליינער מויל און זי שעפּטשעט עפּעס שטילער־הייט, אָבער ער קען ניט הערן איר קול, און ער בעט זיך ביי איר:

— רעד העכער, געליבטע . . . לאָז הערן דיין זיס קול . . .

און מיט אַ גליקלעכן האַרצקלאַפּן דערציילט ער איר ווייטער,

ווי פריילעך זיי וועלן פארברייננגען דעם מאָרגענדיקן טאָג, דער טאָג וועט זיין אַ שיינער, דער הימל וועט זיין לויטער, און די זון וועט באַגריסן די ערד מיט איר מוטערלעכן שמייכל. אירע גאָל-דענע שטראַלען וועלן אויפוועקן די פייגל פון זייער שלאָף און וועלן זיי אַרויסטרייבן פון זייערע נעסטן . . . און עס וועט אויפוואַכן זיין געליבטע מיט אַ זיסן שמייכל אויף די פרישע ליפּן . . . זיי וועלן אויף די בערג קלעטערן . . . יאָגן זיך איינס נאָך דעם אַנדערן . . . אין בלינדזשעניש שפּילן . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרטאָג קלאַפּט די הויזפרוי שטיל אָן אָן דער טיר, און ווען זי באַקומט ניט קיין ענטפער, עפנט זי זי שטיל אויף און קומט אַריין אין חדר. זי געפינט דעם לערער שלאָפנדיק אויף דער ברוסט פון זיין געליבטער . . . זי וועקט אים אויף מיט ליבע, אַזוי ווי אַ מאַמע וועקט איר קראַנק קינד . . . זי פירט אים אין זיין צימער, לייגט אים אין זיין בעט און בלייבט וואַכן לעבן אים ביז עס ווערט גרויסער טאָג . . .

# דער טרעפער

איין מאָל, דאָס איז געווען אין א ווינטערדיקן נאָכמיטאָג, מיר זיינען דעמאָלט אַלע געווען אין סטאָליארנע, ביי דער ארבעט. דער טאַטע, דער מייסטער, האָט עפּעס געצייכנט אויף פּאַפּיר; שלוימקע, דער לערניונג, האָט געזעגט א ברעט מיט דער לאַנגער זעג, און איך, און דער צווייטער ארבעטער, יאָסקע, האָבן געהאַלטן באַם ארויסענדיקן א פּאָר טירן פאַר׳ן גלח׳ס נייער הויז. ס׳איז געווען כמארנע און אומעטיק. אינעווייניק איז געווען ווארעם. די פּליטע איז געווען רויט ווי פייער. און די ווארעמקייט האָט אונדז געמאַכט פויל און שלעפעריק. ס׳איז געווען תיכף נאָך מיטיק־עסן. דער טאַטע. ביים צייכן־טיש. האָט אַזוי געגעניצט, אז ס׳זיינען אים געקומען טרערן אין די אויגן. דאָס איז געווען א סימן, אז באַלד וועט ער זיך ארייננכאַפּן אין אַלקיר און וועט זיך צולייגן „כאַפּן א דרעמל . . .״ יאסקע, וואָס האָט געהאַט זייער א שיין קול, האָט געפּרואווט זינגען א ליבע ליד, נאָר ס׳האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט. הפנים ס׳האָט אים אויך געשלעפערט . . . און אָט אין דעם דאָזיקן ווינטערדיקן נאָכמיטאָג האָט זיך שטיל גע־עפענט די טיר און ס׳איז ארייננגעקומען א איד.

געווען איז דער איד אין די מיטעלע יאָרן, מיט א געל, קורץ־געשוירן בערדל, מיט א קאַפּטן וואָס איז געווען צו קורץ פאַר א קאַפּאָטע און צו לאַנג פאַר א רעקל . . . אויפ׳ן קאָפּ האָט ער גע־טראָגן א קליין היטעלע מיט גאָר א קליין דאַשיקל, וואָס האָט קוים פאַרדעקט א האַלבן שטערן זיינעם. ער האָט געטראָגן א וויים, געפּרעסט העמד מיט א איבערגעלייגטן קאָלנער, אויסגע־בונדן מיט א שמאָל, שווארץ שניפּסל. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן א דין, שווארץ שטעקל, און אין דער אַנדערער — א קליין ביכל מיט רויטע טאָוולן.

שטיין געבליבן איז ער ביי דער טיר, זיך פארנויגט אויפ'ן גרויסשטאטישן אופן, און א זאג געטאן פאוואליע און קלאר:

— א גאט־העלף, אידן.

דער טאטע האט אויף אים א קוק געטאן פון איבער די ברילן און האט געענטפערט:

— א גוט יאר אייך.

אונדזער חברה האט זיך אויף א מינוט אפגעריסן פון דער ארבעט און באטראכט דעם דאזיקן פארשוין. געקומען איז ער פונקט אין צייט. ס'האט מאדנע געגאנגט און געצויגן דאס הארץ, און דערזעענדיק א פרעמדן מענטשן, זיינען מיר עפעס גאר לעבעדיק געווארן. אט וועלן מיר הערן א פריש ווארט, ערשט אריינגע־בראכט פון דער גאס, און בדרך אגב אפכאפן אביסל דעם אטעם פון דער נודנער ארבעט.

דער פארשוין האט א ווארף געטאן די אויגן, וואס האבן א מינוט ניט גערוט אין זייערע לעכער, און האט דערנאך געמאכט א טריט נעענטער צום טאטן.

— וואס וועט איר זאגן גוטס? — פרעגט דער טאטע. ער זעט דאך שוין, דער טאטע, אז דער איד איז ניט געקומען נאך א נדבה.

— וואס זאל מען זאגן? — פרעגט איבער דער פרעמדער און שפארט־אן דאס גלאנציקע שטעקל זיינס אן דעם טאטנ'ס צייכן־טיש. — אט, מ'גייט, מ'זעט א אידן, א אידישע שטוב, גייט מען אריין . . .

— מהיכא תיתי . . . — מאכט דער טאטע און קוקט אויף דעם אידן — איר זענט פון ארום הי טאקע?

— ניין, כ'קום פון ווייטע מקומות, — ענטפערט דער איד, און ווארפט א קוק צום טאטנ'ס ציגאר־פ:ישקע, וואס שטייט אויפ'ן טיש, און מיט די אויגן פרעגט ער:

— מ'מעג? . . .

דער טאטע פארשטייט, און ער טראגט אים אליין אונטער די ציגאר פושקע.

— איר רויכערט?

— אך, מיט'ן שענסטן כבוד . . . — ווערט דער איד גאר היימלעך און לייגט ארויס דאס קליינע ביכעל מיט די רויטע

טאוולן אויפ'ן טיש. ער נעמט פארדרייען א ציגאר, און ער דערציילט דעם טאטן, אז ער איז שוין אויסגעוועזן א וועלט, איז ער שוין . . . הינטער די הרי חושך שוין אָנגעשפּארט . . . און אַלץ צוליב פרנסה . . .

איך גנב'ע זיך צו צום טאטנ'ס ווארשטאט און כאַפּ א קוק אויפ'ן רויטן ביכל. אויפ'ן פּאַדערשטן בלעטל איז אויסגע־מאָלט א גרויסע, שווארצע האנט, דורכגעוועבט מיט אסך קליינע, ווייסע אָדערלעך, און אויבן איז מיט גרויסע אותיות אָפּגעדרוקט: „חכמת היד."

איך און יאָסקע — מיר האָבן שוין אסך ביכלעך געלייענט, אָבער מערסטנס האָבן מיר געלייענט ראמאנען, און מיר האלטן זיך פאר אויפגעקלערטע, און מיר גלויבן ניט אין קיין שום „כשוף זאכן," וואָס מ'לייענט ארויס פון אזעלכע ביכלעך. פונ־דעסטוועגן ווער איך פאראינטערעסירט אין דעם דאָזיקן אידן און אין זיין קליין ביכעלע, און איך הער זיך צו צו יעדער וואָרט זיינס וואָס ער זאָגט דעם טאטן.

— וואָס זשע איז די פרנסה אייערע? — פרעגט דער טאטע און פארדרייט אויך א ציגאר.

— מיין פרנסה? . . . כע . . . א טרעפער בין איך . . . כ'קען אייך זאָגן וואָס מיט אייך איז געווען פריער און וואָס עס וועט אייך טרעפן שפּעטער . . . — ענטפערט דער איד, שטארק פארציענדיק דעם רויך פון זיין ציגאר. דערביי דריקט ער פעסט צו די אויגן און מ'זעט, אז ער האָט גרויס הנאה.

— טייערער טאבאק . . . — מאכט ער צום טאטן, — שמעקט — א מחיה . . .

די מאמע האָט דערזען דורך דער שויבן־טיר א פרעמדן אידן אין דער סטאליארנע, האָט זי זי פּאַוואָלינקע געעפנט און איז שטיין־געבליבן אויף דער שוועל מיט א זאק, וואָס זי האָט געהאלטן אין שטריקן. פון הינטער איר פארטעך האָט ארויסגעשטעקט הער־שעלע'ס בלאנד־האָריק קעפּל. ער האָט אויך געוואָלט כאַפּן א קוק אויף דעם פרעמדן אידן.

— א טרעפער? — רעדט איבער דער טאטע. — בע . . . עפּעס האַלט איך ניט פון די זאכן . . .

— טאקע ניט? — מאכט דער איד שטארק פארוואונדערט,

— היתכן? איר האָט עס דען געפּרואווט אמאָל? צי איר האָט אפשר אמאָל אויסגעפונען, אז ס'שטעקט עפּס א שווינדל אין דעם? אי, פע, צו זאָגן אזא זאך . . . מענטשן מיט גרויסע קעפּ האָבן דאָך אויף דעם ווער ווייסט ווי לאַנג געלערנט, און האָבן ארויס־געגעבן א בוך — אָט דאָס אָ, — ציינט ער אויפ'ן קליינעם ביכל מיט די רויטע טאוולן. — צום סוף קומט איר און זאָגט . . . ווייסיך . . .

און ער פּארציט מורא'דיק מיט די ברעמען, און מ'זעט באַ־שיינפּערלעך, אז ער האָט גרויס יסורים פונ'ם טאטנ'ס עטלעכע ווערטער.

— חלילה, איך מיין דען עפּעס? — כאפּט זיך דער טאטע, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך פּארענטפערן. — נאָר גלאָט . . . איך וויים דען? . . . מיר זיינען פּשוט'ע מענטשן, זיינען מיר. וואָס ווייסן מיר פון אזעלכע זאכן?

— אָט, דעריבער טאקע . . . גיט זיך א כאפּ דער איד מיט היץ און גיט א רוק־ארויף דאָס קליינע היטעלע, און ס'באווייזט זיך זיין הויכער, גלאַנציקער און געקנייטשטער שטערן, — אָט, פּאר א טשיקאוועס . . . גיט מיר אהער די האַנט אייערע . . .

— מיין האַנט? . . . שמייכלט דער טאטע, — וויים איך . . . „וואָראזשען" קען דאָך ביי אונז א ציגיינערטע אויך . . .

— אי, וואָס אַרט אייך! — צעהיצט זיך דער איד אַלץ מער, און ער גיט א כאפּ דעם טאטנ'ס האַנט אין זיינער. — וואָס ווייסט א ציגיינערטע, וואָס? אַלע הענט זיינען ביי איר גלייך. איך אָבער, אז איך גיב א נעם א האַנט, אָט, אייערע, למשל. קוק איך זיך צו צו די פּאסיקלעך און צו די אדערלעך אויף איר . . . דאָס איז עס דאָך וואָס מ'רופט „חכמת היד . . ." איר פּאַרשטייט? „חכמת היד . . ." וואָס ווייסט א פּויערטע פון „חכמת היד? . . ."

דער טאטע שווייגט שוין און קוקט מיט דרך ארץ אויפ'ן טרעפּער. חכמת היד, ווייסט ער, איז טאקע א גרויסע חכמה. ער האָט אמאָל געהערט ריידן פון דעם אין בית מדרש. מיר, איך און יאָסקע, און שלוימקע דער לערניונג, רוקן זיך צו נעענטער, און באטראכטן מיט דרך ארץ דעם טרעפּער, ווי ער האלט אזוי דעם טאטנ'ס ברייטע, פּארהארטעוועטע האַנט אויסגעשפּרייט, מיט דער דאלאניע ארויף און קוקט זיך שטארק צו. דאָס רויטע ביכל

ליגט פאַר אים צעעפנט, און אַלעמאָל כאַפּט ער אַהין אַ קוק. איך גיב אַ צופּ יאַסקע'ן באַם אַרבל:

— וואָס זאָגסטו עפּיס צו דעם?

דערוויייל הוסט דער טרעפער זיך אויס, ווישט זיך אָפּ די ליפּן מיט אַ רויטער פאַטשיילע, און דערנאָך, גלעטנדיק דאָס געלע בערדל און קוקנדיק ערגיץ צו דער סטעליע, הויבט ער אָן מיט געציילטע, קלאָרע ווערטער:

— איר האָט, ליבער פריינט, אַסך צרות געהאַט אין אייער לעבן . . . דער וועג, אויף וועלכן איר זענט געגאַנגען פון אייער געבוירן־טאָג אָן, איז געווען אַ וועג פול מיט שטיינער און דערנער . . . און איר זענט נאָך אַ יונגערמאַן געווען, ווען עס האָבן זיך באַ אייך באַוויזן די ערשטע גרויע האָר . . . אַסך צרות זיינען אויסגעפאַלן אויף אייער גורל, און דאָס האָט אייך פאַר דער צייט געעלטערט . . . אָבער, איר זענט אַ מוטיקער און אַ שטאַרקער מענטש . . . איר האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג . . .

ער בלייבט שטיל אויף אַ מינוט, אָבער דעם טאַטנ'ס האַנט לאָזט ער ניט אַרויס פון זיינער. זיינע אויגן בלאָנדזשען אַרום ערגיץ אויף דער קויטיקער סטעליע, און דער טאַטע, האַלב־אָנגעשפּאַרט אָן טיש, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם גרויען קאָפּ און האָט זיך צו־געהערט שטיל, מיט אַן אומעטיקער מינע. דער דאָזיקער מענטש האָט אויפגעוועקט אַלטע, שוין לאַנג־פאַרגעסענע בילדער אין זיין זכרון, און האָט צערודערט די נאָך ניט־פאַרהיילטע וואונדן אין זיין האַרצן. די מאַמע האָט אויפגעהערט שטריקן דעם זאָק, און האָט זיך צוגעהערט שטיל, מיט אַ פרום פּנים, אַזוי ווי זי וואָלט איצט געהערט די פּירזאָגערן אין דער וויבערשער שול. און אונדזער חברה האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם דאָזיקן מאָדנעם פאַרשוין, וואָס אין דער דאָזיקער מינוט איז ער געוואָרן ביי אונדז גרויס, זייער גרויס . . .

— אָבער איר זאָלט גאָר ניט זאָרגן, מיין ליבער פריינט! — האָט וויייטער אָנגעהויבן דער טרעפער, און זיין קול האָט געקלונגען ווי עס וואָלט געקומען פון ערגיץ וויט און הויך. — אייער קרומער וועג, וואָס איז מיט דערנער געווען באַדעקט, האָט זיך שוין געענ־דיקט און איצט, אויף אייערע עלטערע טעג, איז אייך פיל נחת באַשערט. אין אוצר המזלות איז אַסך גוטס פאַר אייך גרייט . . .

אין אייער קאָפּ וועבן זיך שוין נייע פּלענער, און איינער פון אייערע פּלענער וועט אייך מאַכן פאַר אַן עושר . . . איר וועט מאַכן אַ רייזע. אין אַ וויטן וועג וועט איר פאָרן . . . איר וועט נאָך אַסך שטערונגען האָבן, אָבער איר וועט אַלץ דורכברעכן און איר וועט אַרויסקומען בשלום, און פון דעמאָלט־אָן וועט אייך שוין גוט גיין דעם גאַנצן לעבן . . . .

ער האָט אָפּגעלאָזט דעם טאַטנס האַנט און האָט זיך אַ וויש געטאָן דאָס דערהיצטע פּנים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן טאַטן מיט פייכטע, פאַרנעפּלטע אויגן, און דער טאַטע האָט שוין איצט געהאַלטן דעם קאָפּ הויך און גלייך, און האָט געקוקט אויפ'ן פרעמדן מיט לויכטנדיקע אויגן. ער האָט דעם אידן שטאַרק די האַנט געדריקט, און אביסל מיט בושה, און אביסל מיט מורא, האָט ער אים אַריינגעשטופּט אַ זילבערנע מטבע אין דער האַנט.

נאָר דער טרעפער האָט גאַנץ קאַלטבלוטיק אַריינגעלייגט די מטבע אין קעשענע, און זיינע אויגן האָבן שוין באַקומען דעם פריערדיקן, אומרואיקן בליק. ער האָט גענומען דאָס שטעקל מיט'ן ביכל אין דער האַנט, און האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו אונדז, יונגע חברה, אביסל מיט שפּאַס:

— נו, ווער פון אייך וויל איך זאָל אים זאָגן ווער זיין כלה וועט זיין? . . .

און ניט באַקומנדיק קיין ענטפער, האָט ער זיך צוגערוקט צו דער טיר, געזאָגט אַ „גוטן טאָג," און איז אַרויס אויף דער גאַס. דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט לויכטנדיקע אויגן, און מיר, איך און יאָסקע און שלוימקע, זיינען צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט, און אויפ'ן האַרצן איז געוואָרן נאָך אומעטיקער, נאָך שווערער ווי פריער, כאָטש מיר האָבן ניט געוואוסט פאַרוואָס.

דער טאַטע האָט ניט געקענט פאַרגעסן דעם טרעפער'ס גוטע רייד. . אַ גאַנצן טאָג, דערנאָך, איז ער געווען זייער גוט אויפגעלייגט, און ער האָט ניט אויפגעהערט איבערצורעדן שטיל, צו זיך אַליין:

— הלוואַי זאָל דאָס אמת זיין . . .

# די שווארצע קאץ

## א.

די מעשה, וואָס איך וועל אייך דאָ דערציילן, האָב איך געהערט פון דער באָבע, זאָל זיך מיען. און דערציילט האָט זי אונדז די דאָזיקע מעשה ניט איין מאָל, נאָר אַ סך מאָל. אין די ווינטערדיקע אויפדערנאַכטן, בעת אינדרויסן ברענט אַ פראָסט און דער ווינט קלאָגט מורא'דיק אין די קוימנס, קלייבן מיר, די אייניקלעך, זיך צונויף אַרום דער באָבען. די באָבע זיצט אויף אַ נידריקן דיוואַן, בא דער אויסגעהייצטער רובע, מיט די פיס אונטער זיך, און אויף'ן פאָדעלעק האַלט זי אַ זיפּ מיט פעדערן. זי פליקט געשווינד, און זי דערציילט אונדז דערביי איין מעשה נאָך דער אַנדערער. מיר טוליען זיך אַרום דער באָבען, מיר עפענען גרויס די אויגן און מיר הערן זיך צו מיט אַן איינגע־האַלטענעם אָטעם. און די מעשיות, וואָס די באָבע דערציילט, זיינען שיינע, וואונדערלעכע און מורא'דיקע, און זיי גראָבן זיך מיר איין טיף אין קאָפּ, און אַלצדינגס שטייט מיר נאָך איצט ווי לעבעדיק פאַר די אויגן.

## ב.

דערציילט די באָבע:

... דעמאָלט, ווען די דאָזיקע געשיכטע האָט פּאַסירט, בין איך נאָך גאָר אַ קינד געווען. איינגאַנצן אַ יאָר צוועלף אָדער דרייצן. ס'איז געווען ערשט אַ פּאָר חדשים נאָך דעם טאַטן, עליו השלום'ס, טויט, און די מאַמע, בשותפות מיט'ן פעטער בנימין, האָבן געפירט די געשעפטן. איינמאָל, דאָס איז געווען פאַר די גרויסע יאַרידן, זאָגט מיר די מאַמע, איך זאָל זיך צוגרייטן אין וועג, וועל איך פאָרן מיט'ן פעטער בנימין אויף'ן גרויסן יאַריד, וואָס שטעלט זיך איין מאָל אין יאָר אין דער גובערניע. האָב איך, געוויינלעך, זיך שטאַרק דערפרייט. אַ קלייניקייט! זיך

דורכפאָרן און זיין אין אַ גרויסער שטאָט! האָב איך זיך גענומען צוגרייטן אין וועג אריין. מ'שטיינס געזאָגט, דאָס גאנצע צוגריי־טעניש האָט דעמאָלט געהאט אַ גרוים ממשות, די מאמע האָט מיך אויסגעצוואָגן, פארפלאָכטן אַ צעפּל מיט אַ ליענטע פון הינטן, אָנגעטאָן מיר די נייע ציצענע פּלאַטיע, און—פּארטיק . . .

דעם גאנצן פרימאָרגן, איידער מיר האָבן באַדאַרפט ארויס־פאָרן, האָט זיך ביי אונדז אין שטוב גע'רעש'ט ווי אויף אַ חתונה. דער גרויסער וואָגן איז שוין געשטאַנען פאַר דער טיר, פול אָנגע־פּאַקט מיט סחורה. און איך בין געשטאַנען גרייט, מיט אַ קליין פּעקל זיסע קיכלעך אין דער האַנט. נאָר דער פעטער בנימין איז נאָך אַלץ ארומגעלאָפן אַ פארשמייעטער. דאָ געדעדט מיט דעם, דאָ מיט יענעם, צען מאָל אָנגעזאָגט דער מאמען אַלץ די זעלביקע זאַך, און דאָס היטל האָט זיך אים פארדרייט אויף אַ זייט פאַר גרוים איילעניש. דערצו האָט נאָך די שווארצע קאַץ אונדזערע, אַזוי ווי אינמיסטן, זיך געדרייט איטליכן פאַר די פיס. מיט שטעקנס האָט מען זי ניט געקענט אָפּטרייבן. אָט האָט זי זיך אריינגע־פּלאָנטערט אין דער מאמע'ס קליידל; אָט האָט זי גענומען גראַבלען מיט די נעגל דאָס קליינע בינטל מיינס, וואָס כ'האָב געהאַלטן אין דער האַנט, און אָט האָט זי זיך גאָר אָנגעטשעפּעט אָן דעם פעטער בנימינ'ס לינקן פוס. ווערט דאָך מסתמא דער פעטער בנימין גוט אין כעס און גיט זי אַ שליידער מיט'ן פוס, אַז זי דרייט זיך איבער דריי מאָל. נאָר ס'איז אַלץ געווען אומזיסט. וואָס מער מ'האָט זי געטריבן, אַלץ מער האָט זי זיך געדרייט פאַר די פיס. נאָר אַזוי ווי אַ מין אָנשיקעניש, נאָט באַהיט.

פאַר'ן ארויספאָרן, שוין ביים געזעגנען זיך, זאָגט אַזוי די מאמע מיינע צום פעטער בנימין מיט אַ שטיל, פארזאָרגט קול:

— הערסט, בנימין, הלואי זאָל איך בעסער ליגן זאָגן . . . כ'האָב מורא, אַז די היינטיקע נסיעה וועט זיך אויסלאָזן ניט מיט גוטן . . .

— נאַרישע אידענע! — ווערט דער פעטער באַלד בייז, — דו ווייסט וואָס דו רעדסט?

— די קאַץ . . . — ווייזט אָן די מאמע מיט די אויגן, — כ'האָב מורא . . . אַ שלעכטער סימן . . .

— ווייבערשע מעשיות! — צעשרייט זיך דער פעטער בנימין.

ער טוט אָן אויף זיך דעם ווייסן וועג־מאנטל און העלפט מיר ארויפקריכן אויפ'ן וואָגן. מיר געזעגנען זיך נאָכאמאָל און מיר פאָרן אוועק.

## ג.

ס'איז געווען דעמאָלט א זומערדיקער פארנאכט. כ'געדיינק עס נאָך ווי היינט. דער וועג איז א גלייכער, א ברייטער, א זאמדיקער. ווייט איז א גרויסער בארג. און דער וועג אונדזערער, וואָס ציט זיך בארג־ארויף, ווערט וואָס ווייטער אלץ שמעלער און שמעלער, און נאָך מיין קינדערשן שכל קומט אויס, אַז העט־אויבן, אויפ'ן סאמע בארג, איז שוין גאָר קיין וועג ניטאָ, אָדער אפשר איז נאָך פאראַן דאָרט א גאָר שמאָל סטעזשקעלע. פון ביידע זייטן וועג ליגן ברייטע, גרינע פעלדער, און די גוים, וואָס גייען שוין צוריק פון פעלד, ווינטשן אונז צו א גליקלעכן וועג. די זון זעצט זיך אין עק הימל, דאָרט, פון יענער זייט בארג, און דער וואָגן אונדזערער, וואָס שלעפט זיך פּאַוואָליע בארג־ארויף, לאָזט נאָך זיך א לאנגן, משונה'דיקן שאָטן. איך בין אזוי צע'רעש'ט, אַז איך ווייס ניט וואו פריער צו קוקן. אָט דערזע איך בא דער זייט אן איין־און־איינציק ביימל שטיין, אזוי ווי עמיצער וואָלט עס דאָ אוועקגעוואָרפן און פארגעסן. עס שפּרייט נעביך אויס א פּאָר גרינע הענט, אזוי ווי ס'וואָלט זיך ביי עמיצן געבעטן רחמנות. עס דערמאָנט מיך די מאמע מיינע. זי האָט אויך אזוי אויסגעשטרעקט די הענט אירע, געוויינט מיט ביטערע קולות, און האָט ניט גע־לאָזט ארויסנעמען דעם טאטן פון שטוב. אַז איך דערמאָן זיך אָן טאטן, ווער איך אומעטיק און עס שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן. איך דריי אוים דעם קאָפּ אָן א זייט, און פלוצים — —

— פעטער, זע! — שריי איך אויס, אָבער איך דערשרעק זיך פאר מיין אייגן קול און איך בלייב שטיל.

— וואָס איז, שיינדעלע? — פרעגט דער פעטער, און ער האקט־איבער אין מיטן מנחה־דאווענען. — ווילסט עפּעס?

— ניין, זאָג איך, אביסל צעשראָקן, און איך ווייז אים הינטער'ן וואָגן. — זע, די קאַץ האָט זיך אונדז נאָכגענומען.

— די קאַץ? נו. א זאָרג האָסטו.

און דער פעטער דאַוונט ווייטער.

איך קוק מיט שרעק אויפ'ן ברייטן פעלד. די זון איז שוין פארשוואונדן הינטער'ן בארג, נאר דער הימל דארט איז נאך רויט ווי א שטיק פייער. עס שפרייטן זיך לאנגע שאטנס איבער'ן פעלד. עס ווערט טונקעלער, און איך זע ווי די קאץ לויפט אלץ נאך נאכ'ן וואגן. אט איז זי שוין גאר נאענט. זי דרייט זיך כמעט אריין צווישן די רעדער. און אט בלייבט זי ווידער ווייט, פון הינטן. איך דערמאן זיך אן דער מאמע'ס פנים און וואס זי האט געזאגט דעם פעטער ביים געזעגנען זיך. עס כאפט מיך אן א ציטער און איך טוליע זיך איין אין וואגן.

עס באווייזן זיך שטערנדלעך אין הימל. מיר האבן זיך פאוואלינקע שוין ארויפגעדראפעט אויפ'ן שפיץ בארג, און דארט באווייזט זיך מיט אמאל פאר מיינע אויגן א גרויסער וואלד. די געדיכטע ביימער שווארצן זיך אין דער נאכט און ווארפן־אן אויף מיר א מורא. עס בלאזט א ווינטל און די ביימער שאקלען זיך. זיי שאקלען זיך און רוישן מיט די צווייגן, און עס דאכט זיך מיר, אז דאס איז ניט קיין וואלד, און ניט קיין ביימער. נאר א סך, א סך מענטשן, אלע אנגעטאן אין שווארצן. אינמיטן טראגט מען א שווארצן ארון. און די אלע שווארצע מענטשן גייען נאך מיט שנעלע, שטילע טריט און מיט אראפגעלאזטע קעפ. זיי זאגן פסוקים פון תהילים און טייל וויינען אויפ'ן קול.

— — — פעטער, ווער איז געשטארבן ? . . . . . . . .

איך האב עס געזאגט אזוי שטיל, אז דער פעטער האט עס גאר ניט געהערט. גלייכער אזוי. איך האב זיך אליין דערשראקן און פארשעמט פאר מיין נארישקייט. איך האב אפגעמאכט ביי זיך, מער גאר ניט צו פרעגן. איך קוק זיך ארום — די קאץ זעט זיך ניט מער. און אפשר איז זי יא דא ערגיץ נאענט, נאר צוליב דער פינסטערקייט קען איך זי ניט זען. איך לייג זיך אוועק אויפ'ן ווייכן היי, וואס איז אויסגעבעט אין וואגן, איך דעק זיך איבער מיט דער מאמע'ס שאל, וואס זי האט מיר מיטגעגעבן, איך פארמאך די אויגן און איך ווער אנשלאפן. — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

## ד.

. . . און עס דאכט זיך מיר, אז איך בין איינע־אליין אין א ווייטער מדבר. ווייט ארום זעט מען קיין מענטש ניט, און קיין שטוב ניט, און אפילו קיין ביימל ניט. ס'איז א טרוקן פעלד מיט פארברענט גראז. איך גיי און איך טראכט: ווי קום איך אהער? איך וויל זיך דערמאנען ווער איך בין און וואס איך טו דא, נאר איך קען ניט. איך גיי און גיי, און איך ווייס ניט וואוהין איך גיי, און צוליב וואס איך גיי. און אזוי גייענדיק, קום איך צו א גרויסן, שטיינערדיקן בארג, און איך הויב־אן דעם בארג ארויפצוקלעטערן. ס'איז זייער שווער. קיין וועג איז ניטא. און איך קריך אויף אלע פיר. איך קלער שוין ניט. איך טראכט שוין ניט וואוהין און נאך וואס. איך דראפע זיך אלץ העכער און העכער. איך צעגראבל זיך די הענט און בלוט שפריצט פון מיינע פינגער.

פלוצים דערזע איך, אז איך שטיי אויף א שפיציקן שטיין, און איין טריט ווייטער איז א גרויסער, טיפער תהום. איך קוק מיט שרעק און איך טראכט, אז ווען איך מאך, חלילה, נאך איין טריט, וועל איך גע'הרג'עט און קום קיינמאל ניט צו קבר ישראל. אויף גיך גיב איך זיך א דריי־אוים און וויל גיין אויף צוריק, ווער איך אבער נאך מער פארציטערט: פונקט אנטקעגען מיר קריכט אויפ'ן בויך א גרינע יאשטשערקע. אירע גרינע רייפן בלישטשן אנטקעגן דער.זון, און אירע צוויי קליינע, מדינע אוינלעך קוקן אויף מיט מיט גיפט. און זי שטעקט נאך ארוים א צינגל, א רויטס, און זי רוקט זיך צו מיר . . . נעענטער צו מיר . . .

און עס כאפט מיך אן א מין ציטערניש, גאט באהיט . . . איך פארברעך די הענט. איך וויל וויינען. איז מיר אבער דאס קול אזוי ווי אפגעשטארבן . . . אויפ'ן הארצן דריקט מיך עפעס . . . אזוי ווי א שווערער שטיין. טרערן רינען מיר פון די אויגן. איך וויל שרייען מאמע, נאר איך קען ניט. איך שטריינג אן אלע מיינע כחות, נאר אומזיסט. עפעס א קול רעוועט אין מיר. עס שפארט זיך דורכ'ן מויל א מין פארדומפט קול, נאר וויינען קען איך ניט. —שרייען אויך ניט . . .

און די גרינע יאשטשערקע קריכט אַלץ נעענטער צו מיר . . . נעענטער צו מיר . . . ניין, ניט קיין יאשטשערקע; ס'איז אַ שלאַנג . . . אַ גרויסע, אַ בייזע . . . און וואָס נעענטער זי קומט צו מיר, אַלץ גרינער פינקלען אירע אויגן, און אַלץ לייַנגער און שפּיציקער ווערט איר צונג. איך ציטער. איך פּלאָטער . . . איך רוק זיך אַלץ נעענטער צום ברעג פון דעם שטיינערנעם פעלז . . . אָט, אָט, פאַרליר איך שוין דעם שטיין פון אונטער מיינע פיס . . . און איך פאַל . . . יאָ, איך פאַל . . . איך דריי זיך איבער אין דער לופטן . . . קאָפּ אַראָפּ, פיס ארויף . . . איך וועל דער'הרג'עט ווערן . . . וועל ניט קומען צו קבר ישראל . . . מאַמע וועט וויינען . . . עס רייסט זיך אַרויס פון מיין ברוסט אַ שווערער קרעכץ . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך דערפיל אַ האַנט באַ מיר אויפ'ן פּנים, און איך שפּיר ווי דאָס האַרץ הויבט מיר אָן קלאַפּן לייכטער און פרייער. איך עפן די אויגן. איך דערזע איבער מיר דעם לויטערן, אויסגעשטערנטן הימל. דער פעטער שטייט לעבן מיר און גלעט מיר דעם קאָפּ, און איך זע ווי מיט דער צווייטער האַנט שלעפּט ער אַראָפּ די שוואַרצע קאַץ פון מיר און שליידערט זי אַראָפּ פון וואָגן . . .

## ה.

אויף מאָרגן, אינדערפרי, האָט דער פעטער מיך איבערגעגעבן צו זיינעם אַ באַקאַנטן פּויער, און ער האָט מיך אָפּגעפירט אַהיים. באַם בריקל, פאַר דער שטאָט, איז מיר שוין אַנטקעגנגעלאָפן די מאַמע, מיט פאַרבראָכענע הענט און מיט אַ געוויין: „מיין קינד, מיין קינד! . . .״ זי פאַלט מיר אויפ'ן האַלדז און זי באַגיסט מיך מיט טרערן.

— ס'האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז די קאַץ וועט אָנטאָן צרות! — וויינט די מאַמע און זי טוליעט מיך צו זיך.

און זי דערציילט, די מאַמע, אַז באַנאַכט האָט זי געהאַט אַ מורא'דיקן חלום: עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז איר קינד געפינט זיך אין אַ שרעקלעכן, אין אַ געפערלעכן אָרט, און אַז אַ בייזע

שלאנג וויל זי בייסן; זי האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט א געשריי, און אינדערפרי האָט זי דערזען, אַז די קאַץ איז ניטאָ אין הויז. ס'הארץ האָט איר מורא'דיק געקלאַפּט, און זי האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָט זי געכאַפּט און איז געלאָפן צום בריקל . . . און מער האָט מיך די מאַמע ניט געלאָזן פאָרן אויף די יארידן . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי ענדיקט די באבע איר מעשה, און מיר, די אייניקלעך, ווערן דורכגענומען מיט שרעק. מיר האָבן מורא אויסדרייען דעם קאָפּ אָן א זייט, טאָמער, חלילה, וועלן מיר דערזען די שווארצע קאַץ, אָדער די יאשטשערקע מיט די גרינע אויגן . . .

# שכר־מצוה

(פאָלקסמאָטיוו)

## א.

וועלוועלע איז געווען א קליין, אָרים אינגל, און מחמת ער איז אמאָל, לויפנדיק, געפאלן, און האָט אויפ׳ן לינקן פיסל צו־געהינקט, האָט ער געהאט א צונאָמען: דער קרומער. וועלוועלע דער קרומער, אזוי האָט מען אים גערופן.

דערצו איז ער געווען א קליינינקער, א מאגערער, מיט א שמאלער, אויסגעבויגענער פלייצע. אלט געווען איז ער א יאָר פערצן, נאָר אויסגעזען האָט ער ווי פון צען. ווייל חוץ דעם וואָס ער איז געווען אזא נידריקער, פלעגט ער נאָך, צוליב זיין קרומען פיסל, גיין איינגעבויגן אויף איין זייט. האָט ער דערפאר אויס־געקוקט נאָך קלענער ווי ער איז אין דער אמת׳ן געווען.

און מחמת דעם וואָס זיין טאטע, ר׳ שמחה דער שמש, איז געווען אן עני־ואביון, און ער האָט ניט געקענט צאָלן פאר וועל־וועלע׳ן קיין שכר־לימוד, איז שוין צוויי יאָר ווי וועלוועלע גייט ארום פוסט־און־פאס און האָט ניט קיין רבי׳ן. האָט ער זיך אָנגע־הויבן חבר׳ען מיט גאסנאינגלעך און האָט געזוכט לעבן זיי עפעס צו פאַרדינען און ברייננען אהיים צו דער מאמען.

און איינמאָל, אין א ווארעמען פרימאָרגן, איז וועלוועלע אזוי זיך געשטאנען, צוגעשפארט מיט דער שמאָלינקער פלייצע צו א טעלעגראף סלופ, און דאס קליינע היטעלע איז אים געווען אראָפּ־גערוקט טיף איבער׳ן שטערן; די קליינע אייגלעך האָבן אומרואיק געקוקט פון אונטער׳ן דאשיק, און צומאָל האָט ער מיט זיי א זשמורע געטאָן, און די גאָלדענע שטראַלן פון דער זון האָבן אויף זיין פנים זיך א שפּיל געטאָן.

איז ער אזוי געשטאנען און האָט געקוקט אין אלע זייטן, אפשר

וועט גאָט צושיקן עפּעס צו פאַרדינען. ער האָט זיך שטאַרק מצער געווען. ס'איז שוין געוואָרן שפּעט און שפּעטער, און באַלד איז שוין מיטיק צייט, און ער שטייט נאָך אַלץ אויף דעם זעלביקן אָרט, אַזוי ווי איינדערפרי, אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן, ניט געטרונקען . . . אין דער היים, ווייסט ער, איז קיין ברויט ניטאָ, און היינט איז דאָנערשטיק, אַ טאָג ווען די מאַמע איז בייז, און זי שילט, און זי קנייפּט, ווייל ס'פעלט איר אַלעמאָל אויף שבת, און דער טאַטע, ר' שמחה דער שמש, האָט קיינמאָל ניט אַ קאָפּיקע בײַ דער נשמה.

האָט דערפאַר וועלוועלע זיך ניט געאיילט אהיים צו גיין, און ער איז אַלץ אַזוי געשטאַנען און האָט געוואַרט. ער האָט געזען ווי אַנדערע אינגלעך האָבן שוין איבערגעציילט זייערע פאַרדינסטן פון'ם טאָג, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון צוטראָגן עמיצנ'ס אַ פּעקל צום וואַקזאַל, און ער האָט זיי נאָכגעקוקט מיט קנאה.

פּלוצים דערזעט ער ווי אַן אַלטער, שטאַרק־געבויגענער אָרימאַן שלעפּט זיך מיט אַ גרויסן פּאַק אויף דער פּלייצע. שלעפּט פּאַוואָ־לינקע אַ פוס נאָך אַ פוס, און רוקט זיך גלייך צו אים. איז אים אויפ'ן אָרט ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אפשר אַ שטיקל פאַר־דינסט? ער קוקט אויף דעם אידן: אַן אַלטיטשקער, נעביך, אַ גרייז־גרויער, קוקט אויס אַ קראַנקער . . . אַן אָרימאַן אודאי, וואָס שלעפּט זיך איבער די הייזער. אודאי אַ קראַנקער . . . ער שלעפּט קוים אַ פוס, און ער שפּאַרט זיך אָן מיט אַלע כחות אויף דעם גראָבן שטעקן, וואָס ער האַלט אין דער רעכטער האַנט. וואָס קען מען בײַ אַזאַ איינעם פאַרדינען? ס'איז דאָך אַן עבירה צו נע־מען בײַ אַזאַ איינעם אַ גראָשן אפילו . . . און וועלוועלע ווערט בייז אויף זיין שלימזל. ער שילט עמיצן מיט פאַרביסענע ליפּן, און פאַר פאַרדרוס מאַכט ער צו די אויגן.

דערווייל שלעפּט דער אַלטיטשקער זיך צו גלייך צו אים, שטעלט זיך אָפּ, און לאָזט אַראָפּ דעם גרויסן פּאַק פון דער פּלייצע. ער אָטעמט זייער שווער און ווישט זיך דעם שווייס מיט אַ רויטער פאַטשיילע. וועלוועלע איז בייז און ברוגז. ער דרייט אַוועק דעם קאָפּ פון דעם אַלטן אידן. ער וויל אפילו ניט קוקן אין זיין זייט.

נאָר דער אַלטער גיט אים פּאַוואָלינקע אַ טאָרע באַם אַקסל:

— אינגעלע, — מאכט ער צו אים מיט א שטיל, הייזעריק קול, וואָס איז אָנגעפילט מיט טרערן און תחנונים.

וועלוועלע דרייט זיך אום און קוקט אויף אים בייזלעך פון אונטער'ן דאשיק אַפיר.

— וואָס'ט איר זאָגן ? — פרעגט ער ברוגז'לעך.

— ווילסט, אינגעלע, פאַרדינען א מצוה ? וועסט אום יום כפור ניט דאַרפן פאַסטן.

וועלוועלע קוקט אויף אים מיט פאַרביסענע ליפּן און מאַכט זיך אַז ער פאַרשטייט ניט.

— איז וואָס ווילט איר ? — פרעגט ער אַלץ ברוגז.

— טראָג מיר צו אָט דעם דאָזיקן פעקל צום וואקזאַל . . . — בעט זיך דער אַלטער. — כ'בין א קראַנקער, ניט פאַר דיר געדאַכט . . . קוים וואָס איך ריר מיט א פוס . . . אין דעם זכות וועסטו אַמאָל א גרויסער עושר זיין און טאַטע־מאַמע וועלן דיר לאַנג לעבן . . .

וועלוועלע פינטלט מיט די אויגן און רירט זיך ניט פונ'ם אָרט. ער האָט רחמנות אויף דעם אָרימען אידן. ער געדענקט אַז טאַטע־מאַמע האָבן אים געלערנט, אַז מ'דאַרף רחמנות האָבן אויף אַלטע און אויף שוואַכע; אין חדר האָט ער געלערנט, אַז פאַר א מצוה באַצאָלט גאָט כפל כפלים . . . און ער טראַכט, אַז פאַר אַזאַ גרויסער מצוה וועט ער אודאי ווערן גאָר א גרויסער חשוב ביי גאָט ברוך־הוא. אָבער דאָס האַרץ איז אים פאַרביטערט. ער איז בייז אויפ'ן רבש"ע, וואָס ער שיקט אים קיין פאַרדינסט ניט צו . . . עס דאַכט זיך אים, אַז ווען ער וועט דעם אידנ'ס בקשה ניט טאָן, וועט עס גאָט שטאַרק פאַרדריסן. נאָר איצט אַרט עס אים ניט. זאָל ער וויסן, דער רבש"ע. גיסט מיר ניט, גיב איך דיר ניט . . .

און דער אַלטער איד שטייט דערווייל אַן איינגעבויגענער, א דערשלאָגענער; טרערן רינען אים פון די רויטע, קראַנקע אויגן, און די ווייסע באָרד זיינע פלאַטערט אים היִן־און־הער פון דעם לייכטן ווינטל וואָס בלאָזט אויף איר. א פאַראומערטער שטייט ער נעביך, אנגעשפּאַרט אויפ'ן שטעקן, און קוקט מיט געבעט אויף וועלוועלען. ער בעט ניט מער. ער רעדט ניט מער. נאָר זיין שטיל־שווייגנדיקער בליק שניידט זיך אריין אין וועלוועלע'ס האַרץ.

ער פארמאכט די אויגן. ער וויל ניט קוקן אויף אים, נאר אפילו דורך די פארמאכטע אויגן זעט ער דעם אלטן, קראנקן אידן, מיט דעם פאק וואס ליגט בא זיינע פיס.

און דאס פארביטערטע הארץ הויבט ביסלעכווייז אן אפצו־נייִן, און מיט אמאל גיט ער אן עפן־אויף די אויגן, און זיי לויכטן שוין מיט ליבע און מיט גנאד. ער גיט א כאפ דעם זאק אויף דער שמאלער פלייצע. דער זאק איז שווער. ער בויגט זיך איין אין דרייען. ער דערשרעקט זיך ניט, און הינקענדיג שפאנט ער, ווי א העלד, אוועק גלייך צום וואקזאל.

דער אלטער שלעפט זיך נאך פון הינטן. ער קען קוים דעם אטעם ציען, און ער קען וועלוועלע׳ן ניט דעריאגן. ער איז שוין ווייט, דער קליינער חברה׳מאן. אט איז ער שוין באלד ביים וואקזאל.

— ווארט נאר, קליין בחור׳ל . . . ווארט א רגע . . . בעט זיך דער אלטער און מאכט צו אים מיט דער האנט. אבער דאס קול זיינס איז שטיל און הייזעריק. וועלוועלע הערט ניט. ער הינקט ווייטער צום וואקזאל־צו. ערשט אויפ׳ן וואקזאל שטעלט ער זיך אפ און ווארט ביז דער אלטער איד קומט צו צו אים.

— ביזט א גוט אינגל, — זאגט צו אים דער אלטער און טוט אים א גלעט, — האסט א גרויסע מצוה פארדינט. גאט זאל דיר באצאלן דערפאר.

. . . וועלוועלע נעמט אראפ דאס היטל פונ׳ם קאפ און ווישט זיך דעם שווייס פונ׳ם שטערן. ער קוקט אומעטיק אויף דעם אלטן אידן. ער דערמאנט זיך, אז פאר זיין טרחה קריגט ער דערווייל גארניט . . . און ס׳איז שוין באלד נאכט, און אהיים דארף ער גיין מיט ליידיקע הענט . . .

— דארפסט שוין אפילו יום כפור ניט פאסטן, מיין קינד . . .
— רעדט צו אים ווייטער דער אלטער און נעמט אים ליבלעך אן ביי דער האנט.

ער שווייגט, וועלוועלע, און ער טראכט, אז ביז יום כפור איז נאך ווייט, און דערווייל האט ער שוין היינט, ניט ווילנדיק, אריינגעכאפט א תענית . . .

— זיי געזונט, איננעלע . . . נאָט זאָל דיר משלם זיין פאַר דיין גוט הארץ . . . — רעדט ווייטער דער איד און קוועטשט וועלוועלע'ס האַנט. טרערן שטייען אים אין די רויטע אויגן, און דאָס קול זיינס ציטערט. פּלוצים גיט ער אַ צי וועלוועלע'ן צו זיך, דריקט אים צו צום הארצן, און פּרעסט אים אָפּ אַ הייסן קוש אויפ'ן שטערן.

— ניין . . . ניין . . . — רייסט זיך וועלוועלע דערשראָקן, און צאַפּלט זיך אין דעם אַלטנ'ס הענט.

דאָס הארץ האָט אים אַ ציטער געטאָן. ערשט איצט האָט ער דערשפּירט וואָס פאַר אַ גרויסע זאַך ער האָט געטאָן פאַר דעם אַלטיטשקן, קראַנקן אידן. פון דעם אַלטנ'ס קוש איז אים וואַרעם געוואָרן אין אַלע גלידער און ער איז רויט געוואָרן פון בושה.

דער אַלטער האָט אים אָפּגעלאָזט. ער האָט אים נאָכאַמאָל אָנגעווינשעוועט אַלדאָסגוטס און איז אַריין אין וואַקזאַל. וועלוועלע האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַ מאָדנער, שטילער בייַנקעניש אין האַרצן, כאָטש ער האָט ניט געוואוסט נאָך וואָס און נאָך וועמען ער בייַנקט. דערנאָך האָט ער שטיל אָפּגעזיפצט, האָט טיפער אַראָפּגערוקט דאָס היטעלע איבער'ן שטערן און איז לאַנגזאַם אַוועק אַהיים.

## ב.

אין דערזעלביקער צייט איז וועלוועלע'ס טאַטע, ר' שמחה דער שמש, געזעסן אויף אַ באַנק פאַר'ן בית־מדרש, און האָט גע־וואַרעמט זיך אַנטקעגן דער זון.

ער איז געזעסן אַן אומעטיקער, אַ פאַרטראַכטער. אין שטיבל דאָרט, אויפ'ן שולהויף, זיצט און וואַרט אויף אים דאָס ווייב זיינס. גאַנץ פרי האָט זי אים געלאָזט וויסן אַז זי האָט ניט אַ גראָשן באַ דער נשמה, און היינט איז דאָנערשטיק . . . מ'דאַרף אויף מעל . . . אויף הייוון . . . אויף פלייש און אויף פיש, וכדומה . . . וואָס טוט מען?

אַ פאַרזאָרגטער האָט ער אומגעווינקט דעם קאָפּ הין־און־הער, און האָט שטאַרק געקנייטשט דעם שטערן. ער האָט געטראַכט פון דעם, וואָס אַ גאַנצע וואָך האָט ער קיין שום הכנסה ניט געהאַט. עפּעס אַזוי ווי אַ מין אָפּגעטוענע זאַך, רחמנא לצלן . . . אַזוי ווי

אלע באלעבאטים וואָלטן צווישן זיך געמאכט איין אָפּרייד, ניט קיין חתונה, ניט קיין תנאים, ניט קיין ברית און אפילו ניט קיין יאָרצייט . . . גאָרניט. פארמאכט געוואָרן אלע קוואַלן פון פּרנסה. כאָטש לייג זיך אוועק אין מיטן דער גאס און שטארב.

און ווי ער זיצט אזוי פאר׳צער׳ט, דערזעט ער ווי א פערד־און־וועגעלע שטעלט זיך אָפּ אנטקעגן בית מדרש, און עס שפּרינגט פון דאָרט אַרויס א פרעמדער איד אין א ווייסן פאָרעך־מאַנטל. א סוחר, ווייזט אויס. און ער גייט־צו גלייך צו ר׳ שמחה׳ן, לייגט אים פריינטלעך ארויף די האנט אויפ׳ן אקסל:

— דאָס זענט איר, ר׳ שמחה דער שמש?

—נו, אודאי איך . . . ווער דען בין איך? — ענטפערט אָפּ ר׳ שמחה. ער שטעלט זיך אויף און קוקט נייגעריק אויף דעם פרעמדן אידן, און עס ווילט זיך אים זייער וויסן, וואָס דער איד וויל פון אים.

— הערט־זשע, רב שמחה, — מאכט צו אים דער פרעמדער.

— איך אליין בין, ווי איר קענט זען, כסדר נע־ונד, תמיד אונטערוועגנס. צוליב מסחר פאָר איך. איז היינט אויפדערנאכט האָב איך יאָרצייט נאָך מיין טאטן, עליו השלום. זוך איך אן ערלעכן אידן וואָס זאָל מיר א יאָרצייט־ליכט אָנצינדן, זאָגן קדיש, אָפּלערנען א פּרק משניות . . . ווייל איך אליין בין כסדר נע־ונד, שטענדיק אונטערוועגנס . . . איר זעט דאָך . . . און אזוי ווי איר . .

— אודאי . . . אודאי . . . — כאפּט זיך אויף ר׳ שמחה און ווערט גאָר א לעבעדיקער, און די אויגן צינדן זיך בא אים אָן, — איר קענט רואיק זיין, רב קרוב. איך וועל שוין אלץ באזאָרגן פאר אייך . . . ווי־זשע דען? מען איז דאָך עפּעס אידן אויף דער וועלט . . .

— יאָ, יאָ . . . זאָגט דער אורח, — האָב איך, הייסט עס, געזוכט אן ערלעכן אידן, כ׳זאָל זיך אויף אים קענען פאַרלאָזן . . . האָט מען מיר א וואונק געטאָן מן השמים: שמחה דער שמש . . . ווייל אייער נאָמען, דאַרפט איר וויסן, לאָזט זיך הערן . . . איר פאַרשטייט? בין איך געקומען צו אייך . . . איז אָט האָט איר

איך, מיין ליבער איד, דריי קערבלעך, וועט איר שוין האָבן פאַר אייער טרחה אויך . . .

און דער אורח שפּרינגט אריין צוריק אין וועגעלע, גיט אַ צי די לייצעס, אַ קנאַק מיט'ן בייטש, און ביידע, דער סוחר און דאָס פערד און וועגעלע ווערן פאַרשוואונדן אין איין הרף־עין, גלייך ווי די ערד וואָלט זיי איינגעשלונגען . . .

נאָר ר' שמחה באַמערקט דאָס ניט. ער טאַנצט אַזש אונטער פאַר פרייד. אַ קלייניקייט, דריי קערבלעך ! . . . און ער פאַלט אריין אין שטוב מיט אַ געשריי:

— בתיה, אָט האָסטו דריי קאַרבן; גיי און מאַך שבת.

קוקט אים בתיה אָן ווי אַ דולן, ווי האָט זיך צו אים פּלוצים גענומען דריי קאַרבן אין איין שמע־ישראל?

נאָר זי פרעגט ניט קיין קשיות. זי לויפט גלייך אַוועק אין קלייטל און זי ברייענגט פון דאָרט מכל טוב. און די קינדער, הונגעריקע נעביך, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום פרישן ברויט; דער טאַטע אליין האָט זיך גענומען מאַכן אַ הערינג אויף וואָרעמעס און די מאַמע האָט געמאַכט אַ ראָשטשינע פאַר חלה . . .

אַז וועלוועלע האָט שפּעטער צוגעהינקט אַהיים, איז שוין אין דרויסן געווען טונקל, און דער טאַטע איז שוין געווען אין שול, צו מנחה־מעריב. און אַז וועלוועלע האָט פון דער טיר דערזען, ווי זיין מאַמע פּאָרעט זיך בא דער באַקדייזשע, האָט ער פאַר־וואונדערט געעפנט די אויגן:

— וואו ·האָסטו, מאַמע, גענומען אויף מעל ? — פרעגט ער.

דערציילט אים די מאַמע וועגן דעם פרעמדן אידן, וואָס האָט באַשטעלט אַ יאָרצייט, און זי לאָזט־אויס מיט אַ פרום קול:

— נאָר גאָט אליין האָט אים צוגעשיקט . . . ניט אנדערש, ס'איז נאָר אליהו הנביא געווען.

גיבן בא וועלוועלע'ן אַ לייכט־אויף די אויגן און עס פאַלט אים איין:

— אפשר איז דער אלטער, קראַנקער איד אויך אַ פאַרשטעל־טער אליהו הנביא געווען ? ? אַ קשיה אויף אליהו . . . ער קען דאָך אַלץ ! . . .

# נייע היים

# דער וועכטער

אז דער אלטער רב שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט פונ׳ם דרעמל וואָס ער האָט געכאַפּט, זיצנדיק אויפ׳ן ביינקל, מיט׳ן קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אָן טיש, איז אין שטיבל שוין רעכט טונקל געווען. האַסטיק האָט ער זיך אויפגעהויבן, אויסגעריבן די אויגן, איז צוגעגאַנגען צום איינציקן פענצטער און האָט ארויסגעקוקט אין גאַס.

אין דרויסן איז נאָך געווען ליכטיק, אָבער ס׳האָט זיך שוין געפילט דאָס אָנקומען פון דער נאַכט. אינעווייניק האָבן די טונקעלע שאָטנס אזוי פארכאַפּט דאָס קליינע שטיבל, אז רב שלמה האָט געמיינט, ס׳איז שוין שטאָק נאַכט. האָט ער אויף גיך אָפּ־געגאָסן נעגל־וואַסער, אויסגעוואַשן די אויגן און האָט גענומען זיך מאַכן גרייט פאַר זיין נאַכט ארבעט.

רב שלמה איז אַ נאַכט־שומר באַ די נייע הייזער וואָס האַלטן זיך אין בויען. דאָס איז אַ „דזשאָב" וואָס אַ גוטער פריינט, אַ לאַנדסמאַן, האָט מיט גרויסע צרות פאַר אים געקראָגן. גוט איז אים ניט, נאָר רב שלמה איז סיי ווי אין ספק, צי וועט ער אַמאָל האָבן אַ גוטן טאָג אין דעם גאָלדענעם לאַנד.

מיט אַ טיפן צער שלעפּט ער ארויף אויף זיך די אַלטע קאַפּאָ־טע, מיט וועלכער ער האָט אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, זיך אויס־געפּוצט אַלע שבת, ווען ער איז געגאַנגען אין שול. איצט טראַכט ער, אז דאָס מזל פון אַ קאַפּאָטע איז צומאָל אזוי ווי דאָס מזל פון אַ מענטשן. אי ער, אי זיין קאַפּאָטע האָבן אַמאָל בעסערע צייטן געהאַט. היינט זיינען זיי ביידע אראָפּ פון דער מדרגה. אַמאָל האָט די דאָזיקע קאַפּאָטע אים באַגלייט אין שול אריין; היינט פירט זי אים אויף זיין נאַכט ארבעט.

עס ווערט אים טרויעריק און שווער אויפ׳ן הארצן, ווען ער דערמאָנט זיך די לאַנגע, קילע הארבסט נאַכט, וואָס ער דאַרף

פארברייינגען אונטער'ן פרייען הימל. א פויל ווינטל גייט איבער זיינע ביינער און ער קאָרטשעט זיך שוין באַצייטנס פון קעלט. אָבער ער מאַכט זיך מוט, רב שלמה; ער נעמט אַרויס זיין טאַבעק פושקע, דערמונטערט זיך מיט א שמעק טאַבאַקע, נעמט אַרויס פון ווינקל זיין גראַבן, שווערן שטעקן, קושט די מזוזה און לאָזט זיך אין וועג.

איבער די הויכע מויערן, וואָס האַלטן דאָס געסל אַזוי ווי איינגעשלאָסן, זעט זיך א שמאָלער פאַס גרוי־בלייענער הימל. און אומעטיק איז אויף דער גאַס. עלטערע מענטשן איילן זיך. אַפילו די קינדער פאַרהילכן היינט די גאַס ווייניקער מיט זייערע געשרייען. רב שלמה טוליעט זיך אין זיין דינער קאַפּאָטע און שפּרייזט שנעל, כדי זיך צו דערוואַרעמען.

ער האָט היבשע עטלעכע גאַסן דורכצוגיין. זיי קומען אים ניט גאַנץ לייכט אָן. אָבער ביסלעכווייז געוויינט ער זיך צו צו דעם אויך. צום אָנהויב, געדענקט ער, האָט ער זיך געפילט שטאַרק פאַרמאַטערט פון גיין; צומאָל האָט ער אויך געשפּירט א שטעכע־ניש אין זייט, אָבער היינט פילט ער שוין גאָרניט. דאָס הייסט, פילן פילט ער יאָ, נאָר ער הערט זיך ניט צו . . . עס אַרט אים שוין ניט . . . אודאי, קיין לייכטער „דזשאָב" איז עס פאַר אים ניט. אָפּשטיין א גאַנצע נאַכט אויף די פיס, איז אַפילו פאַר א יונגערן ניט אַזוי גרינג. דערפאַר אָבער — דער תענוג ווען עס הויבט־אָן גרויען דער פרימאָרגן, און די שטערן אין הימל לעשן זיך און ווערן פאַרשוואונדן איינס נאָכ'ן אַנדערן, — דעמאָלט — כאַפּט רב שלמה זיך אַריין אין שול, צווישן זיינע בני־עיר, און פאַלט צו מיט אַזאַ חשק צום תהילים, אַז ס'איז גאָר ניט אָפּצורייסן אים . . . דאָס איז טאַקע זיין איינציקער פאַרגעניגן, און אָט דער דאָזיקער פאַרגעניגן גיט אים כח אויסצושטיין די גאַנצע נאַכט אויף די אומעטיקע, פאַרוואָרפענע גאַסן, וואו די נייע הייזער בויען זיך.

ער וואָלט שוין אפשר צופרידן געווען מיט דער דאָזיקער „אַרבעט," און ער וואָלט אפשר שוין אויפגעהערט האָבן תרעומות אויף גאָט, ברוך הוא, און אויף דעם „גאָלדענעם לאַנד," ווען די קליינע ווייסע־חברה'ניקעס זאָלן אים לאָזן צורו. זיי דערגיין אים ממש די יאָרן, און ניט אַזוי אים, ווי דער באָרד זיינער . . . ווייזט

ער זיך נאָר אויף זיין נאכט-פּאָסטן, וואקסט באַלד אויס אַרום אים א גאַנצע מחנה האַלב־נאַקעטע, באָרוועסע קינדער, וואָס רייצן אים, שרייען מיט אַזעלכע משונה'דיקע קולות, רעדן אַזעלכע אומפּאַר־שטענדלעכע רייד, און ניט ער ווייסט וואָס זיי שרייען, און ניט ער ווייסט וואָס זיי ווילן. ער פילט אָבער, אַז אין זייערע קולות איז דאָ פּאָר אים זלזולים און קללות אָן א שיעור. עס קריינקט אים. עס טוט אים אַזוי וויי. ער דערמאָנט זיך אויף וואָס ער, א געוועזענער שיינער באַלעבאָס, איז איבערגעקומען . . . און ער טראַכט מיט שרעק, וואָס וואָלטן זיינע שטאָטלייט, אין דער אַלטער היים, געזאָגט, ווען זיי וואָלטן אים דערזען אַזוי ווי ער איז אַצינד . . .

ווען ניט אָט די קליינע ווייסע חברה'ניקעס . . . ער וואָלט שוין אפשר איינגאַנצן צופרידן געווען. אמת, ווען אַלץ זאָל זיין גוט, אַרום און אַרום, וואָלט ער דאָך נאָך, חלילה, אָן גאָט פאַרגעסן. דערצו, אַז מ'איז אין גלות, דאַרף מען זיך אודאי אויף אַזעלכע „קליינקייטן" ניט באַקלאָגן . . . אָבער עס קריינקט אים וואָס די מערסטע פּייניקער זיינע זיינען דווקא אידישע קינדער. און אַז ער דערמאָנט זיך אָן דעם אַלעמען, איז אים ניט ניחא דאָס לעבן.

מיט אַזעלכע מחשבות קומט רב שלמה צו די נייע הייזער. האַלבע ווענט מיט גרויסע לעכער קוקן אויף אים אַזוי ווי א מענטש מיט אויסגעשטאָכענע אויגן. אומעטום זיינען אָנגעוואָרפן ציגל און ברעטער, זאַמד און שטיינער, און אין דער טונקלקייט קוקט דאָס אַלץ אים אויס ווי א חורבה וואָס איז פאַרבליבן נאָך א שרפה, אָדער נאָך א פּאָגראָם, נאָט באַהיט.

קאַלט. רב שלמה פאַררוקט איין האַנט אין אַרבל פון דער אַנדערער. דעם שטעקן האַלט ער אונטער'ן אָרעם. ער קוקט אַרויף צום גרויען הימל, זוכט א שטערנדל אין דער פינצטער, און הויבט־אָן מורמלען מיט די ליפּן. ער דאַווענט מעריב.

פון ערגיץ ווייט דערטראָגן זיך צו אים קולות פון קינדער. זיי ליאַרמען און שרייען, און ער ווערט פאַרציטערט. אין האַרצן בעט ער גאָט, אַז זיי זאָלן זיך אַזוי פאַרשפּילן, אַז זיי זאָלן אָן אים פאַרגעסן. און עס פאַלט אים איין, אַז ער זאָל דאָ, אויף דעם דאָזיקן אָרט, בלייבן שטיין די גאַנצע נאַכט, כדי ער זאָל זיי אויסמיידן. אָבער דאָס טאָר ער דאָך ניט. זיין אַרבעט איז דאָך אַרומצוגיין

די הייזער אַרום און אַרום . . . וועלן זיי דאָך אים אוודאי באַ־מערקן . . .

און וואָס נעענטער ער קומט צום פּלאַץ וואו די קינדער שפּילן זיך, אַלץ מער צאַפּלט זיך דאָס האַרץ אין אים, אַלץ מער טוליעט ער זיך אין זיך, קאַרטשעט זיך צונויף, ציט זיך איין, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אין דער אייגענער הויט אַריינקריכן — אַבי פון די קינדער זיך אויסבאַהאַלטן . . . און אַזוי, איינגגעהויקערטער־הייט, דערפילט ער דאָס ערשטע שטיינדל וואָס קלאַפּט זיך אָן אָן זיינע שטיוול און שפּרינגט־אָפּ אויף דער ערד.

ער פאַרציט מוראַ'דיק די ברעמען, קוקט בייז מיט די גרויע אויגן. ער וויל גיין ווייטער, זיך מאַכן ניט ווויסנדיק, נאָר די קליינע חברה פאַרשטעלט אים דעם וועג. די קינדער רינגלען אים אַרום, דראַפּן זיך אויף אים, שרייען אים אין די אויערן, צופּן אים ביי דער באָרד, און ער צאַפּלט זיך אונטער זייערע הענט, בעט זיך בא זיי מיט גוטן, טענה'ט מיט בייזן, אָבער עס העלפט ניט.

און ער שטייט מאַכטלאָז, מיט פאַרקוועטשטע ליפּן פון וויי־טיק. פון האַרצן, פילט ער, טריפט זיין בלוט, און פון די אויגן פליסן גרויסע טרערן, רינען איבער די מאָגערע, איינגעפאַלענע באַקן און פאַרלירן זיך צווישן די גרויע האָר פון דער צעפּאַטלטער באָרד.

— גייט אַוועק, קינדער, לאָזט אָפּ . . . — בעט ער זיך מיט אַ שוואַך קול. — האָט רחמנות אויף אַן אַלטן אידן . . . האָבן אייערע טאַטעס און מאַמעס אייך גאָרניט געלערנט רחמנות צו האָבן אויף אַלטע און שוואַכע?

אָבער די קינדער הערן זיינע ווערטער ניט. זייער געלעכטער און זייערע געשרייען פאַרטויבן די לופט, און צו זייער פייניקן אים נעמט גאָר קיין סוף ניט.

און פּלוצים — רב שלמה ווייסט אַליין ניט ווי אַזוי אַזעלכעס האָט אים גאָר געקענט איינפאַלן, — ווערט ער ווילד. ער קען מער ניט אַריבערטראָגן. ער מוז זיך ווערן קעגן זיי. ער מוז זיי פאַרטרייבן פון זיך. און ניט טראַכטנדיק, גיט ער אַ כאַפּ דעם שווערן שטעקן זיינעם און טוט אים האַסטיק אַ שליידער צווישן די קינדער.

עס ווערט צווישן זיי אַ געשריי, אַ ליאַרם. זיי צעלויפן זיך

מיט ווילדע קולות, און רב שלמה ציט שווער אָפּ דעם אָטעם. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום דערזעט ער מיט שרעק, אַז איינער פון די קינדער איז געבליבן ליגן אין מיטן גאַס. ער וויל זיך אויפהויבן, און קען נים. און ער ווײנט אַזוי ביטער און מאַכט מיט די הענט. רב שלמה׳ן גיט אַ קלאַפּ אין מח:

דער׳הרג׳עט . . . איך האָב אים דער׳הרג׳עט . . . ווי איז מיר . . . און מיט אַ ציטער אין הארצן לויפט ער צו צו דעם אינגל, בויגט זיך אָן איבער אים ווי אַ געטרייער טאַטע איבער זײַן קינד, און פרעגט מיט שרעק:

— האָב דיר שטאַרק ווי געטאָן, אינגעלע? וואו טוט דיר ווי? וואו?

דאָס קינד שלוכצט, ווײנט נאָך מער, הערנדיק דעם אַלטנ׳ס ווייך קול. רב שלמה דערזעט, אַז ער האַלט זיך מיט דער האַנט ביים באָרוועסן פיסל, און פון דאָרטן טריפט בלוט . . . עס פאַר־דריקט אים דאָס הארץ. דאָס איז איבער אים . . . איבער אים . . . עובר בטל איז ער . . . . ווי וואַרפט מען עס אַ שטעקן אויף קינדער?

און פּאַוואָלינקע נעמט ער דאָס קינד אויף די הענט, טוליעט אים צום הארצן, ווישט אים די טרערן פון די אויגן, נעמט אים איין מיט גוטע רייד און פרעגט אים וואו טאַטע־מאַמע וואוינען. ער שפּאַנט גיך אַוועק מיט׳ן קינד אויף די הענט, און דעם גאַנצן וועג שילט ער זיך אַליין מיט די ביטערסטע קללות . . .

# די אלטע דבורה

ר' שמואל איז אריינגעקומען פון דער גאס, איינגעהויקערט אין דרייען, און דער גרויסער קאָפּ זיינער האָט זיך קוים ארויסגעזען פון דעם הויכן קאלנער פון זיין ווינטער מאנטל. ער האָט געריבן איין האנט אָן דער אנדערער און האָט געאוויקעט:

— אוי, אַ קעלט . . . נו, אַ קעלט . . .

די אלטע דבורה, וואָס האָט ביז איצט זיך גע'עוסק'ט ביים אויוון, איז אים אנטקעגן געגאנגען און האָט אים געהאָלפן זיך אויסטאָן.

— שטארק קאלט, האַ? — האָט זי געפרעגט מיט מיטגעפיל

— שייך קאלט? אַ ביטערע קעלט! אַ פראָסט, ס'ברענט. אָן עברה, הערסטו, ארויסצולאָזן אַ הונט אויף דער גאס . . . — אזוי האָט ר' שמואל גערעדט אויף גיך און האָט זיך דערווייל געוואָרעמט די הענט ביים פייער. — האסט אפשר אַ גלעזל ווארעמס, אלטע?

נאכדעם ווי זי האָט דערלאנגט איר אלטן אַ גלאָז טיי, האָט דבורה זיך ווידער גענומען פאָרען ביים אויוון. דערנאָך האָט זי ארויסגענומען פונ'ם אלמער פארשידענע געבעקסן און האָט זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש.

— פאַר מיר? — האָט ר' שמואל זיך געוואונדערט.

— טאקע, נו, וואָס נאָך ועסטו אויסטראכטן? — האָט דבורה גוטמוטיק געלאכט. — ס'איז אפשר פאר דיינע ציין, האַ? פאר די קינדערלעך איז דאָס, פארשטייסט? — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ גליקליכן שמייכל.

— פאר די קינדערלעך? — וואונדערט זיך ר' שלמה.

— וואָסזשע, ווייסט ניט, אז אסתר'ל וועט באלד קומען מיט די קינדערלעך אהער?

— וואס איז גאר פלוצים, אין א מיטן מיטוואך?
— זיי גייען דאך היינט באנאכט אין אידישן טעאטער . . .
— דערקלערט אים דבורה.
— אזוי גאר? — מאכט ר׳ שמואל און גלעט זיך די לאנגע, גרויע באָרד. — ווען מיר דאך, הייסט עס, האָבן היינט דעם פריילעכן אויפדערנאכט . . .
— אודאי, אודאי . . . שמייכלט גליקלעך די באָבע דבורה.
— און איך וועל שוין היינט קיין אויג ניט קענען צומאכן . . איז ניט צופרידן דער אלטער.
— וועסט זיך נאך אויסשלאָפן, האָב קיין מורא ניט . . . — באַרואיקט אים דבורה. — דערהערט ער נאר, אז די קינדערלעך קומען, האט ער מורא, ס׳וועט אים צו קליין זיין די שטוב . . . א געטרייער זיידע ביזטו . . . אזא יאָר אויף די שונאים . . . קענסט גיין און זיך לייגן שלאפן. איך וועל אליין אכטונג גיבן אויף זיי . . . האב נאר דו קיין יסורים ניט. וואס דען האסטו געוואלט, זי זאל אפשר איבערלאזן די קינדער בא דער שכנה?
— מ׳גייט ניט אין ערגיץ אז מ׳האט קליינע קינדער . . .
— ענטפערט בייזלעך ר׳ שמואל.
— ביזט אן אלטער גזלן . . . א רוצח ביזטו! — צעשרייט זיך די אלטע דבורה. — דו ווייסט נאר זיך און זיך, און ווייטער גארניט . . .

פונדעסטוועגן, כאטש מ׳האט זיך אביסל צעווערטעלט, האט דבורה גוט געוואוסט, אז דער אלטער אירער איז גארניט אזא גזלן ווי ער מאכט זיך, און אז די קינדערלעך, די אייניקלעך־הייסט עס, האט ער שטארק ליב, און אז ער איז גרייט אפילו זיך מפקיר צו זיין פאר זיי. און באלד נאכדעם ווי זיי האבן זיך אפגעקריגט, איז דער אלטער טאקע ארוים פון שטוב, און איז צוריקגעקומען מיט א גאנצן שאכטל שאקאלאד און א קליין ביקסל, וואס ער האט איינגעהאנדלט פאר׳ן עלטערן אינגעלע. די אלטע, ווידער, האט אויפגעקאכט פרישע טיי פאר׳ן זון מיט דער שנור, און האט צוגעגרייט מילך פאר די קינדער. דערנאך האט ר׳ שמואל זיך צוגעלייגט אביסל אויף דער קאנאפע, אין עסצימער, און די אלטע דבורה האט זיך אוועקגעזעצט ווארטן אויף די ליבע געסט.

ס׳איז אוועק א שעה, און צוויי, און קיינער איז ניט גע־

קומען. ס'איז געווען א פינצטערע נאכט, און קיינער האָט זיך ניט באוויזן. ר' שמואל האָט געדרעמלט, מיט דער ליולקע אין דער האנט, און דבורה האט אומרואיק זיך צוגעהערט צו דער טיר און האָט אלץ געקוקט אויפ'ן זייגער. ס'איז שוין נאָך אכט דער זייגער. די אלטע האָט געוואוסט, אז איצט איז די צייט ווען די קינדער דארפן זיך ארויסלאָזן אין טעאטער. זי איז געוואָרן אומרואיקער פון מינוט צו מינוט, און האָט ניט אויפגעהערט ארויסקוקן דורכ'ן פענצטער. אין דרויסן איז געווען פינצטער און קאַלט, און מענטשן זיינען געלאָפן איילנדיק איבער די גאַסן.

— אפשר זיינען זיי גאָר געבליבן אין דער היים? — האָט דבורה א טראכט געטאָן, — אזא קעלט . . . האָבן זיי זיך אפשר איבערגערעכנט . . .

— און אפשר איז, חלילה, ליבעלע עפּעס ניט געזונט . . . אפשר צוגעקילט זיך . . .

דאָס הארץ האָט ביי איר געקומען אומרואיק קלאַפּן, און די אונטערשטע ליפּ האָט אָנגעהויבן ציטערן.

ר' שמואל האָט זיך דערוויל אויפגעכאפּט. ער האָט אויס־געריבן די אויגן און האָט א פרעג געטאָן:

— נאָך קיינער ניטאָ?

— ניין, — האָט זי געענטפערט מיט א פארשטיקט קול.

— שוין שפּעט?

— נאָך אכט.

— אָט הפּנים זיי זיצן היינט אין דער היים, הא?

— איך ווייס?

— וואָס זשע דען, אין אזא קעלט וועלן זיי זיך שלעפּן מיט די קינדער?

— אפשר איז, חלילה, עמיצער ניט געזונט געוואָרן?

— הא, וואָס זאָגסטו?

ר' שמואל האָט, א דערשראָקענער, זיך געגעבן א זעץ־אויף אויף דער קאנאפּע.

— ווער איז ניט געזונט, הא? ווער, זאָגסטו, איז ניט געזונט? — האָט ער דערשראָקן איבערגעפרעגט.

— ווער זאָגט דען? כ'קלער . . . איך ווייס שוין ניט וואָס איבערצוקלערן.

ר׳ שמואל האָט מיט אַ באַזאָרגטער מינע זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און די אַלטע דבורה האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם שאַל.

— כ׳וועל צולויפן אַ קוק טאָן . . . — האָט זי אויף גיך אַ זאָג געטאָן און האָט געעפנט די טיר.

ר׳ שמואל האָט ניט געהערט אירע לעצטע ווערטער. ערשט ווען זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר אויף יענער זייט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, און האָט דערשראָקן זיך ארומגעקוקט. אָבער באַלד האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויפ׳ןביינקל און האָט געוואַרט.

אין דרויסן האָט געפייפט אַ קאַלטער ווינט, האָט געקלאַפּט מיט די פענצטער, האָט געריסן די לאָדנס.

די אַלטע דבורה איז געלאָפן אָן אַן אָטעם. דער שטאַרקער פראָסט האָט איר געברענט דאָס פנים, און דער ווינט האָט זיך אריינגעריסן אונטער׳ן שאַל און האָט אים צעבלאָזן אזוי ווי צוויי פליגל. זי איז געגאַנגען גיך, ניט אָפּגעשטעלט זיך און ניט געקוקט אויף קיינעם. דער מח אירער האָט געאַרבעט אָן אויפהער, און האָט פאַר איר געמאָלן מורא׳דיקע בילדער.

צום סוף, ווען זי איז שוין צוגעקומען צו דער הויז וואו דער זון מיט דער שנור האָבן געוואוינט, האָט זי שוין קוים געקענט זיך האַלטן אויף די פיס. זי האָט אַ צי־געטאָן דאָס טיר־גלעקל מיט אַלע כחות, אַז די שכנה, וואָס האָט דאָרט געוואוינט אויפ׳ן ערשטן פלאָר, איז אַ דערשראָקענע צוגעלאָפן און האָט געעפנט.

— די קינדער אייערע זיינען דאָך אין דער היים ניטאָ, — האָט די שכנה אַ זאָג געטאָן, נאָך איידער די אַלטע האָט געקענט עפענען דאָס מויל.

— ניטאָ ? — באַ דער אַלטער האָט דאָס האַרץ זיך אַ צאַפּל געטאָן. — וואו זיינען זיי ?

— וואָסשע, איר ווייסט דען ניט ? — האָט די שכנה זיך געוואונדערט. — זיי זיינען דאָך אוועק אין אידישן טעאַטער.

— און די קינדערלעך ? — איז די אַלטע אַלץ מער דער־שראָקן געוואָרן.

— די קינדער האָט זי אוועקגעפירט צו דער שוועסטער, באַ־טאָג נאָך, — האָט די שכנה געענטפערט.

— צו דער שוועסטער ? — וואָס עפּעס צו דער שוועסטער נאָר ? — האָט די אַלטע דערשראָקן איבערגעפרעגט, און איר קול האָט געציטערט פון טרערן.

— איך האָב זיך טאַקע אויך גע'חידוש'ט, — האָט געזאָגט די שכנה. — האָט זי מיר געזאָגט, די שנור אייערע, אַז זי האָט אייך ניט געוואָלט באַמיען . . . עלטערע מענטשן . . . וואָלט זיך געדאַרפט פּלאָגן מיט די קינדער ביז האַלבע נאַכט . . .

— אַזוי האָט זי געזאָגט ?

— וואָסזשע, איך וועל עפּעס גיין אויסטראַכטן פון קאָפּ ?

— און דער זון מיינער ?

— איך האָב איהם היינט אין די אויגן ניט געזען. זיי האָבן דאָך סאַפּער אויך געגעסן דאָרט, ביי איר שוועסטער . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די אַלטע דבורה האָט קוים געפונען דעם וועג צוריק אַהיים.

מיט מידע, אונטערגעהאַקטע פיס, האָט זי אַ פאַל געטאָן אויף אַ ביינקל און האָט אַרויסגעלאָזן אַ קרעכץ ווי פון אַ פאַרוואונדעטן.

ר' שמואל איז צוגעלאָפן צו איר אַ דערשראָקענער.

— וואָס איז, הא ? — האָט ער זי געריסן ביים אַקסל.

די אַלטע האָט געכליפּעט.

— ווער איז דאָרט קראַנק, הא ? — האָט ר' שמואל נאָכאַנאַנד זי געפרעגט, און דאָס האַרץ איז אים שיער ניט אַרויסגעפאַלן פון שרעק.

— קיינער איז ניט קראַנק, קיינער ניט ! — האָט די אַלטע מיט טרערן געכליפּעט.

—וואָסזשע דען וויינסטו ?

— איבעריקע זיינען מיר אויף דער וועלט . . . — האָט די אַלטע זיך צעוויינט אויפ'ן קול. — קיינער דאַרף אונז מער ניט האָבן . . . קיינער ניט.

— אידענע, רעד ווערטער ! — איז ר' שמואל געוואָרן בייז. זאָג, וואָס איז דאָרטן ? וואָס קלאָגסטו ?

— הערסט דאָך . . . די שנור אונדזערע . . . מיט אַמאָל

געוואָרן אונדז געטריי . . . ניט געוואָלט שווער מאַכן טאַטע־מאַמע . . . מורא געהאַט צוצוטיילן זיי אביסל תענוג . . . האָט זי געכאַפּט און אוועקגעפירט די קינדער צו דער שוועסטער . . .

— אָט דאָס גאָר ? — האָט דער אַלטער געעפנט אַ פּאָר אויגן. — אָט דערפאַר דאַרף מען אַזוי כליפּען ?

— און דער זון, דער געטרייער, — האָט די אַלטע מאַמע ווי־דער געערדט מיט ווייטיק, — האָט מורא געהאַט, די מאַמע וועט בדלות ווערן פון זיין וועטשערע . . . איז ער אַוועק צו דער שווע-גערין, איז ער אַוועק . . .

— איז וואָסזשע דאַרפסטו וויינען, נאַרעלע ? — זאָגט ר' שמואל מיט אַ געמאַכטן געלעכטער. — אדרבא — שמייכלט ער, — הלוואי טוען זיי אַלעמאָל אַזאַ חכמה . . . האָסטו געהערט . . . וועט טאַקע אַלעמאָל זיין שטיל אין שטוב . . .

— רוצח, וואַלד גזלן וואָס דו ביזט ! — האָט די אַלטע זיך צעשריען און אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן ברענען. — ביזט דען בעסער פאַר'ן זון ? דו פילסט דען עפּעס ? דיך אַרט דען עפּעס ? די טוט דען עפּעס וויי ?

און זי האָט אויפ'ס ניי זיך צעיאָמערט אויפ'ן קול.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

יענע נאַכט איז ביי די אַלטיטשקע אין שטיבל שוין גאָרניט שטיל געווען. די אַלטע דבורה האָט אַ צייט לאַנג זיך געוואָרפן אויפ'ן בעט און האָט מורא'דיק געקרעכצט, און דער אַלטער ר' שמואל האָט ניט אויפגעהערט אַרויסצובלאָזן גרויסע קנוילן רויך פון זיין ליולקע. אַ באַליידיקטער, ביז טיף אין דער נשמה, האָט ער מיט פאַרגאָסענע אויגן פון טרערן אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענצטער אין דער פינצטערער נאַכט.

# דאָס ביכל מיט די רויטע טאָוולן

## א.

— מאַמע, האָסט ניט געזען מיין ביכל ?

— וואָסער ביכל ?

— דאָס ביכל מיט די רויטע טאָוולען.

— ניט געזען.

— כ׳האָב עס געהאַלטן היינט אינדערפרי.

— וואו האָסטו עס געהאַלטן ? ?

— אָט דאָ, אין זאַל. כ׳האָב עס געלאָזט אויפ׳ן טישל.

— זוך, מסתמא איז עס ערגיץ אַראָפּגעפאַלן.

— שוין געזוכט, מאַמע.

— זוך ווידער.

אַלמאַ האָט געפאָלגט און האָט ווידער געזוכט. זי האָט געזוכט אויפ׳ן טיש, אונטער׳ן טיש. אויף דער קאַנאַפּע, און אונטער די זיידענע קישעלעך וואָס זיינען געלעגן אין די ווינקלען. אומזיסט. דאָס ביכל מיט די רויטע טאָוולן איז פאַרשוואונדן.

אַלמאַ האָט זיך שטאַרק געערגערט. דאָס ביכל איז ניט אירס. זי האָט עס געקראָגן ביי בערטען בלויז אויף אַ פּאָר טעג. אָבער דאָס ביכל איז ניט געווען בערטע׳ס אויך. בערטע האָט עס געקראָגן פון אירן אַ פריינט, אַ יונגן סטודענט. קען זיין אַז ס׳איז ניט זיינס אויך.

אַלמאַ איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב. האָט געזוכט אין אַלע ווינקלען. האָט זיך געטשעפּעט צו דער שווארצער מיידל, אַז זי האָט עס אַרויסגעוואָרפן מיט׳ן מיסט. די מיידל האָט אויף איר געקוקט מיט גרויסע שוואַרצאַפּלען, וואָס זיינען אַרומגעשוואומען אין צוויי ווייסע שיסעלעך, און האָט זיך געשוואָרן, אַז זי האָט דאָס ביכל אין די אויגן ניט געזען.

אַלמאַ איז געווען אַזוי פאַרצווייפעלט, אַז זי האָט ניט געוואָלט גיין צום טיש עסן. זי איז אַוועק גלייך צו זיך אין צימער און האָט זיך גענומען צוגרייטן אירע לעקציעס פאַר מאָרגן.

## ב.

די מאַמע האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אינדערפרי, צווישן צען און צוועלף דעם זייגער, האָט אין הויז זיך געדרייט אַ פרעמ־דער מענטש.

דער פרעמדער איז געווען אַן עלטערער מענטש, מיט אַ גרוי־סער באָרד און מיט ברילן אויף דער נאָז. ס'איז געווען צו זען אויף זיין פּנים, אַז ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש. געקומען איז ער צורעכט מאַכן די פענצטער אין הויז.

האָט די מאַמע זיך ניט אומגעקוקט אויף אים, האָט אים געלאָזט גיין איבער אַלע צימערן, אַליין פּרוּאוון יעדער פענצטער באַזונדער. זי איז געווען זיכער, אַז דער דאָזיקער מענטש, וועדליק זי האָט געקענט שאַצן פון זיין אויסזען, איז ניט נאָר אַן אָרנטלעכער מענטש, נאָר אַז ער איז אַ גוטער בעל־מלאכה אויך. און ער וועט שוין, האָט זי געטראַכט, אַליין וויסן וואָס ער האָט צו טאָן.

האָט זי זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף אים.

די מאַמע האָט זיך ניט אָפּגענאַרט. דער דאָזיקער מענטש איז טאַקע געווען אַן אָרנטלעכער, און אַ גוטער בעל־מלאכה דערצו. ער האָט געקענט אי פאַרריכטן אַלטע פענצטער, אי מאַכן נייע. און זיין אַרבעט האָט ער אַלע מאָל געטאָן אויף אַן אָרנטלעכן אופן. נאָר דאָ אין הויז, גלייך ווי זיין אויג איז געפאַלן אויף'ן ביכל מיט די רויטע טאָוולן, איז אין דעם מענטשן פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג.

די ענדערונג איז, פאַרשטייט זיך, געקומען ניט מיט אַמאָל. אָבער דער אָרנטלעכער מענטש און גוטער בעל מלאכה האָט גלייך, באַם ערשטן בליק אויף דעם דאָזיקן ביכל מיט די רויטע טאָוולן דערפילט, אַז ער שטייט פאַר אַ גרויסן נסיון.

דער דאָזיקער מענטש, דאַכט זיך, אַז מ'האָט אים גערופן זעליק, איז געווען, ווי מ'האָט עס געקענט זען אויף זיין פּנים, אַ זייער פּראָסטער מענטש. ניט אַלמאַ, אפילו ווען זי וואָלט אים געזען אין שטוב, און ניט איר מאַמען וואָלט איינגעפאַלן צו

פאַרפירן מיט אים אַ שמועס וועגן זאַכן, וואָס האָבן צו טאָן ניט מיט זיין אַרבעט — פאַרריכטן'פּענצטער און אריינשטעלן שויבן. און ניט חלילה דערפאַר, ווייל אַלמאַ איז געווען שלעכט דער־צוינגן און ס'איז איר ניט אָנגעשטאַנען צו רעדן מיט אַ פּראָסטן בעל־מלאכה, נאָר דערפאַר ווייל זי וואָלט זיך ניט געקענט פאָר־שטעלן, אַז דער דאָזיקער מענטש פאַרשטייט עפּעס אַ חוץ זיין אַרבעט. דאָס זעלביקע האָט מסתמא אויך געטראַכט די מאַמע.

און וואָס אמת איז אמת. זעליק איז טאַקע געווען אַ גאַנץ פּשוט'ער מענטש. ניט געלערנט. און דאָס ביכל מיט די רויטע טאָוולן איז אודאי געווען פאַר אים אַ פאַרשלאָסענע זאַך. ער האָט אין ביכל קיין איין שורה ניט געקענט איבערלייענען, קיין אות ניט געקענט פאַרשטיין. אָבער דאָס ביכל איז געווען זייער שיין. די רויטע טאָוולן האָבן אים צוגעצויגן פון דער ווייטנס. ער האָט געקוקט אויף דעם מיט גלוסטיקע אויגן. די אויגן האָבן אין דער מינוט זיך פאַרצויגן מיט אַ דין הייטל פון טרערן, און זעליק איז אַפילו געוואָרן בייז אויף זיך: אַלטער נאַר, וואָס האָסטו דאָרט דערזען אַזוינס?

נאָר אַ מאָדנע זאַך: זינט ער האָט דאָס דאָזיקע ביכל דער־זען, האָט זיך די אַרבעט אָפּגעטאָן פון זיינע הענט. די הענט זיי־נען אים געוואָרן שווער אַזוי ווי קלעצער. די קני האָבן זיך געבויגן און דער קאָפּ האָט זיך אַלץ געדרייט אויף צוריק, צום טיש וואו דאָס ביכל מיט די רויטע טאָוולן איז געלעגן. נאָר איין קוק טאָן. נאָר איין גלעט טאָן די רויטע טאָוולן.

## ג.

אין דער היים, אין דעם קליינעם, ליכטיקן שטיבל, זיצט זיין אייניקל חוה'לע. אַ קינד — אַ מלאך. מיט בלויע אויגן און דינע ליפּן. חוה'לע איז בלאַס, אָבער איר בלאַסקייט איז זיס. זי איז אַ וואוילקענענדיקע, אַ באַלעזונגע. זי לערנט זיך גוט. זעליק פילט, אַז דאָס וואָס זיין טאַטע האָט אים ניט געלערנט, דאָס דאַרף זיין אייניקל, חוה'לע, קענען און וויסן. דערצו נאָך, אַז חוה'לע איז אַ יתומה, אָן טאַטע־מאַמע. ווער־זשע וועט אויף איר אכטונג גיבן אַז ניט ער?

אנומעלטן, דערמאָנט זיך זעליק, האָט חוה'לע אים פאַר־

געליִיענט אַ מעשה פון אַ ביכל אַרויס. ער איז געווען מיד און שלעפעריק. ער האָט דעם גאַנצן טאָג שווער געאַרבעט. איז ער נאָכ'ן עסן אײַנגעשלאָפן ווי אַ קלאָץ אויפ'ן האַרטן באַנק־בעטל. נאָר חוה'לע איז געווען זייער צעשטראָלט יענעם אויפדערנאַכט. האָט זי זיך אײַנגעזעצט לעבן זיידן, האָט אים געגלעט די גרויע האָר פון קאָפּ און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— ווילסט, זיידע, הערן אַ שיינע מעשה?

זעליק איז טאַקע געווען מיד. די אויגן זײַנען געווען שווער. ער האָט זיי קוים געהאַלטן אָפן. נאָר ווי זאָגט מען אָפּ אַזאַ גאָלדן קינד? האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כח, האָט אויפגעריסן די אויגן, און האָט געזאָגט:

— אודאי, מײַן קינד, וויל איך הערן, לייען.

האָט חוה'לע געליִיענט. צום אָנהויב האָט דער אַלטער זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט וואָס איז אַזוי שיין אַרויסגעקומען פון חוה'לעס מויל. דערנאָך אָבער האָט ער פאַרלאָרן דעם פאָדעם. ער האָט שוין געקוקט אויף חוה'לעס פּנים, אויף אירע אויגן, וואָס זײַנען געווען אַראָנטערגעלאָזט צום ביכל, און ער האָט זיך דערמאָנט די מאַמע אירע, וואָס איז אַזוי יונג געשטאָרבן. — — — — — —

דערנאָך האָט דער שלאָף גובר געווען. די אויגן האָבן אַליין זיך צוגעמאַכט און די ברוסט זײַנע האָט זיך שווער געהויבן אַרויף און אַראָפּ.

— זיידע, דו הערסט?

האָט זעליק זיך געגעבן אַ וואָרף ווי מ'וואָלט אים געכאַפּט בײַ אַ גנבה. האָט געגעבן אַ רײַס אויף די אויגן און — —

— האַ, וואָס? אודאי הער איך. לייען, לייען.

## ד.

איצט האָט זעליק זיך דערמאָנט יענעם אויפדערנאַכט. אַ סך אַזעלכע אויפדערנאַכטן זײַנען ניט געווען. שיינע ביכלעך, האָט זעליק געטראַכט, זײַנען ניטאָ קיין סך אויף דער וועלט. שיינע ביכלעך קאָסטן געלט, און זעליק האָט קוים פאַרדינט אויף דעם נויטיקסטן.

זעליק האָט געקוקט אויף דעם רויטן ביכל און האָט געטראַכט: אָט דאָס ביכל מיט די רויטע טאָוולען דאַרף אודאי זײַן אַ

וואויל ביכל. אין אזא שיין ביכל דארף אודאי זיין א וואונדער־לעכע מעשה. אפשר וועגן א בת־מלכה און א בן־מלך. חוה׳לע זאָגט אפילו, אז זי איז שוין צו גרויס פאר אזעלכע מעשיות, נאָר פון זיינעט וועגן, פאר׳ן זיידן, וואָלט זי עס אודאי געלייענט אין דער הויך, פאר׳ן שלאָף. זי וואָלט אפשר אליין אויך הנאה געהאט.

ער האָט געמאכט א פאָר טריט נעענטער צום טישל, וואו ס׳איז געלעגן דאָס ביכל מיט די רויטע טאָוולן.

ער וועט עס נאָר באטראכטן פון דער נאָענט. ער וועט עס נאָר אָנרירן מיט די הענט. ס׳מוז אודאי זיין גלאַט ווי זייד.

ער האָט גענומען רייבן די הענט אָן די הויזן, וואָס האָבן גע־גלאַנצט פון אַלטקייט. דערנאָך, אז די הענט זיינען שוין געווען ריין, האָט ער צוגעטראָגן א ציטערדיקן פינגער צום ביכל.

דאָס ביכל איז געלעגן שטיל. האָט זיך ארויסגערויטלט פון דעם טונקלקייט פון צימער. ס׳האָט זיך געלאָזט אָנרירן, גלעטן.

ס׳מוז אודאי זיין א וואונדערלעך־שיינע מעשה אין דעם ביכל, האָט זעליק געטראַכט. ער האָט זיך ארומגעקוקט, אזוי ווי ער וואָלט מורא געהאט אז מ׳זאָל אים ניט כאפן בא א מיאוס׳ער זאך. די ברוסט זיינע האָט זיך געהויבן שווער, אראָפּ און ארויף, אזוי ווי יענעם אָוונט ווען חוה׳לע האָט אים פאָרגעלייענט די מעשה פונ׳ם ביכל. ס׳האָט אים געדויערט א היבשע צייט איידער ער האָט בא זיך באשלאָסן צו עפענען דעם אויבערשטן טאָוול. אויפ׳ן ערשטן בלעטל איז געווען א בילד פון א מיידל. זי איז געשטאַנען צווישן בלומען און האָט געשמייכלט. זי האָט געשמייכלט אזוי ליב ווי־חוה׳לע. ער וואָלט געקענט שווערן, אז זי איז אפילו אביסל ענלעך צו זיין חוה׳לע.

זיינע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט טרערן. ווען ער וואָלט געקענט דאָס ביכל ברענגען אַהיים, צו חוה׳לען. זי וואָלט געווען גליקלעך. זי וואָלט אים געקושט און געהאלזט. „ביזט א טייע־רער זיידעניו,” וואָלט זי געזאָגט. ס׳מוז אודאי זיין א שיינע געשיכטע אין דעם ביכל.

ער האָט א מיש געטאָן דאָס צווייטע און דאָס דריטע בלעטל. גרויסע, ליכטיקע אותיות, נאָר פרעמדע, אומפארשטענדלעכע. די אותיות האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין שטיק. ער האָט קוים געקענט אָפּטיילן איין שורה פון דער אנדערער. דערפאר זיינען

געוועזן קלאָר די בילדער. אזעלכע שיינע, קאָלירנדיקע, אזוי ווי לעבעדיק.

א שוויים האָט אים באַשלאָגן. א ציטער האָט אים ארומ־געכאַפּט. די האַנט האָט זיך געהויבן ווי אַן זיין וויסן. דאָס ביכל מיט די רויטע טאָוולן איז פארשוואונדן אין זיין בוזים.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

## ח.

דעם גאַנצן אוונט האָט אַלמאַ זיך ניט געקענט בארואיקן און האָט ניט אויפגעהערט זוכן דאָס ביכל מיט די רויטע טאָוולן.

— ס'איז ניט מיינס — האָט זי גע'טענה'ט צו דער מוטער — כ'האָב עס גענומען ביי בערטע'ן. איך דאַרף עס איר מאָרגן צוריקגעבן.

די מאַמע האָט גאָר ניט געקענט העלפן. זי האָט נאָר גע־טראַכט: ווער האָט עס פּאַרט געקענט צונעמען פון שטוב?

דעם זעלביקן אָוונט איז דער אַלטער זעליק געלעגן אויף זיין בעטל און האָט שווער געקרעכצט. חוה'לע איז געזעסן לעבן אים, האָט געבלעטערט דאָס ביכל מיט די רויטע טאָוולן און האָט עס צום סוף אראָפּגעלאָזט מיט א זיפץ צו זיך אויפ'ן שויס.

— אַז ס'איז פראַנצויז — האָט זי זיך פארענטפערט פאר'ן זיידן — ווי קען איך דאָס לייענען?

צום אָנהויב האָט זעליק ניט געקענט פארשטיין: וואָס הייסט פראַנצויז? און אַז פראַנצויז איז וואָס? ס'איז דאָך פּאָרט אַזאַ שיין ביכל, מיט אַזעלכע שיינע, קאָלירנדיקע בילדער . . .

דערנאָך, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו פארשטיין, האָט א שווע־רער וויטיק גענומען דריקן זיין האַרץ:

— פאַר'מיאוס'ט זיך פאַר גאָט. גע'גנב'עט, און פרעג צו וואָס? . . .

# די לויה פון בער בערינגטאָן

## א.

דאקטאר וואלף גערטנער איז געשטאנען פאר'ן שפיגל און האָט מיט גרויס פאָרזיכט זיך אויסגעבונדן דעם שווארצן שניפּס איבער'ן ווייסן העמד.

זיין פּנים איז געווען מאט-בלאס און פריש אָפּגעגאָלט. די אויגן, קליינע, אומרואיקע, זיינען אים געזעסן טיף אין קאָפּ. די האָר, בא די שלייפן, זיינען שוין געווען גרוי, און דאָס האָט צו־געגעבן זיין פּנים א וויכטיקן אויסזען.

דר. גערטנער האָט אלעמאָל ליב געהאט זיך אָנצוטאָן פּינקט־לעך. ער האָט געוואוסט, אז צוו זיין פּראָפעסיע פּאסט, אז ער זאָל אלעמאָל זיין ריין אָנגעטאָן, כדי ער זאָל זיך קאָנען ווייזן צווישן מענטשן און ניט פארשעמט ווערן. היינט האָט ער זיך אָנגעטאָן נאָך מיט מער פּינקטלעכקייט.

ער האָט געכאפּט א קוק אויפ'ן גאָלדענעם זייגערל, וואָס איז געלעגן אויף זיין טיש. האלב נאָך צען.

לעבן דעם זייגערל איז געלעגן דאָס ווייסע קארטל, ארומגע־זוימט מיט א שווארצן פּאסיקל, און האָט דערמאָנט: די לויה וועט זיין עלף-דרייסיק שארף, פון דעם פארשטאָרבענעם'ס הויז.

דער וועג אהין וועט אודאי געדויער'ן ארום א האלבע שעה צייט. האָט ער נאָך, הייסט עס, צייט אויפצועסן א פּאָר פרישע אייער און אויסטרינקן א טעפּל שווארצע קאווע. דר. גערטנער ווייסט ווי אָפּצוהיטן דאָס געזונט. ער דערלאָזט קיינמאָל ניט, אז דאָס הארץ זאָל אים, חלילה, איבערקלעמען.

פון עסצימער האָט דער ריח פון פרישער קאווע זיך דערטראָגן צו זיין נאָז, אָבער באם ארונטערגיין די טרעפּ האָט ער שוין גע־טראכט ניט פון דער קאווע, נאָר פון דער רעדע וואָס ער וועט האלטן.

בער בערינגטאָן איז געווען אַ חשוב'ער איד אין דער „קאמיוניטי." ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן און האָט זיך באַטייליקט אין אסך קהל'שע ארבעטן. עס וועט זיין אַ גרויסע לויה. אנגעזעענע מענטשן וועלן דאָרט זיין. מ'דארף וויסן ווי אזוי זיך צו האַלטן . . . מ'דארף וויסן וואָס צו רעדן, ווי אזוי צו רעדן . . .

ער וועט זיך ניט דרייען צווישן עולם; ניט וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן. ס'פּאסט ניט פאר זיין שטאנד. אַ הויכער, אַ בלאַסער, מיט די טונקעלע ברילן אויף דער נאָז, וועט ער שטיין בא דער זייט, ניט ווייט פון ארון. מענטשן וועלן קוקן אויף אים, וועלן באַוואונדערן זיין אינטעליגענטן אויסזען, וועלן שטי־לערהייט זיך איבעררײדן וועגן אים . . .

זיין רעדע וועט ער אָנהויבן שטיל, לאַנגזאַם, מיט'ן קאָפּ געבויגן איבער'ן ארון, מיט די אויגן ארונטערגעלאָזט צום דיל. ער וועט מאַכן זיין שטימע ווייך, טרייסטנדיק, זאָל גלעטן ווי אַ סאמעט. די אלמנה מיט'ן שווארצן שלייער איבער'ן פּנים, וועט אודאי צופאלן צו זיין האַנט און וועט זיך צעכליפּן אויפ'ן קול. דאָס וואָלט געווען זייער אַן אינטערעסאנטער עפעקט . . .

דאקטאר וואָלף גערטנער האָט פאוואָלינקע געזופּט די שווארצע קאווע און האָט געפילט ווי זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. אזוי גערירט איז ער געוואָרן פון זיך אַליין און פון דעם שטאַרקן איינדרוק וואָס ער וועט אודאי מאַכן מיט זיין האַלטן זיך ביי דער לויה.

ער האָט ארומגעווישט די ליפּן און דאָס מויל מיט אַ ברעג פון טישטעכל און האָט אָנגעטאָן דעם לייכטן מאַנטל.

שוין ביי דער טיר שטייענדיק האָט דר. גערטנער זיך דער־מאָנט:

— אַ טיכל . . . פארגעסן מיטצונעמען . . . — האָט ער זיך געווענדט צום ווייב.

מאַדאַם גערטנער האָט, אַ שטילשווייגנדיקע, געעפנט אַ שופלאָד און האָט פון דאָרט ארויסגעקראָגן אַ קלאָר־ווייס טיכל.

— ניט דאָס . . . ניט דאָס ! — איז וואָלף גערטנער מיט אַמאָל געוואָרן נערוועז. — איך גיי צו אַ לויה, ניט צו אַ טאַנץ . . .

מאַדאַם גערטנער האָט שטילערהייט צוגענומען דאָס טיכל

און האָט אים דערלאַנגט אַן אַנדערס — אויך אַ ווייס, נאָר אַרומ־געזוימט מיט שוואַרץ באַם בּרעג.

— פאַרשטייסט, — האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב, — מ׳דאַרף וויסן ווי צו האַלטן זיך צווישן מענטשן . . .

## ב.

דעם גאַנצן וועג האָט דר. וואָלף גערטנער ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דער רעדע וואָס ער וועט אודאי דאַרפן האַלטן ביים אָפענעם אָרון.

ער האָט אָנגעהויבן איבערמישן אין קאָפּ אַלע מעלות און אַלע פאַרדינסטן וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט געהאַט. קיין סך מעלות האָט ער ניט געפונען. בער בערינגטאָן האָט געפירט גרויסע געשעפטן, אָבער אַליין איז ער געווען אַ קליין מענטשל מיט אַ גרויסן אַפּעטיט פאַר כבוד. ער האָט אָפטמאָל געגעבן גרויסע סומען געלט, אָבער ער האָט ניט געהאַלטן פון „מתן בסתר.״ ווען וואָלף גערטנער וואָלט געדאַרפט אויסרעכענען די חסרונות פון דעם דאָזיקן בער בערינגטאָן, אַנשטאַט זיינע מעלות, וואָלט עס אים אודאי אָנגעקומען אַסך גרינגער.

אָבער וועגן חסרונות רעדט מען ניט באַ אַ לויה. עס וועלן דאָרט זיין אַסך אַזעלכע מענטשן ווי בער בערינגטאָן איז געווען, און ווען ער וואָלט גערעדט וועגן חסרונות, וואָלטן די לעבעדיקע פאַראיבל געהאַט. זיי וואָלטן זיך אַליין דערקענט.

מ׳דאַרף וויסן ווי צו האַלטן זיך באַ אַזאַ לויה. מ׳דאַרף וויסן וואָס צו רעדן, ווי אַזוי צו רעדן . . .

ווען ער איז צוגעקומען צו דער הויז פון דער לויה, איז אים מיט אַמאָל גרינג געוואָרן אויפ׳ן האַרצן. ער וועט שוין, נשקשה, צוטראַכטן עטלעכע גלאַטע ווערטער . . . זיי וועלן שוין אַליין אים קומען אויף דער צונג.

די ברייטע טיר איז געשטאַנען אָפן, מענטשן זיינען געגאַנגען אַריין און אַרויס און קיינער האָט זיך אויף זיי ניט אומ־געקוקט. וואָלף גערטנער האָט עדרפילט אַ שווערע לופט. אודאי, האָט ער געטראַכט, פון די וואַקסענע ליכט וואָס האָבן געברענט ביים מת צוקאָפּנס. די מענטשן זיינען אומגעגאַנגען שטיל, אַזוי ווי אויף שפּיץ פינגער, און דער קלאַנג פון זייערע טריט האָט

זיך ארײַנגעזאַפּט אין דעם פּליושענעם טעפּיך, וואָס האָט באַדעקט דעם דיל.

בײַם קאַמין, אויף א נידריקן ווינגשטול, איז געזעסן די אלמנה. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן קלייד, גרייט צו דער לויה. זי האָט ניט געוויינט, נאָר אויף איר פּנים איז געווען פאַרגליווערט אַ פאַרלוירנקייט, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט שרעק. זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָנטערגעלאָזט, און ס'האָט געשיינט, אַז זי וועט קיינעם ניט פון די וואָס דרייען זיך אַרום איר. דר. גערטנער איז צוגעקומען נאָענט צו איר און האָט זיך אביסל פארבויגן. זי האָט אים געענטפערט מיט אַ שוואַכן שאָקל פון'ם קאָפּ.

די מינוטן האָבן זיך געצויגן. ס'איז שוין געווען עלף־דרייסיק, און מ'האָט נאָך ניט אָנגעהויבן טראַכטן פון דער לויה. אויף מעצין האָט מען געוואַרט. מסתמא אויף אַ חשוב'ן מיטגליד פון דער משפּחה.

דר. וואלף גערטנער האָט זיך דערפילט שווער און אומבאַ־קוועם. ער האָט געוואָלט די צערעמאָניע זאָל שוין וואָס גיכער זיך ענדיקן, און ער זאָל קענען אַרויס פון דער פאַרשטיקטער לופט.

ער האָט נערוועז געקוקט אַרום זיך. ער האָט לייכט אַ שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ צו אַ באַקאַנטער דאַמע, וואָס איז געשטאַנען בײַם שפּיגל, אָבער די דאַמע האָט, ווייזט אויס, זײַן שאָקל ניט באַמערקט און האָט אויף זײַן באַגריסונג ניט געענטפערט. דר. גערטנער האָט זיך דערפילט נאָך מער אומבאַקוועם. די ברייטע טיר, וואָס איז געשטאַנען אָפן צו דער גאַס, האָט אים אַ ציִ געטאָן צום דרויסן, און ער איז מיט שטילע טריט אַרויסגעגאַנגען.

ביז די צערעמאָניע וועט זיך אָנהויבן, האָט ער געטראַכט, קען ער דאָך זײַן אויף דער פרישער לופט.

## ג.

אינדרויסן, פאַר דער טיר, און צעשפּרייט איבער'ן טראַטואַר, זײַנען געווען מער מענטשן ווי אינעווייניק, אין הויז.

עס זײַנען געווען היימישע און פרעמדע. מענטשן וואָס זײַנען געווען געשיקט פון חברה'ס, און מענטשן וואָס זײַנען געווען גע־שיקט אַלס פאַרטרעטער פון פאַרשידענע געשעפטסהייזער, מיט וועלכע בער בערינגטאָן האָט געפירט מסחרים. אַלע זײַנען געקו־מען, אָדער געשיקט געוואָרן, אָפּצוגיבן כבוד דעם פאַרשטאָרבענעם.

אינדרויסן האָט דער עולם זיך געפּילט פרייער. דער טויט איז ניט געווען פאַר די אויגן.

האָט מען גערעדט צווישן זיך, און אפילו געשפּאַסט. באַקאַנטע, וואָס האָבן שוין לאַנג ניט געהאַט זיך געזען, האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, זיך דערפרייט און זיך דורכגערעדט.

דר. וואָלף גערטנער האָט זיך אַרומגעקוקט. די מענטשן זיינען אים געווען אומבאַקאַנט. פון ווייטנס האָט ער באַמערקט דעם פּרעזידענט פון אַ פאַראיין, האָט ער צו אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איינמאָל האָט ער דאָרט געלייענט אַ לעקציע . . . מ'דאַרף זיך האַלטן פּריינטלעך . . . אפשר אַ צווייטע לעקציע . . . ער האָט געוואַנדערט מיט די אויגן איבער'ן עולם, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט, וואָס טוען דאָ אַזוי פיל מענטשן, און צו וואָס איז ער אַליין אַהער געקומען . . .

איבער'ן וועג, צווישן אַ צאָל ווייבער, וואָס האָבן אודאי אויס נייגעריקייט אויך געוואַרט אויף דער לויה פון בער בערינגטאָן, האָט ער פלוצים דערזען אַ מיידל, אַ יונגע, אַ הויכע.

זי איז געווען היימיש אָנגעטאָן, אָן אַ הוט אויפ'ן קאָפּ, און מיט אַ רויטן סוועטער, וואָס האָט ענג אַרומגענומען איר שלאַנקע פיגור.

זי מוז אודאי וואוינען אויף דער זעלביקער גאַס, האָט דאַקטאַר וואָלף גערטנער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט פונווייטנס געקוקט אויף איר.

זי איז געווען הויך און שלאַנק, אַ דינע פיגור מיט פיינע ליניעס. זי האָט געקוקט אַרום זיך מיט גרויסע, באַוועגלעכע אויגן, און דערביי האָט זי עפּיס שטיל דערציילט דער ווייבל, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר.

אפשר איז זי גראַד פאַרבייגעגאַנגען און איז דאָ שטיין־געבליבן צו זען די לויה, האָט דר. גערטנער געטראַכט.

ער האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר. דאָס העל־געבלימטע קליידל איר'ס, וואָס האָט קוים דערגרייכט ביז די קני, און וואָס דער ווינט האָט זיך שטיפעריש געשפּילט מיט דעם, האָט אים גערייצט און געמאַניעט. זי האָט אַזוי ווי אַרויסגעשמאַלט פון צווישן די אַלטע ווייבער, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען.

דינע, שלאנקע פיס, האָט ער געטראַכט, אַזוי ווי ביי אַ טענ־צערין.

אַזעלכע פיגורן, האָט ער ווייטער געטראַכט, זיינען ווי געשאַפן פאַר אַ מאָדעל פאַר אַ סקולפּטור . . .

די פיין־געשניצטע גלידער האָבן זיך דייטלעך געזען פון איר דינעם קליידל און פון דעם ענג־געפּאַסטן סוועטער. דר. וואָלף גערטנער האָט מיט אַמאָל דערפילט אַ באַגער צו שטיין דאָ וואָס לענגער, און מעג די לויה אַפילו קיינמאָל זיך ניט אָנהויבן.

אָבער מיט אַמאָל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער קוקט אויף דער דאָזיקער מיידל שוין אַביסל צו לאַנג. מענטשן קענען דאָס באַמערקן . . . ס'וואָלט געווען זייער ניט שיין . . . מ'דאַרף וויסן ווי צו האַלטן זיך צווישן מענטשן . . .

ער האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ אויף דער אַנדערער זייט און האָט לאַנגזאַם זיך דורכגעשפּאַצירט איבער דער לענג פון דער גאַס.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט זיין קאָפּ, אַזוי ווי פון זיך אַליין, זיך צוריק אויסגעדרייט צו דער זייט וואו דאָס שלאַנקע מיידל איז געשטאַנען.

זי איז געווען באַוועגלעך. זי האָט מיט עמיצן גערעדט. דער־ביי האָט זי עפּעס גיך געקייט מיט'ן מויל. ער איז ניט געווען זיכער צי זי האָט טאַקע עפּעס געקייט. ס'קען זיין, אַז ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, מחמת זי האָט גערעדט זייער גיך.

זי וואוינט זיכער ערגיץ דאָ אַרום, איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק.

אייגנטלעך, האָט ער געטראַכט, איז דאָך אים אַלצאיינס וואו זי וואוינט. זי קוקט אויס צו זיין זייער פּשוט. איינער פון פאָלק. אָבער זיינע אויגן זיינען געבליבן אַזוי ווי צוגעקלעפּט צו איר.

דר. וואָלף גערטנער איז געווען ברוגז אויף זיך אַליין. וואָס האָט ער פּלוצים זיך פאַרטראַכט וועגן אַ מיידל!

ער, דער חשוב'ער דאָקטאָר . . . אַזוי אָנגעזען אין דער געזעלשאַפט . . .

די האָר אויף זיין קאָפּ הויבן שוין אָן צו גרויען. די מיטעלע יאָרן זיינען שוין קענטיק אויף אים.

און אַהער איז ער דאָך געקומען צו אַ לויה . . . ער וועט דאָך באַלד דאַרפן האַלטן אַ רעדע.

און מיט אמאָל — אַ מיידל גאָר . . . פע. ניט שיין.

גוט וואָס ער האָט זיך דערמאָנט. ער ווייסט נאָך אַלץ ניט ווי אַזוי ער וועט אָנהויבן.

דר. גערטנער האָט זיך אַליין אויסגעזידלט. מ'דאַרף ערנסט אַ טראַכט טאָן וועגן דער רעדע.

ער איז געבליבן שטיין און האָט מיט דער האַנט אַ רייב געטאָן דעם שטערן:

„דער פאַרשטאָרבענער איז געווען . . .״

ער האָט אָנגעכאַפּט דעם פאָדים און האָט אים שוין ניט אָפּ־געלאָזט. עס וועט שוין גיין.

עמיצער האָט זיך אַ רייב געטאָן ביי זיין זייט. ער איז גע־בליבן שטיין און האָט זיך אַרומגעקוקט.

דאָס שלאַנקע, שמייכלענדיקע מיידל, מיט'ן העלן קליידל און מיט דעם ענגן סוועטער, איז געשטאַנען לעבן אים.

ווי קומט ער צו זיין לעבן איר? ער ווייסט גאָר ניט ווי אַזוי ער איז אַריבער די גאַס.

— אַנטשולדיקט . . . — האָט ער אויסגערופן אביסל דער־שראָקן און האָט זיך אָפּגערוקט פון איר.

זי האָט אים אַנטקעגן־געטראָגן אַ שמייכלענדיק פּנים, האָט אים באַוויזן אירע שטאַרק אָנגערויטלטע ליפּן און צוויי שורות יונגע, ווייסע ציין.

אַ וואַרעמקייט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. ער האָט זי שיער ניט אָנגערירט מיט דער האַנט.

— ווער איז דאָ געשטאָרבן?? — האָט זי געפרעגט. איר קול איז געווען העל און קלינגנדיק.

ער האָט עפּעס געענטפערט. ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס. ער איז גיך אַוועק עטלעכע טריט.

אַ נאַרישע פראַגע . . . האָט ער געטראַכט. זי ווייסט אודאי אַליין ווער ס'איז דאָ געשטאָרבן . . . אפשר האָט זי געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס מיט אים?

ווען ס'וואָלט ניט געווען דאָ אַזוי פיל מענטשן אַרום . . .

ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ. זי איז ווידער געשטאַנען דאָרט, צווישן די ווייבער. זי האָט ווידער גערעדט מיט דער שכנה,

און פון ווייטנס האָט עס אויסגעזען אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס זייער גיך געקייט מיט'ן מויל.

## ד.

דער עולם האָט זיך מיט אַמאָל אַ שפּאַר געטאָן צו דער אָפענער טיר. פון אינעווייניק האָט זיך געהער־ט אַ געוויין.

הפנים אַז ס'הויבט זיך אָן, האָט וואָלף גערטנער געטראַכט.

ער איז אַריין אין הויז, צוזאַמען מיט די אַנדערע, דער פּאָדים פון זיין רעדע, וואָס ער האָט שוין געהאַט געהאַלטן אַזוי פעסט, האָט זיך פון אים אַרויסגעגליטשט און איז ערגיץ פאַרלוירן געגאַנגען.

אין דער האַלב־טונקעלער הויז איז איצט געווען נאָך ענגער ווי פריער, און דער ריח פון די וואַקסענע ליכט איז איצט געווען נאָך שווערער.

דער עולם איז מיט שטילע טריט געגאַנגען אַרום דעם אָרון, וואַרפנדיק אַ לעצטן בליק אויף דעם פאַרשטאָרבענעם.

וואָלף גערטנער איז געגאַנגען אין דער ריי. ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צו דער ברייטער טיר, האָט זיין קאָפּ זיך אַ דריי געטאָן צו דער גאַס.

אַנטקעגן, איבער'ן וועג, איז ווי פריער געשטאַנען דאָס מיידל.

ס'האָט אויף אים געמאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי זי וואָלט דאָרט געשטאַנען פון אייביק־אָן, און אַז זי וועט קיינמאָל ניט אַוועקגיין פון דאָרטן.

אפשר, האָט ער שנעל אַ טראַכט געטאָן, ווען דער עולם וועט זיך פונאַנדערגיין . . .

איר דינע, שלאַנקע פיגור האָט אַזוי ווי זיך אַרויסגעריסן פון צווישן די ווייבער. נאָך אַ ווײַלע, און זי וועט זיך אויסציען איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס, און אירע דינע הענט וועלן דערלאַנגען ביז אַהער, צום אָרון . . .

דער עולם הינטער אים האָט אים אַ שפּאַר געטאָן. ער איז געגאַנגען אין דער ריי. נאָר דער קאָפּ האָט זיך אַלץ געדרייט צו דער טיר וואָס איז געשטאַנען אָפן צו דער גאַס.

„. . . דער חשוב'ער דאָקטאָר גערטנער, אַ פּערזענלעכער פריינט פון דעם פאַרשטאָרבענעם, וועט . . .”

וואָלף גערטנער האָט דאָס געהערט ווי דורך אַ נעפּל. דאָס מיינט מען אים טאַקע? ער — אַ פּערזענלעכער פריינט פון דעם פאַרשטאָרבענעם? . . . ער קען זיך דאָס ניט דערמאָנען . . . ווער האָט דאָס געקענט זאָגן?

זיין רעדע . . . ער דאַרף עפּעס זאָגן . . .

— . . . דער פאַרשטאָרבענער . . — האָט ער אָנגעהויבן אין אַ שטילן טאָן, אָבער ער האָט קוים זיין אייגן קול דערקענט.

ער האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער איז געשטאַנען מיט׳ן פּנים אנטקעגן דער אָפענער טיר. דאָס שיינע, שלאַנקע מיידל איז דאָרט געשטאַנען . . . אַזוי נאָענט צו אים . . . ער האָט כמעט געקענט פילן איר אָטעם.

ווי קומט זי אַהער? זי איז דאָך געשטאַנען אויף יענער זייט גאַס . . .

מאָדנע . . .

אָבער דאָ איז זי געווען, אנטקעגן אים, אַזוי נאָענט, כאָטש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. זי האָט געקוקט אויף אים, גלייך אויף אים, מיט גרויסע, ערנסטע, ליכטיקע אויגן. אַזוי ווי זי וואָלט יעדער וואָרט ארונטערגעכאַפּט פון זיינע ליפּן.

דר. גערטנער האָט דערפילט, אַז ער רעדט צו איר, נאָר צו איר אַליין, צו דער דאָזיקער מיידל, וואָס ער האָט היינט דערזען צום ערשטן מאָל אויף זיין לעבן.

— . . . זיין טויט וועט באַדויערט ווערן ניט נאָר פון זיינע אייגענע, נאָר אויך פון פרעמדע . . . וואָלף גערטנער האָט אויסגעצויגן די הענט, אַזוי ווי ער וואָלט אָנגעוויזן אויף דער שלאַנקער מיידל.

אָבער זי איז שוין דאָרט ניט געווען. זי איז שוין ווידער געווען אויף דער צווייטער זייט גאַס, צווישן די ווייבער, און האָט ווידער גערעדט צו דער שכנה פּונקט אַזוי גיך ווי פריער.

ער האָט געענדיקט. דער עולם האָט זיך געשפּאַרט צו דער טיר. וואָלף גערטנער האָט זיך דורכגעשטופּט און איז אַרויס אויף דער גאַס.

ער האָט אַ רייב געטאָן דעם שטערן. וואָס טוט זיך היינט מיט אים?

— איר וועט פאָרן מיט דער אַלמנה אין איר מאַשין, — האָט

עמיצער א זאָג געטאָן צו אים און האָט אים א צופּ געטאָן פאַר'ן ארבל.

וואָלט גערטנער האָט זיך אויפגעכאפּט אזוי ווי פון שלאָף.

— ניין, א דאנק . . . איך . . . איך פאָר ניט . . . — האָט ער אויף גיך געענטפערט.

ער האָט זיך אָפּגערוקט אָן א זייט. ער האָט געזען ווי איינס נאָך דעם אנדערן האָבן זיך אָנגעפילט די אויטאָמאָביל און זיינען לאנגזאם נאָכגעפאָרן נאָך דעם טויטן-וואָגן. קיינער האָט אים מער ניט גערופן. אזוי ווי מ'וואָלט פארגעסן אָן אים.

אָן אנדערש מאָל וואָלט דאָס אים פארדראָסן. ער וואָלט זיך אפילו געפילט באליידיקט. איצט איז ער געווען צופרידן.

ביסלעכווייז זיינען די מאשינען אוועקגעפאָרן. די גאס איז געוואָרן שטיל, אזוי ווי פריער, אזוי ווי אלעמאָל.

וואָלף גערטנער האָט זיך ארומגעקוקט. ס'איז אים געוואָרן לייכטער אויפ'ן הארצן.

אָבער אנטקעגן, איבער'ן וועג, איז שוין קיינער ניט געווען.

די ווייבער זיינען דאָרט מער ניט געשטאנען, און דאָס מיידל מיט אירע ליכטיק-גרויע אויגן איז אויך געווען פארשוואונדן.

זי מוז פאָרט וואוינען דאָ ערגיץ ארום . . . און דר. גערטנער האָט לאנגזאם צוגעשפּאצירט ביז'ן עק גאס.

ער איז געבליבן שטיין. האָט געטראכט א ווײַלע. איז געגאנגען צוריק, האָט אריינגעקוקט דורך די אָפענע פענצטער. אָבער דאָס מיידל האָט זיך אין ערגיץ ניט געזען.

ער האָט זיך ווידער געלאָזט גיין מיט דעם זעלביקן וועג. אָבער מיט אמאָל איז ער געבליבן שטיין.

ס'פּאסט ניט. מענטשן וועלן זיך וואונדערן. וואָס דרייט זיך דאָ ארום א פרעמדער מענטש?

און אפשר וועט אים באמערקן איינער וואָס קען אים.

מ'דארף וויסן ווי צו האלטן זיך צווישן מענטשן . . . איז אים דורכגעלאָפן דורכ'ן קאָפּ.

ער האָט לאנגזאם אָנגעהויבן אוועקגיין. געגאנגען, און געבליבן שטיין, און צוריקגעקוקט מיט א פארבייגקטן בליק צום פּלאץ וואו דאָס יונגע מיידל איז פריער געשטאנען.

אָבער קיינער איז דאָרט ניט געווען.

# דריי מעשיות

## אריינפיר

רבותי, מאַלט אייך אויס, אז מיר זיצן אַלע אַרום אַ פיין־געגרייטן טיש. אויפ'ן טיש זיינען פאַראַן געשמאַקע מאכלים צום עסן און גוטע וויינען צום טרינקען, און מיר לאָזן זיך וואוילגיין.

און מיט אמאָל פאַלט מיר איין צו דערציילן אייך עפּעס. און איך גיב אַ קלאַפּ אין טיש, און איך בעט אייך מיך אויסצוהערן.

וואָלט איר מיך דען ניט אויסגעהערט? אודאי יאָ. איז דעריבער וועל איך טאַקע דערציילן.

ניט מער, איך טראַכט, אז הלואי וואָלט מיך גאָט באַשאַנקען מיט אַזאַ שיינעם לשון ווי ס'האָט געהאַט דער רבי, ר' נחמן בראַצ־לאַווער, עליו השלום, וואָס ווען אים דערציילט מען, אז ער האָט זיך קונה שם געווען, ניט ווי אַנדערע גוטע אידן מיט תורה זאָגן, נאָר מיט דערציילן מעשיות.

זיינע חסידים פלעגן זאָגן, אז ר' נחמן בראַצלאַווער'ס מעשיות זיינען אַליין תורה, און זיי האָבן, אין יעדער מעשה וואָס ער האָט דערציילט, געזוכט צו געפינען אַ טיפן געדאַנק, סתרי תורה.

און כאָטש איך האָב ניט אַזאַ שיין לשון ווי ער, וועל איך אייך פונדעסטוועגן דערציילן דריי מעשיות.

## ערשטע מעשה — אַן אמת'ע

אמאָל איז געווען אַ איד, אַן אָרימאַן. האָט דער איד, דער אָרימאַן, געהאַט אַ ווייב מיט פיר קינדער, וואָס ער האָט זיי געדאַרפט שיכן און קליידן, גיבן זיי צום עסן און אַ דאַך איבער'ן קאָפּ.

און קיין פרנסה האָט דער איד ניט געהאַט.

האָט ער זיך אַזוי געפּלאָגט אַסך יאָרן, ביז גאָט האָט זיך

אויף אים מרחם געווען און האָט אים צוגעשיקט אַ רייכן אידן, אַ ווייטן קרוב.

און דער דאָזיקער גביר, ר' זלמן האָט ער געהייסן, איז געקומען צו זיין אָרימען קרוב און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— הער, שמערל, ווייט פון שטאָט האָט איך אַ פאַרם, אַ אימעניע אַ גרויסע. אויף דער אימעניע זיינען פאַראַן הייזער און שטאַלן, אסך פערד און קי, אסך פעלדער און וועלדער. וויל איך דיך דאָרט באַזעצן מיט ווייב און קינדער, אַז דו זאָלסט די פעלדער אַקערן, זייען און שניידן; דו זאָלסט די קי האָדעווען און מעלקן די מילך, און מיט דער שפע וואָס גאָט ברוך הוא וועט שיקן, וועלן מיר זיך בײדע טיילן, גלייך אויף גלייך.

האָט דער אָרימער איד, שמערל, זיך אָנגעכאַפּט מיט הענט און מיט פּים, אַ קלייניקייט, אַזאַ גליק!

און ער האָט געדאַנקט זיין רייכן קרוב. ער האָט אים ממש די הענט געקושט. און באַלד נאָכדעם האָט ער פאַרנומען ווייב און קינדער און האָט זיך באַזעצט אויף דער פאַרם פון זיין רייכן קרוב.

און שמערל איז גלייך צוגעוואַקסן געוואָרן צום פעלד און צום בוים, און צו דעם פערד און צו דער קו. ער האָט ליב געקראָגן דעם הויכן באַרג און דעם בלויען הימל, און יעדן פרימאָרגן האָט ער גאָט געדאַנקט פאַר דעם חסד וואָס ער טוט מיט אים.

איז אַ גאַנצע וואָך איז שמערל געווען אַ גליקליכער מענטש. ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט געאַקערט און האָט געזייט, און האָט אָפּגעהיט דאָס קלענסטע צווייגעלע פון דעם קלענסטן בוים. מחמת אַלץ וואָס ס'האָט זיך דאָרט געפונען, איז געווען אונטער זיין רשות. און אַלץ וואָס האָט דאָרט גע־וואַקסן, איז צוגעוואַקסן געוואָרן צו אים אַליין, אַזוי ווי עס וואָלט אַלץ געווען אַ טייל פון אים, און ווי עס וואָלט געווען אינגאַנצן זיין אייגנס.

נאָר איין מאָל אין וואָך, זונטיק, פלעגט אַרויסקומען דער גביר, דער ווייטער קרוב. ר' זלמן פלעגט קומען צופאָרן אין אַ טייערן אויטאָמאָביל, און ער פלעגט מיטברייינגען מיט זיך אַלערליי גוטע זאַכן, וואָס נאָר אין שטאָט קען מען זיי באַקומען. און ער פלעגט אַריינקומען צו שמערל'ן, אין דער גרויסער פאַרם הויז,

און זיך דאָרט צעלייגן מיט זיינע גוטע זאכן פון דער שטאָט, און עסן און טרינקן און זיך לאָזן וואוילגיין.

איז יענעם טאָג, דעם איינעם טאָג פון דער גאנצער וואָך, איז שמערל'ן ניט באקומען דאָס לעבן. זיין ווייב פלעגט זיך באהאלטן אין קיך און די קינדער פלעגן זיך האלטן אין א ווינקל, און פון ווייטנס קוקן צום טיש, וואו דער גביר האָט זיך צעלייגט מיט די נאשערייען וואָס ער האָט מיטגעבראכט פון שטאָט.

און ר' זלמן איז גראד געווען א וואוילער מענטש. ער פלעגט רופן שמערל'ן צום טיש, אדרבא, קום אהער, שמערל, זעץ זיך. פארזוך . . . נאָר שמערל'ן איז קיין זאך ניט געקראָכן אין האלז.

מחמת אין דעם איינעם טאָג האָט שמערל דערפילט, אז דאָס אַלץ וואָס ער היט־אָפּ א גאנצע וואָך, און וואָס ער האָט אזוי ליב ווי עס וואָלט געווען זיין אייגנס, איז דאָך, אין דער אמת'ן, ניט זיינס . . . און אז דער דאָזיקער ווייטער קרוב זיינער, דער גביר, קען אין א שיינעם טאָג די אימעניע פארקויפן, און שמערל וועט ווידער בלייבן אַזוי ווי אויפ'ן וואסער, מיט'ן ווייב און מיט די קינדער.

א גליק, וואָס דאָס האָט געדויערט בלויז דעם איינעם טאָג, זונטיק; נאכדעם, ווי ר' זלמן איז אוועקגעפאָרן צוריק אין שטאָט, האָט שמערל זיך ווידער דערפילט, ווי ער אַליין וואָלט דאָ געווען דער אמת'דיקער באלעבאָס פון דעם גאנצן גוטס, וואָס איז געווען אנפארטרויט אין זיינע הענט. און ער האָט ווידער מיט ליבשאפט געטאָן זיין ארבעט, און ווידער האָט ער ליב געהאט און הנאה געהאט פון דעם פעלד און פון דעם בוים, פון דעם פערד און פון דער קו, ביז . . . ביז ס'איז ווידער אונטערגעקומען א זונטיק.

און אזוי איז שמערל געווען א גליקלעכער, א צופרידענער, זעקס טעג אין וואָך. און דעם זיבעטן טאָג, זונטיק, איז ער געווען דער אומעטיקסטער מענטש אויף גאָט'ס וועלט.

## צווייטע מעשה — אן אויסגעטראכטע

און איצט, רבותי, וועל איך אייך דערציילן א צווייטע מעשה, אן אויסגעטראכטע. איז ווען איך וואָלט געקענט אזוי שיין דער־ציילן ווי ר' נחמן, וואָלט איך אָנגעהויבן בזה הלשון:

אמאָל איז געווען אַ קייסער. אַ גרויסער קייסער איז ער געווען. ער האָט געהערשט איבער אסך לענדער און איבער אסך מדינות.

און ער איז געווען זייער רייך, דער קייסער. ער איז געווען אפשר דער רייכסטער פון אַלע מלכים אויף דער וועלט. מחמת ער האָט ארויפגעלייגט גרויסע שטייערן אויפ'ן פאָלק; און יענע לענדער וואָס זיינען אים געווען אונטערטעניק, האָבן אים געצאָלט שווערע צינזן.

און דער קייסער האָט געהאַט אַ גרויסן, וואונדערלעכן גאָרטן, אַ סאַד מיט די בעסטע פרוכטביימער אויף דער וועלט. אין דעם גאָרטן האָבן געוואַקסן אַזעלכע אויסטערלישע ביימער, וואָס ערגיץ אנדערש האָט מען אַזוינע גאָר ניט געזען.

און אויף די ביימער האָבן געוואַקסן די שענסטע און די גרעסטע עפּל; און זיי זיינען געווען אנגענעם פאַר'ן אויג צו קוקן אויף זיי, און אַ דערקוויקעניש פאַר'ן גומען.

און גרויסע, געלע באַרן האָבן דאָרט געוואַקסן אויף די ביימער, וואָס צוליב זייער זאַפטיקייט פלעגן זיי ממש צעגיין אין מויל. היינט זיינען דאָרט געווען די שענסטע פלוימען, די וואונדערלעכסטע טרויבן, און די מאַראַנצן, וואָס האָבן דאָרט געוואַקסן, האָבן געהאַט אַ שם אויף דער וועלט.

האָט איינמאָל דער קייסער אויסגעקליבן איינעם פון זיינע געטרייע קנעכט, האָט אים אריינגעפירט אין דעם דאָזיקן גאָרטן, און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— זע, אין דיינע הענט גיב איך איבער דעם דאָזיקן גאָרטן, מיט די אַלע וואונדערלעכע ביימער וואָס געפינען זיך אין אים. היט אים אָפּ, דעם גאָרטן, און עס וועט דיר וואוילזיין.

און דער קנעכט האָט אונטערטעניק געענטפערט:

— וואויל, אדוני קיניג.

און דער קייסער האָט ווייטער געזאָגט צו אים:

— זאָלסט מיר אָפּהיטן יעדער ביימעלע אין דעם גאָרטן, און יעדע פרוכט וואָס וואַקסט אויף די ביימער. קענסט עסן פון די פרוכט וויפיל דו ווילסט, אָבער אָפּהיטן זאָלסטו די ביימער, ס'זאָל זיי, חלילה, קיין בייז ניט געשען.

און דער קנעכט האָט זיך פאַרבויגן ביז צו דער ערד און ער האָט געזאָגט:

— איך וועל געהאָרכן, אדוני קיניג.

און דער קייסער האָט ווייטער געזאָגט:

— נאָר איין זאַך, קנעכט, זאָלסטו דיר נעמען אין זין און געדענקן: מיר קען איינפאַלן, אַז איך ז׳ה אַמאָל, אין מיטן אַ שיינעם, ליכטיקן טאָג, אַריינקומען אהער אין גאָרטן, אָנכאַפּן דיך ביים קאַרק, און דיך אַרויסוואַרפן אויף יענער זייט . . .

איז דער קנעכט געוואָרן בלאַס און האָט אָנגעהויבן ציטערן ווי אַ בלאַט.

און זיינע ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט, אַזוי ווי זיי וואָלטן געזאָגט און זיך געבעטן: „אדוני קיניג, הייב מיך ניט אויף און וואַרף מיך ניט אַראָפּ . . .”

אָבער ס׳איז ניט געהערט געוואָרן אויף דער וועלט, אַז אַ קנעכט זאָל אַזוינס זאָגן צו זיין קייסער. און דער קנעכט האָט געשוויגן. ער האָט נידריקער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און ער האָט געזאָגט מיט הכנעה:

— ווי דו זאָגסט, אדוני קיניג. דיין וואָרט איז באַפעל . . .

און דער קייסער איז אוועקגעגאַנגען, און דער קנעכט איז געבליבן אין דעם גרויסן, רייכן, וואונדערלעכן גאָרטן, וואָס דער קייסער האָט איבערגעגעבן אין זיינע הענט, און ער האָט גרויס הנאה געהאַט פון די שיינע פּירות וואָס האָבן דאָרט געוואַקסן.

נאָר אַז דער קנעכט האָט דערהערט טריט, ערגיץ צווישן די ביימער, פלעגט זיין האַרץ אָנהויבן צו ציטערן און צו פּלאַטערן.

עס האָט זיך אים אַלעמאָל אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אָנגעקומען די משוגענע מינוט אויפ׳ן קייסער, און אַז דאָס קומט ער איצט צו אים, דעם קנעכט, און אַז באַלד וועט ער אים, הינטן־ארום, אָנכאַפּן ביים קאַרק, און אַזוי, אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַר־ווען, אַרויסוואַרפן אויף יענער זייט פונ׳ם גאָרטן . . .

ער איז דאָך אַ קייסער, קען ער דאָך טאָן מיט זיין קנעכט וואָס זיין האַרץ גלוסט.

פלעגט דער קנעכט אַרומגיין צווישן די שמעקנדיקע ביימער

און דאָס האַרץ איז אים אַלעמאָל געווען שווער, און קיין שמייכל האָט זיך קיינמאָל ניט באַוויזן אויף זיינע ליפּן.

## דריטע מעשה — א משל

און איצט, רבותי, אז איר האָט אויסגעהערט די ערשטע צוויי מעשיות, וועל איך אייך דערציילן די דריטע מעשה, וואָס אין איר איז באַהאַלטן אַ משל.

אַמאָל איז געווען אַ פּריץ, און ווי דער שטייגער איז פון פּריצים, איז ער געווען אַ שטיקל טירוף. ער האָט געהאַט משוגענע איינפאַלן.

און, ווי דער שטייגער איז פון פּריצים, האָט ער געהאַט בא זיך אויפ'ן הויף אַ אידן. דער איד האָט געהאַלטן באַם פּריץ די מיל, און פון דעם האָט ער געהאַט פּרנסה. דער פּריץ האָט געהאַלטן פון אים, און דער איד האָט געקענט אַריינקומען צום פּריץ אין פּאַלאַץ ווען ער האָט געוואָלט.

איינמאָל, איז אַ פרימאָרגן, קומט דער פּריץ צום אידן אין דער מיל. האָט דער איד זיך געוואונדערט. ס'איז ניט געווען דעם פּריץ'ס טבע צו קומען צו אים.

און ער גיט אַ קוק, דער איד, זעט ער, הינטער'ן פּריץ שטייט אַ דינער, און דער דינער טראָגט אויף די הענט אַ קליין, קלאָר־ווייס שעפּעלע.

וואונדערט ער זיך נאָך מער, דער איד. אָבער פרעגן פרעגט ער ניט.

זאָגט דער פּריץ אַזוי צו דעם אידן:

— הער, חיים, דו זעסט דאָס דאָזיקע שעפּעלע? ס'איז צוויי וואָכן אַלט. וויל איך דאָס איבערגעבן אין דיינע הענט אויף צוויי וואָכן צייטן, אַז דו זאָלסט עס האָדעווען און אָפּהיטן.

זאָגט דער איד:

— אודאי, פּריץ, וועל איך דאָס אָפּהיטן, אַזוי ווי עס וואָלט געווען ניט אַ שעפּעלע, נאָר מיינס אַן אייגן קינד.

זאָגט דער פּריץ:

— אָבער דאָס איז ניט אינגאַנצן, חיים. זאָלסט וויסן, אַז דאָס שעפּעלע האָב איך אָפּגעוואויגן, איידער איך האָב עס דיר אַהער געבראַכט. און עס איז בא מיר פאַרשריבן וויפיל ס'האָט

געוואוויגן היינט אינדערפרי. זאָלסטו געדענקן, אַז ווען איך וועל קומען אין צוויי וואָכן ארום, אָפּנעמען דאָס שעפעלע, טאָר עס ניט וועגן א לויט מער, וויפיל עס וועגט אצינד . . .

איז חיים געוואָרן מורא׳דיק דערשראָקן. ער האָט אָנגעהויבן ציטערן, און ער האָט צום פּריץ אַזוי געזאָגט:

— אדוני פּריץ, ווי קען אַזוינס געמאָלט זיין ? דאָס שעפעלע וואַקסט דאָך . . . דאָס שעפעלע דאַרף דאָך עסן און טרינקן . . . ווי קען עס זיין, אַז עס זאָל אין צוויי וואָכן ארום וועגן פּונקט ווי איצט, און א לויט ניט מער ?

איז דער פּריץ געוואָרן בייז. דער רשע האָט זיך אין אים צעשפּילט:

— איך וויל פון גאָר ניט וויסן ! — האָט ער געשריען און געטופּעט מיט די פּיס. — דו זאָלסט טאָן ווי איך הייס דיר. און אויב דאָס שעפעלע וועט וועגן מער ווי איצט, וועל איך מיט מיינע אייגענע הענט דיר דעם קאָפּ אָפּהאַקן . . .

און דער פּריץ איז אַוועק, און דער דינער נאָך אים. און דער איד איז געבליבן זיצן א דערשלאָגענער. וואָס זאָל ער איצט טאָן ? ווי אַזוי זאָל ער זיך איצט ראַטעווען ? ניט אַנדערש, גאָט שטראָפט אים פאַר זיינע זינדיקע מחשבות. ווארום וואָס׳ער מענטש האָט ניט קיין זינדיקע מחשבות ?

און חיים האָט געפאַסט דריי טעג און דריי נעכט. ער האָט געזאָגט תהילים און ער האָט געוויינט מיט הייסע טרערן פאַר גאָט, און ער האָט געבעטן צו אים, אַז ער זאָל אים צושיקן א גוטע מחשבה, ווי אַזוי ער זאָל זיך ראַטעווען פון דעם משוגענעם פּריץ.

און ס׳איז געווען אויפ׳ן דריטן מעת־לעת, באַנאַכט, איז חיים׳ן פּלוצים געקומען א ליכטיקער געדאנק אין קאָפּ. ער איז ארונטער פון בעט און האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל, און ער האָט געדאנקט דעם בורא פאַר דער גוטער מחשבה וואָס ער האָט אים צוגעשיקט.

יענע נאַכט האָט חיים דער מילנער שוין ניט געקענט שלאָפן. ער איז אויפגעשטאַנען כאור הבוקר און האָט זיך גענומען מאַכן א שטייג.

איין העלפט פון דער שטייג האָט ער געמאכט פון דינע צווייגלעך פון הושענאביימער, און די צווייטע העלפט האָט ער געמאכט פון אייזערנע שטאנגען.

דערנאָך האָט ער די שטייג צעטיילט אויף צוויי העלפטן; אין דער ערשטער העלפט האָט ער אריינגעזעצט דאָס ווייסע שעפעלע, וואָס דער פּריץ האָט אים געבראכט, און אין דער צווייטער העלפט, וואָס איז געווען געמאכט פון אייזערנע שטאנגען, האָט ער אריינגעלאָזט אַ גרויסן, בייזן, הונגעריקן וואָלף.

און יעדן טאָג האָט חיים געבראכט דעם שעפעלע צו עסן פון דעם שענסטן און בעסטן וואָס ער האָט געקענט קריגן. אָבער דעם וואָלף האָט ער גאָר קיין עסן ניט געגעבן. ער האָט אים געלאָזט הונגערן באַטאָג און באַנאַכט.

און ס'איז געווען, ווען חיים פלעגט דערלאַנגען דעם שעפעלע דאָס עסן, פלעגט דער וואָלף אַרויסלאָזן אַ מורא'דיקן ברום, און פלעגט זיך אַ וואָרף טאָן צום שעפעלע. אָבער די אייזערנע שטאַנגען האָבן אים צום שעפעלע ניט צוגעלאָזט.

פלעגט דער וואָלף, אין זיין האַלבער שטייג, מורא'דיק וואיען, קריצן מיט די ציין, און דורכשטעכן דאָס אָרימע שעפעלע מיט זיינע בייזע, ברענענדיקע אויגן. און דאָס אָרימע שעפעלע האָט נעביך געציטערט, זיך געקאַרטשעט אין דרייען, און דער ביסן איז דעם שעפעלע נעביך געבליבן שטיין אין האַלדז.

און אַזוי האָט חיים געטאָן גאַנצע צוויי וואָכן צייט. דאָס שעפעלע האָט ער געהאָדעוועט און דעם וואָלף האָט ער אויסגע-הונגערט. און כאָטש דאָס שעפעלע האָט געגעסן, האָט זיך אויף דעם גאָרניט אָנגעזעצן, און ס'האָט קיין לויט פלייש ניט צוגע-נומען, מחמת מורא פאַר דעם בייזן, הונגעריקן וואָלף.

און אַז דער פּריץ האָט צוריקגענומען דאָס שעפעלע און ער האָט עס אָפּגעוואויגן, האָט ער געזען, אַז ס'האָט קיין לויט פלייש ניט צוגעקראָגן, און דער פּריץ איז געווען צופרידן און חיים דער מילנער איז געווען געראַטעוועט . . .

**אויספיר**

און איצט, רבותי, אַז איר האָט אויסגעהערט אַלע דריי מעשיות, ווילט איר דאָך אודאי וויסן דעם שכל פון זיי.

איז עס אַזוי ווי מיט אַ מענטשן וואָס גייט אין וועג און קומט צו אַ לויטערן וואַסער. בייגט דער מענטש זיך אָן, צו טרינקען פון דעם וואַסער, אָדער צו וואַשן דאָרט זיין פּנים. איז וואָס, מיינט איר, זעט ער דאָרט, אין דעם לויטערן וואַסער? זיך אַליין זעט ער דאָרט.

און אויב צווישן אייך, רבותי, געפינט זיך עמיצער, וואָס ס'איז אים אַמאָל אויסגעקומען אָפּצוהיטן פּרעמד האָב־און־גוטס און עס באַטראַכטן ווי זיין אייגנס, וועט ער פאַרשטיין דעם שכל פון דער ערשטער מעשה.

און אויב צווישן אייך, רבותי, געפינט זיך אַ מענטש, וואָס מ'האָט אים איבערגעגעבן אין רשות אַ גאָרטן, און מ'האָט אים כסדר געשראָקן, אַז מ'קען אים, אין אַ שיינעם טאָג, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועט, אַרויסוואַרפן פון דאָרטן, וועט יענער פאַרשטיין דעם שכל פון דער צווייטער מעשה.

און אויב עמיצער פון אייך, רבותי, האָט אַמאָל געוואוינט שטייג־ביי־שטייג מיט אַ בייזער, צערייצטער חיה, וואָס איז שטענדיק גרייט אַריינצולאָזן די נעגל אין אייער לייב און אַרויסרייסן דעם ביסן פון אייער מויל, דער וועט פאַרשטיין דעם משל פון דער דריטער מעשה.

# דער וואָס פאַלט

פאָרבאַמערקונג:

דעם מאַטעריאַל פאַר דער מעשה, וואָס איך לייג אייך דאָ פאָר, האָב איך געקראָגן פון מיינעם אַ באַקאַנטן, אַ פריינט, און איך גיב עס אייך איבער כמעט אין זיינע אייגענע ווערטער, און דעריבער פאַלט פון מיר אַרונטער אַ טייל אחריות פאַר דער דאָזיקער זאַך.

ער רופט די זאַך „עטיוד," און גאָט איז מיין עדות, אַז ניט איך ווייס וואָס עטיוד מיינט, און ניט איך ווייס צי דאָס וואָרט פאַסט זיך אַהער; נאָר אַזוי ווי אַ בלינדער טאַפּט דעם וועג, אַזוי בלאָנדזשע איז אַרום אין דער דאָזיקער זאַך, און מיין איינציקע האָפענונג איז אויף גאָט, דעם בורא, אַז ער וועט מיר העלפן אַרויסצוקומען אויף אַ גלייכן וועג.

און איצט קומט די מעשה:

איר האָט אודאי באַמערקט, מיינע ליבע, אַז ווען אַ מענטש גייט אין גאַס, גליטשט זיך אויס און פאַלט, לאַכן פון אים די פאַרבייגייער. דאַכט זיך פון וואָס צו לאַכן איז ניטאָ, דאָך לאַכט מען. די אַפּלאַכער ווייסן אַז מיט זיי אַליין קען טרעפן דאָס זעלביקע, און דאָך לאַכן זיי. צומאָל לאַכט אַפילו דער געפאַלענער אַליין אויך. עס זיינען, אמת, אויך דאָ אַזעלכע, וואָס לאַכן ניט, נאָר באַדויערן, פילן מיט און העלפן דעם געפאַלענעם זיך אויפהויבן, אָבער אַזעלכע זיינען דאָ זייער ווייניק.

דאָס איז גערעדט, ווען מיט אַ מענטשען טרעפט זיך אַמאָל אַ צופאַל, ער גליטשט זיך אויס, פאַלט און הויבט זיך אויף אַליין, אָדער דורך אַנדערע. אָבער ווען מיט איין און דעמזעלביקן מענטשן טרעפן זיך אַזעלכע צופאַלען אָפט, און אַמאָל נאָך צו אָפט, פון אַזאַ מענטשן לאַכט מען שוין ניט, מען איז שוין צוגעוואוינט צו דעם, און דער פאַל, ווי קאָמיש ער זאָל ניט זיין, רופט שוין

מער קיין געלעכטער נישט ארויס. עס רופט שוין ארויס באַדויערן, און, וואָס נאָך ערגער. עס רופט ארויס פאַראַכטונג, אַ ווידער־ווילן, אַן עקל, און די נאָענטסטע אפילו קערן זיך אַוועק פון דעם נעפּאַלענעם מיט'ן וואָרט „שלימזל" אויף די ליפּן.

און אָט אַזאַ מענטש האָט געלעבט אין אונזער געגנט. אַזוי, אויפ'ן אויסקוק, אַ מענטש, דאכט זיך אַ וואוילער, די זעלביקע נאָז און אויגן ווי בא אַלע מענטשן. די זעלביקע פּיס און הענט וואָס בא אַנדערע. אפילו מיט זיין קליידונג האָט ער זיך ניט אונטערשיידט פון אַנדערע. און דאָך איז דער דאָזיקער מענטש נישט געווען ווי די אַנדערע, און אַנדערש איז ער געווען דערמיט, וואָס ער איז כמעט יעדן ליבן טאָג פון זיין לעבן געפּאַלן.

געפּאַלן, זיך אויפגעהויבן, אויפגעהויבן זיך און ווידער גע־פאַלן.

אַזוי כסדר.

בעת ער איז נאָך אַ קינד געווען און אַ שטיפער דערצו, האָט ער זיך אַמאָל אַ פּיסל אויסגעלונקען, פון דעמאָלט אָן האָט ער טאַקע אַ ביסל אונטערגעהונקען אויפ'ן לינקן פוס, אָבער טאַקע נאָר אַ קליין ביסעלע, וואָס קיין שום זייטיק אויג האָט עס ניט געקענט באַמערקן, אפילו ער אליין פלעגט עס אויך ניט באַ־מערקן, אַ חוץ וואָס ער פלעגט צייטנווייז פילן אַ שאַרפן ווייטיק אינ'ם לינקן געלענק.

קען זיין, אַז פון דעם האָט עס זיך גענומען וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געקענט זיך האַלטן שטייף אויף זיינע אייגענע פּיס, און וואָס זיכער איז ער געווען נאָך דעמאָלט, ווען ער האָט געהאַט אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן. אָבער וואָס די אורזאַך זאָל ניט זיין, ער איז געפאַלן אַזוי אָפּט און אַזוי גיך ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן אויף די רוישיקע וועגן פונ'ם לעבן.

צום ערשטן מאָל, אַז ער איז אַרויס אויפ'ן ברייטן וועג, וואָס האָט אים אַוועקגעפירט פון זיין שטילער היים, און האָט אים אַריינגעוואָרפן אין דער נעץ פון די פאַרדרייטע און פאַרפּלאָנ־טערטע וועגן פונ'ם לעבן, איז ער געבליבן שטיין אַביסל מטושטש, מיט דער האַנט אויפ'ן שטערן, אויף די אויגן, געקוקט אַרום זיך דערשראָקן, און האָט ניט געוואוסט צי זאָל ער זיך נעמען רעכטס אָדער לינקס, אָדער גיין אין דער מיט, אינ'ם רעכטן פּלאָנטער,

וואו די וועגן קומען זיך צונויף פון אלע עקן. און נאך איידער ער האט באוויזן צו שטעלן דעם ערשטן פוס, האט ער זיך שוין אנגעשטויסן אן אן אויטאמאביל, אן א קאר, אדער גאר אן א טעלעגראף סלופ און ער איז שוין געלעגן אויסגעצויגן ווי לאנג ער איז.

צום אנהויב האבן מענטשן, פארבייגייער, געשמייכלט, נאכדעם געלאכט, און נאך שפעטער — איינגאנצן זיך אפגעקערט פון אים מיט'ן ווארט „שלימזל" אויף די ליפן.

אבער דער געפאלענער האט זיך אלע מאל אויפגעהויבן, זיך אויסגעגלייכט. זיך ארומגעשטויבט די האר פונ'ם קאפ, און איז אוועק זיין וועג מיט וואקלנדיקע טריט.

משמעות אז דער מענטש האט אויף זיין לעבן טאקע קיינמאל קיין שטארקע פיס ניט געהאט.

* * *

און אט דער דאזיקער מענטש, וואס האט קיינמאל קיין גאנצן, רואיקן טאג נישט געהאט אויף זיין לעבן, וואס האט זיך אויפגעהויבן אזוי גיך ווי ער איז געפאלן, און איז געפאלן אזוי גיך ווי ער האט זיך אויפגעהויבן, אט דער דאזיקער מענטש וואס באקאנטע האבן אים אין פנים גערופן „שלימזל," האט פונדעסטוועגן געהאט א ווייב וואס ער האט ליב געהאט פון זיין טיפן הארצן, און קינדערלעך וואס זיינען אים געווען טיף איינגעבאקן. כאטש קיינער האט עס ניט באמערקט און ער אליין אפשר אויך ניט . . . אט דער דאזיקער מענטש האט פונדעסטוועגן געהאט א שיינע הויז, א ליבע היים, און ער האט זיך געפלאגט, אנגעשטריינגט מיט אלע כחות אויפצוהאלטן די דאזיקע היים זיינע, און איר געבן אלץ וואס זי באדארף צו האבן. נאר מ'שטיינס געזאגט, וואס קען אויפטאן א מענטש וואס איז זיין גאנצן לעבן פארנומען גאר מיט איין זאך — פאלן און אויפשטיין, אויפשטיין און פאלן . . .

יעדן פארנאכט איז ער געקומען אהיים אן אויסגעמאטערטער, אן איינגעריכטער פון קאפ ביז די פיס. אויסגעוואלגערט זיך אויף אלע וועגן, אין אלע שטויבן, אין אלע בלאטעס, און בא

דער טיר האָט אים שוין באַגעגנט דאָס ווייב מיט אַ ווייטיקדיקן שמייכל אויף די ליפּן.

— ווידער געפאַלן?

וואָס זאָל ער איר דאַרויף ענטפערן? זי זעט דען אַליין ניט? דאַכט זיך מען קען עס אויף אים לייכט דערקענען, און דאָך פרעגט זי . . . און זי וויל נאָך וויסן ווי אַזוי, און וואו איז ער געפאַלן . . . וואָס מאַכט עס דען אויס? יאָ, ער באַמערקט אַפילו, אַז דורך זיין אָפטן פאַלן פאַלט ער אויך ביי זיין ווייב אין די אויגן, פאַרלירט באַ איר דאָס ביסל ווערט וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט באַ איר אין די יונגע יאָרן; ער פילט ווי זי דערווייטערט זיך פון אים, ווערט קעלטער, און דאָס האָט אים, נאַטירלעך, שטאַרק ווי געטאָן, כאָטש קיינער האָט עס ניט געוואוסט, און ער אַליין אפשר אויך ניט . . .

און זיינע באַקאַנטע פלעגן אַלע קוקן קרום אויף אים, געזאָגט האָבן זיי אַפילו גאָר נישט, נאָר דאָס וואָרט „שלימזל" האָט כסדר געשפּילט אויף זייערע ליפּן.

* * *

אַזוי איז זיך געגאַנגען דאָס לעבן, טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר. יעדן פרימאָרגן זיינען טויזנטער און מיליאַנען מענטשען אויפגעשטאַנען פריש און מונטער, און יעדער איינער האָט זיך גענומען צו זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט. אונזער מענטש אויך אַזוי. אויפגעפעדערט זיך יעדן פרימאָרגן, און גענומען זיך גלייך צו זיין טעגלעכער אַרבעט — פאַלן; אויפהויבן זיך און ווידער פאַלן. . . . . . . . . . . .

אַזוי כסדר.

ער איז עלטער געוואָרן, און זיינע פיס — שוואַכער. און וואָס שוואַכער די פיס, אַלץ אָפטער איז ער געפאַלן. מיט מי זיך אויפגעהויבן, אָנגעשטריינגט זיך צו האַלטן זיך גלייך פאַר אַ קורצער ווייַלע, און — איז ווידער געפאַלן.

זיין ווייב איז אויך עלטער געוואָרן, און האָט באַקומען גרויע האָר אין קאָפּ. מיט אַ האַרץ פול ווייטיק האָט זי יעדן אוונט אָפּגעוואַרט איר געפאַלענעם מאַן, געשטאַנען גרייט מיט אַ באַרשט אים אָרומצוריייניקן, און מיט אַ צרה'דיקן שמייכל גע־

טראכט, אז מסתמא איז עס גאָט'ס ווילן, אז זי זאָל אזוי אָפּלעבן איר וועלט.

און די קינדער זייגען עלטער געוואָרן, אויסגעוואקסן, שיין געוואָרן, קלוג און געראָטן, און אז ער האָט געקוקט אויף זיין עלטער מיידעלע, אויף איר שיינקייט, און געהערט זי רעדן, האָט ער אָפט זיך געוואונדערט: ווי קומט צו אים אזא געראָטן קינד?

און וואָס מער די קינדער האָבן זיך צעוואקסן, שענער און געראָטענער געוואָרן, אַלץ מער האָט דער דאָזיקער מענטש אָנגעהויבן צו דערפילן דאָס ווארעמע געפיל וואָס האָט שטילערהייט יאָרנלאנג געטליעט אין זיין ברוסט. ער האָט אַלץ מער אָנגעהויבן פילן ווי טייער די קינדער זייגען אים, און ווי ער איז גרייט אפילו מקריב צו זיין זיין לעבן פאַר זיי.

און טאקע דעריבער איז זיין ווייטיק געווען אזוי גרויס.

טאקע אמת, א „געפאַלענער" מענטש, א „שלימזל," אָבער א הארץ האָט ער דוקא, ווייזט אויס, געהאט א ברייטס און א וואַרעמס, וואָס האָט שטארק געקלאַפּט און היים געפילט.

און אמאָל, אין אַן אוונט, ווען ער איז, ווי דער שטייגער זיינער, געקומען אהיים נאָך א טאָג פון פאַלענישן אָן א שיעור, האָט אים בא דער טיר אָפּגעוואַרט זיין ווייב און דאָס יונגע טעכטערל. די מוטער האָט מיט ווייטיק א שמייכל געטאָן, און ווי אַלע מאָל געזאָגט:

— ווידער געפאַלן?

און אקאָרשט דאָס וואָרט „שלימזל" רייסט זיך בא איר אראָפּ פון די ליפּען.

און דאָס מיידעלע האָט פון דער זייט באטראכט איר צרה'דיקן טאטן; אויף איר יונג פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט רחמנות און צער אָן אַן ענד, זי האָט צונויפגעלייגט אירע ווייסע הענטלעך אויף איר קינדעריש הערצל, און אזוי ווי מיט פאַרוואורף אַרויסגערעדט:

— אָ, פּאַפּע, ביז ווען וועסטו אזוי פאַלן?

דער פאָטער האָט א ציטער געטאָן, ער האָט געפּרואווט זיך אויסגלייכן, שטעלן זיך גראַד אויף די פיס, אַרויסשטעלן די ברוסט אזוי ווי א סאָלדאט, אָבער ער האָט ניט געקענט. ער האָט זיך

באגעגנט מיט זיין קינד׳ס רחמנות׳דיקן בליק, און ער האט דערפילט ווי עס ווערט אים היים און קאלט איבער׳ן גאנצן קערפער, ווי א קאלטער שוויים שלאגט אים ארויס אויפ׳ן שטערן, און אזוי ווי שארפע, גליענדיקע נאדלן װאלטן געשטאכן דאס גאנצע לייב זיינס. ער האט פארביסן די ליפן, און וואס זאל ער איר ענטפערן, וואס?

דערנאכדעם, אז דער דאזיקער מענטש האט זיך ווידער געפונען אין דרויסן, אויף די ברייטע, פארפלאנטערטע וועגן פונ׳ם לעבן, וואו פארשידענע נעצן זיינען געווען אויסגעשפרייט פאר זיינע פיס, האט איין איינציקע פראגע כסדר געבוירערט זיין מוח . . . וויפיל מאל וועט ער היינט פאלן? . . .

— אט דעמאלט האט דער דאזיקער מענטש מיט ציטערניש געטראכט פונ׳ם אוונט, ווען ער וועט בא דער טיר פון זיין ליבער היים טרעפן ניט נאר די מוטער פון זיינע קינדער, וואס וועט אים באגעגנען, ווי אלע מאל, מיט׳ן אויסדרוק: „שוין ווידער געפאלן? . . .״ נאר מיט דער מוטער וועט אויך שטיין זיין יונגע, געראטענע טאכטער, וועט קוקן אויף אים מיט צער און רחמנות, וועט פארברעכן די ווייסע הענטלעך אויף דער קינדערשער ברוסט, און וועט, ווי נעכטן, פרעגן:

— א, פאפע, ביז ווען וועסטו אזוי פאלן? . . .

און איר קול וועט זיין שטיל, און אזוי טיף אנגעזאפט מיט טרערן. און וואס וועט ער איר ענטפערן, וואס?

בעסער וואלט שוין געווען ער זאל אהיים קומען נאר שפעט, ווען די קינדער וועלן שוין אלע שלאפן אין די בעטן.

אבער ער האט געוואוסט אז דאס איז גאר קיין וועג נישט. יעדנפאלס, אז דאס איז גאר קיין גערעכטער וועג נישט.

האט זיך דער דאזיקער מענטש צוגעשפארט צו א טעלעגראף-סלופ אין מיטן פון די רוישיקע וועגן. ארום האט גערוישט און געקאכט, קארס און מאשינען, וועגענער און פערד און מענטשן אלערליי, אזוי ווי טויזנטער מחבלים, ניט גוטע, האבן זיך געדרייט ארום אים אין א ווילדן טאנץ, אזוי ווי זיי וואלטן אלע געהאט נאר די איינציקע כונה אז זיי זאלן אים פארפלאנטערן אין א נעץ, אומוארפן אים, לאזן אים אויפשטיין און ווידער אומווארפן . . . אבער דער דאזיקער מענטש האט איצט ניט געטראכט

פון די אַלע מכשולים וואָס לויערן אויף אים פון אַלע זייטן, נאָר ער האָט געטראַכט פון זיין היים, פון זיין ווייב, און דערהויפּט — פון זיינע קינדער, און נאָך מער — פון זיין טעכטערל, וואָס איז שוין גרויס און אַזוי שיין, און — אַזוי פאַרשטאַנדיק, אַז זי פאַרשטייט שוין וואָס פאַר אַ שלימזל אַ טאַטן זי האָט.

און זיין ווייטיק אין הארצן איז געווען גרויס און טיף, און וואָס מער ער האָט געטראַכט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן זיין ווייטיק, אַלץ טיפער דער שמאַרץ.

און שטייענדיק מיט דער פּלייצע צוגעשפּאַרט צום טעלעגראַף־סלופּ, האָט דער דאָזיקער מענטש געמאַכט אַ חשבון־הנפש מיט זיך אַליין.

מיינע באַקאַנטע קערן זיך אָפּ פון מיר, קוקן אויף מיר מיט עקל, מיט פאַראַכטונג, רעדן מיט הלצה און רופן מיך „שלימזל."

די נאָענטע ווערן ווייט, באַדויערן, שאָקלען מיט די קעפּ: שלימזל . . .

מיין ווייב ווערט קאַלט צו מיר, פאַרדראָסיק, אַלץ צוליב דעם וואָס איך פאַל, און וואָס איך קען קיינמאָל נישט שטיין אויף די אייגענע פיס.

אָבער ניט די פאַראַכטונג פון באַקאַנטע, און נישט דאָס באַדויערן פון די נאָענטע, און אפילו נישט די ווייטקייט פון דער אייגענער ווייב, טוט אַזוי וויי, ברענט אַזוי אין הארצן, פאַרשאַרפט אַזוי דעם ווייטיק, ווי דער רחמנות'דיקער בליק פון דער יונגער, שיינער, קלוגער און געראָטענער טאָכטער, וואָס איז שוין אויסגע־וואַקסן אַזוי גרויס, און וואָס איז שוין פאַרשטאַנדיק אַזוי צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ טאַטן זי האָט נעביך . . .

ביי די קינדער נאָך פאַרלירן דעם ווערט ?

ביי זיי אין די אויגן אויך פאַלן ?

זייער ליבע, זייער נאָענטקייט, זייער וואַרימקייט פאַרלירן ?

צו וואָס־זשע, גאָטעניו, האָסטו גאָר איינגאַנצן באַשאַפן אַזאַ קאַליקע אויף דער וועלט ? . . .

אַזוי האָט דער דאָזיקער מענטש געטראַכט, מיט האַלב פאַר־מאַכטע אויגן און מיט אַ האַנט אויפ'ן שטערן. און לאַנג, יענעם

אָוונט איז ער אַזוי פאַרטראַכטערהייט געשטאַנען באַם סלופּ, גע־טראַכט און געטראַכט, און אַזוי לאַנג דאָרט געשטאַנען, געשטאַנען און געשטאַנען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי איר זעט, מיינע ליבע, איז קיין סוף צו דער דאָזיקער מעשה, אָדער עטיוד, נישטאָ, און אפשר קען טאַקע קיין סוף צו דעם נישט זיין . . . אָבער גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב אויסגענוצט מיין פריינט׳ס מאַטעריאַל צום בעסטן. אַזוי ווייט ווי איך האָב נאָר געקענט. און איצט האָב איך נאָר איין בקשה צום בורא עולם, אַז ער זאָל מיך לייטזעליקן אין די אויגן פון די לעזער, ער זאָל זייערע אויגן עפענען און אָנפילן זייערע גע־דאַנקען מיט פאַרשטאַנד, אַז זיי זאָלן אַליין קענען זיך פאַנאַנדער־קליבן אין דער דאָזיקער געשיכטע און מאַכן צו איר דעם נויטיקן פּירוש, יעדער לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד.

אמן.

עזר

# באב אין שטאָט און באב אין דאָרף

ווען מיר באַגעגנען זיך צום ערשטן מאָל מיט אונדזער העלד, באב, איז ער אַ מענטש שוין נאָענט צו די זעכציקער. באב אַרבעט אין דער זעג־מיל, וואָס געפינט זיך אויפ'ן עק שטאָט.

ווי לאַנג איז שוין אַז באב אַרבעט אין דער דאָזיקער זעג־מיל? ער געדענקט ניט. דאַכט זיך, אַז קיינער אין דער מיל געדענקט עס ניט; ווייל ווען דער אַלטער הער דאַנציגער איז געשטאָרבן און זיין יונגער זון האָט איבערגענומען די פאַבריק, האָט ער שוין דאָרטן געטראָפן באב'ן.

באב איז געווען אַ פשוט'ער אַרבעטער. דעם גאַנצן טאָג האָט ער געשלעפּט קלעצער, געטראָגן ברעטער אָדער געשטופּט אַ וועגעלע אויף צוויי רעדלעך, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט קלעצער. ער האָט געאַרבעט שווער פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

באב איז געווען אַ געטרייער אַרבעטער, אַן איבערגעגעבענער קנעכט. ער איז געווען אַ פשוט'ער מענטש און האָט קוים געקענט איבערלייענען זיין אייגענעם נאָמען. קיין ביכער האָט ער ניט געלייענט. קיין צייטונג אויך ניט. צווישן מענטשן איז ער ניט געקומען, און מיט די הייזטוועלטיקע, אָט די וואָס ווילן אַלץ די וועלט אויסבעסערן און איבערמאַכן, האָט ער זיך ניט געמישט.

ער איז געווען צוגעבונדן צו זיין אַרבעט און צו זיין באַלע־באָס, אַזוי ווי אַ הונט וואָס ווערט געהאַלטן אויף דער קייט. באב האָט געטריי אָפּגעהיט דאָס פאַרמעגן פון זיין באַלעבאָס, ניט געלאָזט אַז עמיצער זאָל אַוועקנעמען אַפילו אַ שפּענדל פון דער ערד איידער ער האָט דער־פאַר באַצאָלט, און אַליין האָט ער אודאי ניט געוואָלט עפּעס אָנצורירן אָן הער דאַנציגער'ס וויסן.

אזוי איז באב געווען געטריי דעם אלטן הער דאנציגער, און אזוי איז ער אויך געווען איבערגעגעבן דעם יונגן הער דאנציגער.

דער אלטער דאנציגער האָט שטארק געהאלטן פון באב'ן. חוץ די שכירות וואָס ער האָט אים געצאָלט, האָט ער אים נאָך, אונטער א יום טוב, צוגעוואָרפן א קליין מתנה'לע. אויף דעם יונגן דאנציגער, כאָטש ער האָט זיך געהאלטן אביסעלע פון וויטן, האָט באב אויך ניט געהאט וואָס צו באקלאָגן זיך.

ווען באב האָט אָנגעהויבן ארבעטן פאַר דעם אלטן דאנציגער, איז ער געווען יונג און פריש. זיינע הענט — אזוי ווי פון אייזן, און די פיס — שטאָל. האָט די ארבעט געברענט אונטער אים.

אָבער ווען דער יונגער הער דאנציגער האָט איבערגענומען די זעג־מיל, איז באב שוין ניט געווען דאָס וואָס אמאָל. ער איז שוין געווען דעמאָלט אין די מיטעלע יאָרן. שטארק איז ער געווען, אָבער צומאָל פלעגט אים באפאלן א שוואכקייט, און א מין ציטערן האָט זיך אריינגעכאפּט אין זיינע הענט און אין די קני.

באב האָט געפילט, אַז זיינע אויגן ווערן אים שוואך. ער וואָלט נויטיק באדארפט אָנטאָן ברילן. אָבער ער האָט עס ניט געטאָן. אלעמאָל, ווען דאָס ווייב האָט אים דערמאָנט, אַז דער דאקטאר האָט אים געהייסן אנטאָן ברילן, האָט ער געפונען אַן אנדער תירוץ דאָס אָפּצולייגן. שטענדיק, ווען מ'האָט גערעדט פון ברילן, האָט באב אויסגעפונען, אַז ער איז „פארעננט" אין געלט, אָבער אין זיין הארצן האָט געלעבט א ציטערדיק געפיל; א געפיל, וואָס ער אליין, אין זיין פשוט'קייט, האָט ניט געוואוסט ווי אָנצו־רופן, און וואָס ער האָט מורא געהאט, אָדער זיך געשעמט פאַר דער ווייב ארויסצורעדן.

אָבער איינמאָל האָבן די קינדער אים געמאכט א מתנה — א פּאָר ברילן. באב האָט געשמייכלט דורך טרערן, געקושט די קינדער און זיי געדאנקט פאַר דער מתנה. אָבער אין דערזעלבי־קער צייט האָט ער זיך געוויצלט און האָט געלאכט פון זיי.

— ברילן גאָר? צו וואָס דארף איך ברילן? איך זע גאנץ גוט אָן ברילן אויך . . .

און קיינמאָל האָט ער די ברילן ניט אָנגעטאָן ווען ער איז

געגאנגען אין דער פאבריק. עס שטערט אים, האָט ער געזאָגט, צו דער ארבעט.

* * *

אזוי האָט זיין לעבן זיך געצויגן יאָרן און יאָרן.

ביז ס'איז געקומען דער טאָג ווען באב האָט געדארפט ווערן זעכציק יאָר אלט.

אין דער היים האָט זיין ווייב זיך געגרייט צו מאכן פאר אים א יום טוב און די קינדער האָבן געקויפט מתנות פאר אים. באב האָט עס געוואוסט, נאָר ער האָט זיך געמאכט ניט ווייסנדיק. ער האָט געוואָלט פארגעסן דאָס וואָס אנדערע האָבן אזוי גוט געדענקט.

און אין דעם דאָזיקן טאָג, בעת ער האָט ווי אלע טאָג געארבעט אויפ'ן הויף פון דער גרויסער זעג־מיל, און האָט, ווי אלעמאָל, געשלעפט קלעצער און געטראָגן ברעטער, האָט דער באלעבאָס, דער יונגער הער דאנציגער, אים געלאָזט רופן צו זיך אין אָפיס.

— וואָס קען דער באלעבאָס מיך דארפן ? — האָט ער גע־קלערט. אָבער קיין ענטפער האָט ער ניט געקענט געפינען. האָט ער מער וועגן דעם ניט געטראכט און איז אוועק צו הער דאנציגער אין אָפיס.

דער יונגער הער איז געזעסן בא זיין שיינעם שרייבטיש, האָט געדרויבערט א פיין־שמעקנדיקן ציגאר און האָט קאַלט געקוקט אויף באב'ן.

באב, א גרייזגרויער, מיט א צעקנייטשט פנים, מיט א פליכע־וואטן קאָפ, איז געבליבן שטיין בא דער טיר און האָט אביסל אומזיכער געדרייט דאָס אלטע היטל אין די הענט.

דער הער דאנציגער האָט א דריי געטאָן דעם גראָבן ציגאר צווישן די ציין, אזוי ווי ער וואָלט געביסן שטיקער פון אים. דאָס איז געווען א סימן, אז דער באלעבאָס איז עפעס ניט אין קיין גוטער לוינע.

— איך האָב דיך געלאָזט רופן, באב, — האָט ער געזאָגט מיט אביסל א הייזעריק קול, עפעס אזוי ווי עס וואָלט אים אליין געוואָרגן דאָס וואָס ער זאָגט דעם אלטן באב „דו."

— בין איך געקומען, באלעבאָס . . . — האָט באב א בויג געטאָן דעם גרויען קאָפ.

— דו ביזט שוין אַן עלטערער מענטש, באָב . . . — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום.

באָב האָט אַ ציטער געטאָן. דאַכט זיך, קיין שלעכטס האָט דער הער דאַנציגער ניט געזאָגט, נאָר עפּעס איז אים מיטאַמאָל טונקל געוואָרן פֿאַר די אויגן. ער האָט פּונדעסטוועגן געפּרוואווט אַ שמייכל טאָן.

— מ'ווערט ניט יונגער . . . — האָט ער געשטאַמלט.

— דײַן אַרבעט איז שוין עפּעס גאָר קיין אַרבעט ניט . . . — האָט דאַנציגער ווײַטער גערעדט. — איך מיין, אַז פֿון מאָרגן אָן קענסטו שוין בלײַבן אין דער היים.

וואָס האָט דער באַלעבאָס געמיינט מיט דעם? עפּעס איז אים ניט קלאָר געווען אין קאָפּ. עפּעס האָט ער ניט געקענט באַגרײַפֿן.

הייסט עס, אַז מאָרגן, דאַרף ער שוין ניט קומען אַהער, אין דער פֿאַבריק . . . ס'האָט אים מוראָ'דיק באַנג געטאָן.

ניט דאָס האָט אים געאַרט, וואָס ער בלײַבט אויף דער עלטער אָן פּרנסה, נאָכדעם ווי ער האָט אַלע זײַנע בעסטע כּחות אוועקגעגעבן דער האָלץ פֿאַבריק, אַזוי ווײַט זײַנען באָב'ס געדאַנקען ניט געגאַנגען. ס'האָט אים באַנג געטאָן די פֿאַבריק אַליין, די אַרבעט, די קלעצער, די ברעטער, וואָס האָבן יאָרנלאַנג זײַנע פּלייצעס געדריקט. ס'איז אים אַ שאָד געווען יעדער שפּאַן ערד פֿון דעם גרויסן הויף פֿון דער פֿאַבריק, וואָס ער האָט יאָרלאַנג, יעדן איינציקן טאָג, צענדליקער מאָל דורכגעשפּאַנט.

נאָר אַז דער באַלעבאָס הייסט, דאַרף מען פֿאָלגן. איז דער אַלטער אוועק אַהיים, אַ שטילער, מיט אַ קראַנק, צעבראָכן האַרץ . . .

* * *

אונזער צווייטער העלד, וואָס טראָגט אויך דעם נאָמען באָב, האָט אַלע זײַנע יאָרן אָפּגעאַרבעט ביים פֿאַרמער מעק. ער איז געווען אַ גרויסער, פֿיר־פּוסיקער שווייגער, איז דערפֿאַר שווער געווען צו וויסן וואָס ער טראַכט און וואָס ער קלערט.

באָב איז געבוירן געוואָרן ביי מעק'ן אויף דער פֿאַרם, און האָט זיך אויפֿגעצויגן אין איין צייט מיט מעק'ס זון, וועלכער האָט אויך געהייסן באָב.

מעק אליין קען זיך שוין ניט דערמאָנען יענע צייט, און ער נעדענקט ניט קלאָר, צי האָט ער דעם זון אַ נאָמען געגעבן נאָך באַב'ן, אָדער — באַב'ן נאָכ'ן זון . . .

באַב איז געווען אַ שווערער, האַרעפּאַשנער פערד. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געהאַט שטאַרקע פיס מיט האָר באַוואַקסן, אַ לאַנגע, געדיכטע גריווע און נאָך אַ לענגערן עק, און אַ גלאַטע, ברוינע פעל, וואָס האָט געגלאַנצט קעגן דער זון מיט יונגקייט און מיט שטאַרקייט.

אין יענע יאָרן איז באַב געווען דער שטאָלץ פון זיין באַלעבאָס, דער פאַרמער מעק. מעק האָט זיך געגרויסט מיט אים. ער האָט אים טאַקע איינגעשפּאַנט צו אַלע שווערע אַרבעטן אויף דער פאַרם; ער האָט טאַקע געשלעפּט דעם אַקער דעם גאַנצן זומערדיקן טאָג, און ווינטער האָט ער געפירט קלעצער פון וואַלד, אָבער מעק האָט אָן אים ניט פאַרגעסן אויך אין די טעג פון יום טוב, ווען מען איז געווען פריי פון אַרבעט. איינמאָל, אין אַ זונטיק, האָט מעק אים אויסגעפּוצט, אויסגערייניקט די פעל, פאַרפלאָכטן אַ רויטע ליענטע אין דער גריווע, און האָט אים מיטגענומען אין שטאָט, וואו ס'איז געווען אַן אויסשטעלונג פון פערד. באַב האָט גע־גלאַנצט מיט זיין ברוינער, אויסגעפּוצטער פעל, און די רויטע ליענטע האָט אים גאָר צוגעגעבן חן. באַב האָט דעמאָלט גע־קראָגן אַ פּרייז, און דער פאַרמער מעק איז געווען שטאָלץ מיט אים, און ער האָט אים נאָך מער אָפּגעהיט.

דעם פאַרמער'ס קינדער האָבן ליב געהאַט באַב'ן. באַזונדער האָט אים ליב געהאַט דער יונגער זון, וואָס ער האָט אויך גע־הייסן באַב. זיי זיינען געוואַקסן צוזאַמען. באַב, דער זון, איז גרויס געוואָרן און האָט אָנגעהויבן גיין אין שולע; באַב, דער פערד, איז גרויסע געוואָרן און האָט אָנגעהויבן גיין אין שפּאַן. באַב, דער זון, איז גרעסער געוואָרן און האָט אָנגעהויבן שטיפן מיט מיידלעך; באַב, דער פערד, האָט פון אַזעלכע זאַכן ניט געוואוסט, ווייל בעת ער איז נאָך גאָר יונג געווען האָט מען זיין זכר'שאַפט מיט גוואַלד באַ אים צוגענומען.

אָבער באַב האָט זיך ניט באַקלאָגט. ער האָט מסתמא ניט געוואוסט פון אַזאַ זאַך ווי באַקלאָגן זיך. ער האָט שווער

געארבעט דעם גאנצן טאָג, פון גרויען פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאכט. אין אוונט, ווען דער באַלעבאָס האָט אים אריינגעפירט אין שטאָל, האָט ער דאָרט געפונען א ריין געלעגער, געמאכט פון ווייכן שטרוי, און א קארעטע פול מיט האָבער און מיט קלייען. באב האָט געהאט שטארקע, ווייסע ציין, האָט ער דעם האָבער שנעל צעמאָלן און ארונטערגעשלונגען. דערנאָך האָט ער זיך גע-נומען צו דער גרינער, פריש-שמעקנדיקער היי.

אין א יום טוב טאָג, ווען מ'האָט אויפ'ן פעלד ניט געארבעט, פלעגט מען אים ארויסלאָזן פריי אויף דער גרינער לאנקע. באב פלעגט צום אָנהויב זיך לאָזן גיין לאנגזאם, באזאכט צופּן דאָס גראָז, און אזוי, טריט ביי טריט, ביז ער איז צוגעקומען צו דעם לויטערן וואסערל, וואָס פליסט דאָרט העט ארונטער, לעבן די הויכע טאָ-פאלען. דערנאָך, אז ער האָט זיך אָנגעגעסן צו זאט און האָט געשטילט דעם דורשט מיט'ן לויטערן וואסער, האָט ער דערפילט א מאָדנע יונגקייט אין די ביינער און א גלוסטיקייט צו שטיפן, צו לויפן, צו שפרינגען און ארויסצושרייען די יונגקייט וואָס האָט זיך געריסן פון זיין יעדן אבר.

פלעגט באב זיך אוועקלאָזן אין א ווילדן געלאַף איבער'ן גרינעם פעלד, לויפן משוגענערווייז. מיט'ן עק פאררויסן אין דער הויך, מיט דער גריווע צעפלאטערט אין דער לופט, און דעם שטייפן, גלאנציקן האלז האלב-אויסגעבויגן, איז ער געלאָפן און האָט גע-הירזשעט מיט פרייד. מיט אמאָל האָט ער זיך גאָר געגעבן א וואָרף אויפ'ן גראָז און גענומען זיך קייקלען פון איין זייט אויף דער אנדערער. געבליבן ליגן מיט אַלע פיר פיס אין דער הויך, און אזוי לאנג זיך גע'בריה'ט, ביז ס'איז אים געלונגען איבערצודרייען זיך אויף דער אנדערער זייט. ווי א לייטישער פערד, האָט באב געהאט דעם אינסטינקט, אז א פערד וואָס קען זיך ניט איבער-דרייען פון איין זייט אויף דער צווייטער, ליגנדיק מיט די פיס ארויף, איז — גאָר קיין פערד נית.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען אמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז יונג געווען, שטארק געווען. ווען די פעל האָט גע-גלאנצט, און ווען די פיס זיינען געלאָפן גיך ווי דער ווינט. היינט איז אַלץ אנדערש.

היינט איז אזוי: מעק, דער פארמער, איז שוין אלט. קען

שוין גאָרניט טאָן אויף דער פאַרם. פאַרעסט ער זיך אַרום די הינער און גיט עסן די קי און די פערד. באַב, דער זון, איז איצט דער גאַנצער באַלעבאָס. דערצו איז ער אַליין שוין אַ טאַטע פון צוויי קינדער, וואָס דער עלטערער פון זיי האָט דעם זיידנ'ס נאָמען — מעק.

באַב, דער זון, גייט אין די פיסטריט פונ'ם טאַטן. אָבער ווען אַפילו ער וואָלט געוועז אַנדערש ווי דער טאַטע, וואָלט ער אויך צו באַב דעם פערד געוועז בעסער ווי צו אַלע אַנדערע פערד וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער פאַרם. איז ער דאָך אינאיינעם מיט אים אויסגעוואַקסן; הייסט ער דאָך מיט זיין נאָמען — באַב.

באַב, דער פערד, פילט זיך גוט מיט דעם יונגן באַלעבאָס; ניט ערגער ווי מיט'ן אַלטען. ער האָט ניט וואָס צו באַקלאָגן זיך. ער פילט אָבער אַז אַ מאָדנע שטייפקייט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיינע גלידער, און די פיס זיינע הויבן-אָן צייטנווייז זיך צו בייגן אונטער דער שווערקייט פון זיין אייגענעם גוף. און די אויגן זיינען שוין אויך ניט דאָס וואָס אַמאָל. ניטאָ דער לויטערער קוק, און עס פעלט דאָס גלאַנציק-בלויע שפּיגעלע אין זיי. מאַט זיינען זיי, אַזוי ווי מיט אַ נעפּל פאַרצויגן. און אין די ווינקלען האָט זיך אָנגעקליבן אַ ווייסע פליסיקייט, וואָס לאָזט ניט קוקן גלייך.

און די פעל, די גלאַטע, ברוינע פעל, וואָס פלעגט גלאַנצן אַזוי שיין קעגן די שטראַלן פון דער זון, — פאַרלוירן האָט די פעל איר גלאַנץ און איר פרישן אויסזען. אויף די זייטן האָט ער נעקראָגן טונקעלע פלעקן. דאָס איז געווען דאָרט וואו די פעל האָט זיך אויסגעריבן פון אַזוי פיל יאָרן טראָגן אויף זיך די לעדערנע שלייעס פונ'ם כאָמעט. און די גריווע איז אויך האַלב אויסגעקראָכן, און אינעם עק זיינען געבליבן בלויז עטלעכע גע־ציילטע האָר, ניט גענוג אַפילו אָן איינציקע פליג צו פאַרטרייבן.

און מיט זיין געהער איז אויך עפּעס ניט גלאַט. פאַרטראַכט ער זיך אַמאָל, קען ער אַזוי אָפּשטיין וועט ער ווייסט ווי לאַנג, סיידן דער יונגער באַלעבאָס דערלאַנגט אים מיט דער בייטש איבער'ן רוקן. דעמאָלט כאַפּט ער זיך אויף און הויבט אָן שלעפּן דעם אַקער. נאָר דער אַקער איז אַזוי שווער געוואָרן, גלייך ער וואָלט טויזנטער פונט געשלעפּט. מאַכט ער אַ שפּאַן, צוויי און

דריי, און בלייבט שטיין, ציט שווער דעם אָטעם, פּאַכט מיט די זייטן ווי דער בלאָזזאַק ביים שמיד פון׳ם דאָרף, און די פיס ביינן זיך אונטער אים.

* * *

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, איז באַב געשטאַנען איבער זיין קאָרעטע האָבער, האָט געגעסן פּאַוואָליע און געקייט נאָך לאַנג־זאַמער.

אַמאָל מיט יאָרן צוריק, האָט אַזאַ ביסל האָבער באַ אים געק־קלעקט אויף איין צאָן. מיט׳ן קוק האָט ער עס איינגעשלונגען. היינט שטייט ער און קייעט און מעלה גרה׳ט אַזוי ווי אַ פּשוט׳ע קו וואָס מעלקט זיך יעדן פרימאָרגן און פאַרנאַכט. היינט זיינען די ציין שטומפּ געוואָרן, קאַליע געוואָרן, קענען מער דעם האָבער ניט צעמאָלן.

און בעת ער איז אַזוי געשטאַנען אומעטיק איבער דער קאָ־רעטע האָבער, האָט ער דערפילט אַ גלאַטע האַנט אויפ׳ן רוקן. ס׳איז געווען אַנגענעם, און די גאַנצע פעל זיינע האָט פון פאַר־געניגן זיך אַ קנייטש געטאָן. ער האָט דערקענט די געטרייע האַנט פון דעם אַלטן מעק. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַזוי ווי ער וואָלט דערזען אַן אַלטן פריינט, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג נאָך אים געביינקט.

מעק, מיט גרייזגרויע האָר, און אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען לעבן אים, געקוקט ווי ער מוטשעט זיך איבער׳ן ביסל האָבער און האָט צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ.

— אַלט געוואָרן, באַב, האַ?ביידע זיינען מיר אַלט געוואָרן... איך און דו — מיר טויגן שוין ביידע צו גאָרניט.

ער האָט אָפּגעבונדן באַב׳ן פון דער קאָרעטע און האָט אים אַרויסגעפירט אויף דער גרינע לאָנקע.

— פון איצט אָן, באַב, — האָט דער אַלטער מעק גערעדט צום פערד, — פון איצט אָן וועסטו מער ניט אַרבעטן. גענוג. האָסט דיין אַרבעט ערלעך אָפּגעטאָן. צייט פאַר דיר זיך אויסצו־רוען.

באַב האָט זיך אויפגעמונטערט, האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דער גריווע, געוואָלט ווי אַמאָל צעיאָגן זיך איבער׳ן גרינעם פעלד, נאָר די אַלטע פיס האָבן מער ניט געדינט.

# אָן וואסער

דער ישוב איז געשטאנען אויף גאָר א הויכן אָרט, ביים סאמע פוס פון די מערב בערג. נידריקער פונ׳ם ישוב האָט זיך אויסגעשפּרייט דער טאָל. דאָרט, אינ׳ם טאָל, זיינען געווען גרינע פעלדער און שמעקנדיקע גערטנער. גרינער סאמעט און בלויע קווייטן האָבן זיך געשפּרייט אין דער נידער, און קלאָרע שטראָמען וואסער האָבן זיך געצויגן ווי זילבערנע שנירלעך דורך די פעלדער, האָבן אָנגעטרונקן די ערד און זי פעט געמאכט.

נאָר דער ישוב אַליין, ביים פוס פון די מערב בערג, איז געווען טרוקן, אָן וואסער.

די האלב־אויסגעבויגענע פלאַך, וואָס האָט זיך געצויגן ביז די בערג און נאָך העכער, איז געווען באַדעקט מיט קליינע, נידריקע, האלב צעטריקענטע דערנער, און צווישן זיי האָבן זיך אָנגעהויפט קליינע זאמד־בערגלעך, וואָס דער ווינט האָט צומאָל אויפגעהויבן אין דער הויך און פונאנדערגעבלאָזן איבער׳ן ישוב.

קייןביימער זיינען דאָרט ניט געוואקסן, און ארום די הייזער האָט קיין גרעזל ניט געגרינט. די בהמות און די שאָף האָבן זיך גענערט מיט די צעטריקנטע דערנער, וואָס האָבן קיין זאפט ניט געהאַט, נאָר אויפ׳ן ווינטער האָט מען פאַר זיי פאַרגרייט היי, וואָס מ׳האָט געבראַכט צופירן פון דער נידער, פונ׳ם טאָל.

שלעכט איז געווען.

אָבער נאָך ערגער איז געווען פאַר די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט און געוואָלט אין דער טרוקענער מדבר א ישוב אויפבויען. זיי האָבן קיין וואסער ניט געהאַט. די פעלדער האָבן כסדר געברענט און די הייסע זון האָט דאָס לעצטע ביסל זאפט פון דער ערד ארויסגעצויגן. און אַז מ׳האָט געדאַרפט די פערד און די קי אָנטרינקן, האָט מען זיי געדאַרפט פירן מיילן־ווייט, אַזש ביז דעם ערשטן וואסער שטראָם, וואָס האָט געפלאָסן אין טאָל.

און די ווייבער זיינען גאָר פאַראומערט געווען. זיי האָבן ניט געהאַט גענוג וואַסער אַפילו אָפּצוקאָכן אַביסל זופּ. זיי האָבן ניט געהאַט קיין וואַסער די קינדער אַרומצוואַשן. צומאָל איז ניט געווען גענוג וואַסער אַפילו אַ טרונק צו טאָן.

פּלעגט מען זיך קליגן און זאַמלען רעגנוואַסער אין פּעסער און אין גריבער. האָט דאָס דאָזיקע וואַסער גיך דעם טעם פאַרלוירן, און דאָס איבעריקע פּלעגט גיך אויסגעטריקנט ווערן פון דער זון.

האָט מען אָנגעהויבן ברייִנגען פּעסלעך וואַסער פון אונטען, פון׳ם טאָל. איז עס אויך ניט גרינג געווען. איינער האָט דעם צאַפּן פאַרלוירן, איז דאָס וואַסער אויפ׳ן וועג אויסגערונען און ער איז געקומען צופאָרן מיט אַ ליידיקער פאַס. אַ צווייטער האָט מיט׳ן וואָגן זיך איבערגעקערט, דאָס וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן, און איז אַליין קוים מיט׳ן לעבן אַרויס. אַ דריטער האָט אויף אַזאַ אופן אַ פוס צעבראָכן.

שלעכט איז געווען.

און דער אומעט האָט געוואַקסן אין דעם ישוב. מענטשן זיינען אָן קעפּ אַרומגעגאַנגען. אַ קלייניקייט, אַ ישוב אָן וואַסער!

און דער ישוב האָט אָנגעהויבן אַזוי ווי פון זיך אַליין אָפּצושטאַרבן, איינצושרומפּן, קלענער ווערן.

ביז אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן אַלע מאַנסבילן זיך אָנגעגורט מיט אייזערנע גראַבאייזנס, מיט העק און מיט שפּיציקע אייזנס, און האָבן זיך גענומען אַ ברונען צו גראָבן.

איז אָבער די ערד געווען האַרט און אויסגעטריקנט, און די אייזערנע רידלס האָבן זיך כסדר אָנגעשלאָגן אָן גרויסע שטיינער.

מיט שוויים האָבן די מענטשן זיך באַגאָסן; אָבער זיי האָבן אַלץ ווייטער געגראָבן.

זיי ווייסן: ערגיץ ווייט און טיף, אינ׳ם בויך פון דער ערד, אפשר גלייך אָט דאָ, אונטער זייערע סאַמע פיס, לויפן וואַסער־שטראָמען דורך די געדערים פון דער ערד. מ׳דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי דעם דאָזיקן שטראָם צו געפינען. און האָט מען אים איינמאָל געפּאַקט, איז דער ישוב אויף אַלע אייביקן מיט וואַסער פאַרזאָרגט.

האָבן זיי יעדן טאָג אויף אַ נייעם אָרט גענומען גראָבן און דעם וואַסערשטראָם געזוכט.

און גאַר גיך איז דער גאַנצער ישוב, אויף אַלע זיינע וועגן, אין דער ברייט און אין דער לענג, געווען צעגראָבן מיט טיפע גריבער, אָבער אין ערגיץ האָט זיך קיין טראָפּן וואַסער ניט באַוויזן.

זיינען די מענטשן געוואָרן נאָך מער פאַראומערט. געווישט דעם שווייס פונ׳ם פּנים, וואָס איז געווען געמישט מיט געזאַלצענע טרערן פון די אויגן, און זיי האָבן ביטער, אויפ׳ן קול, זיך געקלאָגט. און אַזוי ווי אַמאָל, די אידן אין דער מדבר, האָבן זיי גע׳טענה׳ט: פאַרוואָס האָט מען זיי אין דער מדבר פאַרפירט? אויסצושטאַרבן פון דאָרשט האָט מען זיי אַהער געבראַכט?

אין יענע טעג האָט איינמאָל אין ישוב אַן אָרימער פוסגייער זיך באַוויזן.

ער איז געווען אַן עלטערער מענטש ,אַ הויכער, אַ מאַגערער, מיט לאַנגע, האַלב־גרויע האָר אין דער באָרד און אויפ׳ן קאָפּ, מיט צוויי שוואַרצע אויגן, וואָס זיינען אים געזעסן טיף אין די אויגנלעכער. ער איז געקומען ערגיץ פון די בערג, און אפשר פון נאָך ווייטער. ער איז געווען אַ פאַרשטויבטער; אַ מידער, מיט שיך פון פעל אויף די פיס, און מיט דער פעל פון אַ הירש פאַרוואָרפן איבער׳ן אַקסל. און אין דער רעכטער האַנט האָט ער געטראָגן אַ לאַנגן שטעקן.

אָנגעקומען צו דער ערשטער הויז, ביים סאַמע אָנהויב פונ׳ם ישוב, האָט דער פוסגייער זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר און האָט אָנגעקלאַפּט.

די טיר האָט אים געעפנט אַ בלאַסע פרוי מיט אַ פאַראומערט פּנים. זי האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר׳ן פרעמדן. זי האָט זיך גיכער געוואונדערט, ווי קומט אַ פרעמדער מענטש אַהער, אין ישוב?

און זי האָט געפרעגט:

— וואָס קען איך טאָן פאַר דיר, פרעמדער?

— איך בעט ניט פיל, — האָט געזאָגט דער פוסגייער, — ניט מער ווי אַ טרונק וואַסער.

האָט אויף דער פרוי׳ס בלאַסע ליפּן זיך צעלייגט אַ קרומער שמייכל, און זי האָט שטיל געזאָגט:

— מיין ליבער פריינט, מיר האָבן אַליין קיין טראָפּן וואַסער ניט.

האָט דער פוסגייער זיך געוואונדערט: מענטשן זאָלן זיין אזוי קארג, אז זיי זאָלן א פרעמדן מענטשן אביסל וואסער ניט געבן?

און גלייך ווי די פרוי וואָלט פארשטאנען וואָס דער פרעמדער טראַכט, האָט זי באַלד געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, פרעמדער, א קריגל פרישע מילך, וועל איך דיר מיט פאַרגעניגן גיבן.

האָט דער פוסגייער זיך נאָך מער געוואונדערט: מילך יאָ און וואסער ניט?

און ווידער האָט די פרוי דעם פרעמדנ'ס געדאנקן געלייענט, און זי האָט געזאָגט:

—אין אונדזער גאנצן ישוב איז קיין טראָפּן וואסער ניט צו באקומען . . .

דערנאָך, אז דער פוסגייער האָט זיין דארשט געשטילט מיט א קריגל מילך, און ער האָט זיך אביסל אָפּגערוט פונ'ם וועג, האָט די פרוי אים ווייטער דערציילט:

— אונזערע מאנסבילן ארבעטן נעביך פון פרי ביז שפעט. זיי גראָבן מיט אייזערנע רידלס, זיי האקן מיט שטאָלענע העק, זיי בויערן מיט שפּיציקע אייזנס, אפשר וועלן זיי ערגיץ א קוואַלכל וואסער אנטדעקן.

— און קענען ניט געפינען? — פרעגט איבער דער פרעמדער.

— ניין, — ענטפערט די פרוי.

האָט דער פרעמדער זיך אויפגעהויבן, האָט באדאנקט דער פרוי פאַר איר גוט הארץ און איז ארוים פון הויז. שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און פון ערגיץ האָט ער מיטגעבראכט א יונג צווייגל פון א קאַרשן בוים.

— פיר מיך צו דיינע לייט, — האָט ער געזאָגט צו דער פרוי.

וואונדערט זיך די פרוי און זי פרעגט:

— צו וואָס?

— אזוי. — זאָגט דער פוסגייער. — איך וויל זיי העלפן א ברונעם גראָבן.

— דו קענסט? — פרעגט די פרוי?

— איך וועל פּרואוון . . . — זאָגט דער פרעמדער.

פירט זי אים צו די מאנסבילן, וואָס זיינען שוין פארמאַטערט פון דער שווערער ארבעט.

— ליבע ברידער, — זאָגט ער צו זיי — איך וועל אייך פירן צום פּלאַץ וואו א וואַסערשטראָם פליסט.

— און ווער ביזטו עס, — זאָגן די מענטשן, — אַז מיר זאָלן דיר גלויבן און דיר נאָכגיין?

— איך קום פון די בערג, — זאָגט דער פוסגייער. — גאָט האָט מיך באַשאַנקען מיט דעם כח צו דערשפּירן דעם פּלאַץ וואו וואַסער ריזלט. קוקט ניט אַזוי פאַרוואונדערט אויף מיר, מיינע ברידער; קיין מכשף בין איך ניט. קיין וואונדער שאַף איך ניט. נאָר אָט דאָס קאַרשן-צווייגל וואָס איר זעט אין מיין האַנט, וועט אונז פירן צום ריכטיקן פּלאַץ.

האָבן די מענטשן דאָס געהערט און האָבן זיך געוואונדערט. א טייל האָבן געגלויבט און א טייל האָבן געלאַכט, געשפּאַסט און חוזק געמאַכט.

פונדעסטוועגן זיינען זיי אַלע אים נאָכגעגאַנגען.

פאַראויס איז געגאַנגען דער פוסגייער. מיט די פעלענע שיך אויף די באָרוועסע פיס, מיט דער הירשנפעל איבער'ם אַקסל, און מיט די לאַנגע, גרויע האָר, וואָס זיינען ווי לאָקן אים אַרונטערגעפאַלן פון קאָפּ, און מיט דער ברייטער באָרד וואָס דער ווינט האָט צעשויבערט און זי צעבלאָזן אויף אַלע זייטן.

אין ביידע הענט, גלייך אויסגעשטרעקט פאַר זיך, האָט ער שטייף געהאַלטן דאָס יונגע צווייגל פונ'ם קאַרשן בוים. געהאַלטן דאָס פעסט און געדריקט מיט ביידע הענט, און געגאַנגען לאַנגזאַם, באַזאַכט, שטיל, טריט ביי טריט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו עפּעס א קול וואָס דאַרף אַרויפשטייגן פון דער טיפעניש פון דער ערד.

און זיינע אויגן, טיפע און שוואַרצע, זיינען געווען אומרואיק און האָבן געברענט מיט א בליצנדיק פייערל. ער האָט געקוקט ערגיץ ווייט פאַר זיך, נאָר ער האָט אפשר גאָר ניט געזען אין דער דאָזיקער מינוט. ער האָט נאָר געהערט. ניין, ניט געהערט, נאָר געשפּירט.

און הינטער אים, און אַרום אים, זיינען מיטגעגאַנגען אַלע איינוואוינער פונ'ם ישוב: מענער, ווייבער און קינדער. אַלע זיינען זיי געגאַנגען שטיל אין זיינע טריט, אַזוי ווי גלויביקע גייען נאָך א הייליקן, וואָס טראָגט מיט זיך א ישועה און א היילונג.

אפילו די אָפּשפּעטער האָבן מער ניט געלאַכט.

אזוי האָט דער פּרעמדער זיי ארומגעפירט אַ טאָג מיט אַ נאכט, און ווידעראמאָל א טאָג מיט אַ נאכט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, ניט אָפּרוענדיק זיך, ניט נעמענדיק קיין טראָפּן מילך אויף די ליפּן, ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, ניט אָפּווענדנדיק דעם בליק, נאָר שטיל, איינהערנדיק זיך, איז ער געגאנגען טריט בא טריט, שפּאַן נאָך שפּאַן, מיט דעם קארשנצווייגל אין ביידע הענט. זיין בליק געווענדט אין דער ווייט, און די ליפּן פעסט צונויפגעדריקט. אזוי האָט ער געשפּאַנט איבער דער ברייט און איבער דער לענג פון׳ם ישוב, איבער אַלע וועגן און אַלע שטעגן, און אַלע איינוואוינער הינטער אים און ארום אים.

און אויפ׳ן דריטן טאָג, ווען די זון איז געשטאַנען אין רעכטן מיטן הימל, האָט דער פּרעמדער זיך אָפּגעשטעלט, און הינטער אים איז מיט אמאָל דער גאנצער עולם ווי פארגליווערט געוואָרן.

און דער פוסגייער האָט אויסגערופן:

— זעט איר ניט? הערט איר ניט?

דער עולם האָט אים ארומגערינגלט, געקוקט אים אין די אויגן, אין מויל. אָבער ער האָט די אויגן פארמאכט, די ליפּן פארשלאָסן, נאָר זיין ברוסט האָט זיך שטארק באוועגט, און זיינע הענט, וואָס האָבן אַלץ געהאלטן שטייף דאָס צווייגל, האָבן לייכט אויפגעציטערט.

און די וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו אים האָבן געזען, ווי דאָס קארשנצווייגל האָט פון זיך אליין זיך לאנגזאם איבערגעדרייט אין זיינע הענט.

דעמאָלט האָט דער פּרעמדער געעפנט די אויגן און אַ גרויסע פרייד האָט פון זיי ארויסגעשטראַלט. ער האָט אין דער הויך אויפגעהויבן דאָס צווייגל און האָט אויסגערופן:

— אָט דאָ איז עס!

אַ גרויס געדרודער איז געוואָרן צווישן די מענטשן ארום אים.

און דער פּרעמדער האָט ווידער געזאָגט:

— אָט דאָ, אונטער מיינע פיס, שטראָמט אַ קוואַל פון קאַלטער, דערקוויקנדיקער וואַסער. איירע גראַבאייזנס אהער!

און געווען איז עס בא דער טיר פון דער בלאַסער פרוי, וואָס האָט דעם פּרעמדן, אנשטאט וואַסער אַ קריגל מילך דערלאַנגט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צוועלף טעג און צוועלף נעכט האָבן די מענטשן אויף דעם דאָזיקן אָרט געבויערט און געגראָבן, און לסוף האָבן זיי טאקע א קוואל וואסער געפונען.

און ביז דעם היינטיקן טאָג שטייט אויף יענעם אָרט דער ברונען, און מענטשן וואָס גייען דאָרט פארביי, שטעלן זיך אָפּ, טרינקען זיך אָן און שטילן זייער דורשט, און דערנאָך מורמלען זיי מיט פרומע ליפּן:

— געבענטשט זאָל זיין דער נאָמען פון דעם פוסגייער! . . .

# צוויי פערד

א לאנגע צייט איז קליפ, א הויכער, שיינער פערד, געשטא־נען אליין אין שטאל. זיין באלעבאס, נאך גאר א יונגער פארמער, איז ניט געווען בכח צו קויפן א צווייטן פערד, וואס זאל זיין א פאר צו קליפ׳ן. פלעגט דער יונגער פארמער זיך שטארק פלאגן מיט דעם איינעם פערד.

אבער קליפ האט פונדעסטוועגן ניט געקענט זיך באקלאגן אויף שווערער ארבעט אדער אויף ווינציק עסן, אדער אויף א שלעכט געלעגער. די איינציקע זאך וואס האט קליפ׳ן שטארק אויסגעפעלט, איז געווען — א צווייטער פערד, א חבר. עס איז אים געווען שווער די עלנדקייט, דאס שטענדיק זיין אליין אין שטאל. אויפגעוואקסן איז ער אויף א גרויסער פארם, וואו עס זיינען אלעמאל געווען אסך פערד און יונגע לאשיקעס. מיט זיי פלעגט ער גאנצע טעג זיך ארומיאגן איבער די פרייע, ברייטע פעלדער, קלעטערן אויף די שפיציקע בערג און זיך קייקלען אין דעם הויכן גראז. אבער דא, ביי זיין יונגן באלעבאס, איז אים געווען שטארק אומעטיק. ארבעט איז ניט געווען קיין סך, האט אים דערפאר געפעלט באוועגונג. ער האט געפילט, דער ארימער פערד, ווי די גלידער ווערן אים צו־נויפגעוואקסן, און אז באלד וועט ער שוין מיט א פוס ניט קענען א הויב טאן. די גאנצע צייט שטייט ער בא א פולער קארעטע מיט האבער, שמעקט אלע וויילע די פרישע, שמעקנדיקע היי, אבער אפעטיט צום עסן האט ער ניט. ער גלאצט אויס די גרויסע אויגן, צעעפנט ברייט דאס מויל, און פון גרויס נודנעקייט הערט ער ניט אויף צו גניצן אויף זיין שטייגער. ער בייט כסדר די פיס, פונ׳ם רעכטן אויפ׳ן לינקן, פונ׳ם פאדערשטן אויפ׳ן הינטערשטן, און אזוי צוריק; לייגט זיך און הייבט זיך ווידער אויף, בלאזט מיט די

נאָזלעכער, שמעקט צום עסן, און בלייבט שטיין א טיף־פאַר־קלערטער אין זיינע פערדישע מחשבות.

אז ס׳קומט אריין דער באַלעבאָס, דער יונגער פאַרמער, אין שטאַל, דרייט קליפּ אויף גיך אויס דעם קאָפּ, און לאָזט ארויס אַן אומעטיקן הירזשען. ער קוקט אויף זיין באַלעבאָס מיט א פאַר־ביינקטן בליק, אז דעם אָרימען פאַרמער כאַפּט אָן א גרויס רחמנות.

— איך וויים, קליפּ, איך וויים וואָס דיר פעלט . . . מאכט דער יונגער פאַרמער צום פערד און גלעט אים מיט ליבשאַפט איבער׳ן לאַנגן, גלאַטן האַלז. — דיר פעלט א חבר. איך וויים. און מיר פעלט א צווייטער פערד צו דער ארבעט אויפ׳ן פעלד. אוי, דאַרף איך . . .

און איינמאָל, אין א פאַרנאַכט, איז דער יונגער פאַרמער געקומען א היים, און האָט געפירט א פערד אויף א שטריק. דער נייער פערד איז געווען נידריקער פון קליפּ׳ן. ער האָט אויך אויס־געזען צו זיין אסך עלטער פון קליפּ׳ן, אָבער אַזוי גיך ווי דער פאַרמער האָט אריינגעפירט דעם נייעם פערד אין שטאַל, און אוועק־געשטעלט אים לעבן קליפּ׳ן, האָט קליפּ געגעבן א הויב־אויף דעם קאָפּ און פון גרויס פרייד האָט ער א הירזשע געטאָן אויפ׳ן הויכן קול. דערנאָך האָט ער אויסגעצויגן דעם לאַנגן האַלז זיינעם, און האָט צוגעבויגן דעם קאָפּ צו דעם נייעם שכן, א שמעק געטאָן צו אים מיט דער נאָז, און אויף אַזאַ אופן געשלאָסן מיט אים באַ־קאַנטשאַפט.

— אויף קליפּ׳ן איז נאָר א נייע הויט געקומען, — האָט דער יונגער פאַרמער געזאָגט צו דער פאַרמערקע. זי איז גע־שטאַנען פון וויטן און האָט נייגעריק באַטראַכט דעם נייעם פערד.

— וואו האָסטו אים געקראָגן? — האָט זי געפרעגט.

— ס׳איז אַזאַ מעשה, — דערציילט דער פאַרמער. — אונדזער שכן, מר. לאָן, האָט אַן איבריקן פערד, וואָס שטייט איצט אָן ארבעט, און ער טוט ניט מער, נאָר ער עסט. האָב איך זיך גראַד פונאנדערגערעדט מיט אים, דערציילט אים פון מיינע צרות, ווי שווער ס׳איז מיר אויסצוקומען מיט איין פערד. איז מר. לאָן געווען אַזוי גוט, און האָט מיר אַליין אָנגעבאָטן דעם דאָזיקן פערד, דאָס הייסט, ביז ער אַליין וועט אים באַדאַרפן. זאָג אַליין, איז דאָס ניט א פיינקייט פון א שכן?

— אודאי, אודאי . . . — שטימט צו די פארמערקע. און ביידע קוקן פון וויטן ווי קליפ האָט מיט חשק זיך צוגעבאפּט צו די היי און צו דעם האָבער, און ווי דער גלאַנץ אין זיינע אויגן איז געוואָרן לויטער און העל.

* * *

אזוי זיינען אוועק עטלעכע וואָכן. דער פאַרמער האָט גע־שפּאַנט קליפ׳ן צוזאמען מיט דעם געבאָרגטן פערד, און האָט אויפגעטאָן אסך ארבעט אויף זיין לאנד און ארום דער הויז. און קליפ איז געוואָרן גאָר אַן אנדער פערד. גאָר ניט צום דערקענען. ער האָט טאקע איצט געגעסן אסך מער ווי פריער, אָבער זיין באַלעבאָס האָט אים דאָס עסן קיינמאָל ניט געקאַרגט.

דער צווייטער פערד איז געווען א שטילער, א רואיקער, מיט א שווארצער פעל און מיט א ווייסן פלעק איבער׳ן גאַנצן שטערן. מר. לאַן האָט דעם פערד גערופן בארני, און אזוי האָט אויך דער יונגער פארמער אים גערופן. און אַט דער דאָזיקער בארני איז גאָר גיך געוואָרן באַליבט ביי דעם פארמער׳ס צוויי קליינע מיי־דעלעך. קוים האָט דער פאָטער אוועקגעשטעלט די צוויי פערד אין שטאַל, זיינען די צוויי קינדער באלד דאָרט געווען, און זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו האָדעווען די צוויי פערד. אונטערגעוואָרפן זיי אלעמאָל פרישע היי און אביסל האָבער אויך, כאָטש דער פאפּע האָט זיי אָנגעזאָגט, אז האָבער זאָלן זיי די פערד ניט געבן. אַלע ווייַלע האָבן זיי געבראכט עפּעס אַן אנדער נאשעריי און מכבד געווען די צוויי פערד. אמאָל אן עפּל, אמאָל א שטיקל צוקער, און די קינדער פלעגן זיך שמעלצן פון נחת, ווען די פערד האָבן גענעסן פון זייערע הענט ארוים.

דערנאָך פלעגן זיי פירן די פערד צום וואסער, זיך אָנטרינקן. די עלטערע, שרה׳לע, האָט געפירט קליפ׳ן. זי האָט שוין געהאט א חזקה אויף דעם דאָזיקן פערד, און די קלענערע, לילי, וואָס זי איז נאָך קיין פולע דריי יאָר ניט אַלט געווען, האָט געפירט בארני׳ן. זי האָט אים געהאלטן פאר׳ן שטריק, געשלעפּט אים, ווי ווייט אירע כחות האָבן דערלויבט; געריסן אים ער זאָל גיין גיכער, נאָר דער אלטער בארני מיט זיינע בערישע לאַפּעס האָט געהאט גענוג צייט. קוים וואָס ער האָט געהויבן א פוס, פּאַוואָ־

לינקע אים אראָפּגעשטעלט, דערנאָך אויפגעהויבן דעם צווייטן, דעם דריטן און דעם פערטן. און די קליינע לילי האָט דוקא געוואָלט זיין די ערשטע באַם טייך. האָט זי אים געריסן, געשלעפּט, און ניט אויפגעהערט שרייען:

— קאַם־אָן, באַרני . . . קאַם־אָן . . . גיכער.

פון וויטן שטייט דער יונגער פאַרמער און זיין ווייבל און ביידע האָבן הנאה ווי די קליינע קינדער גיבן אַכטונג אויף די צוויי פערד. נאָר אַלעמאָל דערמאָנט זיך דער פאַרמער, אַז אין דער אמת'ן האָט ער דאָך נאָר איין פערד; דער צווייטער, באַרני, איז דאָך ניט מער ווי אַן אויסגעבאָרגטער, און לאַן, דער גוטער שכן, קען אונטערקומען יעדן טאָג און זאָגן, אַז ער דאַרף דעם פערד פאַר זיך . . .

און אַזוי איז טאַקע געווען.

* * *

— עס פאַרדריסט מיך זייער . . . — האָט געזאָגט דער מר. לאַן. — אָבער איך בין איצט אַליין ביזי אויף מיין פעלד.

און דער יונגער פאַרמער שמייכלט ליבהאַרציק, דריקט מר. לאַן'ס האַנט און דאַנקט:

— ס'איז אָלרייט, מר. לאַן. איך דאַנק אייך זייער און זייער.

— איך וויים, — האָט ווייטער געזאָגט מר. לאַן, — ס'איז שווער אויסצוקומען אויף אַ פאַרם מיט אַן איינציקן פערד . . .

דער יונגער פאַרמער האָט ווידער געשמייכלט.

— עס איז אָבער זייער וואויל, — האָט ער געזאָגט, — ווען מ'האָט באַ דער זייט אַ גוטן שכן, וואָס העלפט ארוים אין אַ נויט.

אַזוי האָבן זיי ביידע געשמייכלט. ביז מר. לאַן האָט אָנגענומען באַרני'ן פאַר'ן שטריק און איז אַוועק מיט אים אהיים.

דער פאַרמער האָט אים לאַנג נאָכגעקוקט און דערנאָך, ווען ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו קליפּ'ן, האָט ער דערזען, ווי יענער שטרעקט דעם קאָפּ אין דער זייט וואו מר. לאַן האָט אַוועקגעפירט באַרני'ן. ער האָט זיך געצויגן אין יענער זייט מיט אַ מין ביינקשאַפט, און זיינע אויגן זיינען אים געוואָרן גרוים און פייכט, און די גרויסע, ארויסגעשטעקטע צונג איז געוואָרן באַדעקט מיט אַ ווייסער קלעפּיקייט.

די קליינע לילי איז געקומען צולויפן מיט שרעק:

— וואו בארני, פאפע ?

— בארני אוועק, בארני . . . ניטאָ מער . . . — האָט דער פאפע געזאָגט מיט אַן אומעטיק קול.

— אנטלאָפן ? — פרעגט איבער די קליינע און איז גרייט צו וויינען. — פאפע, איך כאפן בארני׳ן . . . יאָ ?

ער האָט זי גענומען אויף די הענט, שטיל געדריקט צו זיך און זי געקושט. בא דער טיר איז אים אנטקעגן געקומען די יונגע פארמערקע, און אויף איר פּנים איז געווען פארשפּרייט אַ טיפער צער.

— ניטאָ מער בארני, — האָט ער איר שטיל געלאָזט וויסן.

— געזען . . . געזען . . . — האָט זי געענטפערט, — ס׳האָט זיך מיר עפּיס אָפּגעריסן אין הארצן . . . ניט מער ווי אַ פערד . . . נאָר איך בין שוין געווען צוגעוואוינט צו זען אים יעדן פרימאָרגן מיט זיין ווייסן פלעק אויפ׳ן שטערן.

* * *

יענעם אוונט איז דאָס פּאָר פאָלק געזעסן גאנץ שפּעט אין זייער קליין שטיבל. די קינדער זיינען שוין לאנג געשלאָפן, אין אויוון האָט נאָך געצאנקט דאָס פייער, און דער פארמער און זיין ווייב זיינען געזעסן באם טישל, אין קיך, און האָבן לאנג גע־חשבונ׳ט, און געזוכט פון וואָס אָפּצושפּאָרן, כדי זיי זאָלן קאָנען קויפן אַ צווייטן פערד, אַ פּאָר צו קליפּן. אָבער נאָך אלע שפּאָ־רענישן האָט דער חשבון געוויזן, אַז מיט וואָס צו קויפן אַ צווייטן פערד, איז אַלץ ניטאָ.

זיינען ביידע געבליבן זיצן טיף פארטראַכט און פארקלערט. דער מאַן מיט׳ן בלייטשטיפט אין דער האַנט און מיט אַ פארקנייטשן שטערן איבער׳ן ווייסן פּאַפּיר, און דאָס ווייבל האָט אונטער־גע־שפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און האָט זיך שטילערהייט צוגעהערט ווי קליפּ, שטייענדיק דאָרט ווידער איינער אליין אין שטאַל, האָט ניט אויפגעהערט הירזשען מיט ביינקשאַפט, אַזוי ווי ער וואָלט עמיצן גערופן.

און די קליינע לילי האָט זיך איבערגעוואָרפן אין איר בעטל און פון שלאָף האָט זי ניט אויפגעהערט צו מורמלען:

— איך כאפן בארני׳ן, פאפע . . . איך אים כאפן . . .

# דער לעצטער פריינט

## א.

אויסגעליידיקט אלע צימערן, ריין געמאכט אלע חדרים, אלע דילן, אלע אלמערס און אלע שופלאדן, ריין דורכאויס, גארניט צו דערקענען, אז מענטשן האבן אמאל דא געוואוינט, אז מענטשן האבן ערשט פון דאנען ארויסגעצויגן. די ווענט טאליין שטייען אזוי ווי שטומע עדות, וואס וואלטן געהאט צו דערציילן פון א לעבן, וואס איז דא ערשט געלעבט געווארן, א לעבן וואס האט זיך ערשט איבערגעריסן . . . דא און דארט איז דאס קאלירנדיקע פאפיר אויף די ווענט ארומגעצופט, אפגעריסן און פארקויטיקט; צוועקעס, גרעסערע און קלענערע, שטעקן אין די ווענט, אן איבערבלייבעכץ פון די שפיגלען און די בילדער, וואס זיינען דארט געהאנגען, און אין די ווינקלען, בא דער סטעליע, האבן זיך שוין אנגעהויבן צו ווערן דינע פעדעמלעך פון שפינוועבס.

אליין דריי איך זיך ארום אין די דאזיקע ליידיקע חדרים, און אן אומעט נעמט מיך ארום; דאס ערשט פארגאנגענע לעבן, וואס האט זיך דא אפגעשטעלט, כדי אנצוהויבן זיך אויף דאס ניי ערגעץ אין א נייער הויז, אט דאס דאזיקע ערשט אפגעלעבטע לעבן, צי גוט איז עס געווען, אדער שלעכט, נאר א מאדנע בייני־קעניש נאך דעם פילט־אן דאס גאנצע הארץ און פרעסט די נשמה אזוי ווי מיט צוואנגען. אזוי פיל איך אלע מאל ווען איך צי ארויס פון א הויז, כאטש איך האב דארט געמעגט וואוינען בלויז א קורצע צייט; די דערוויילקע היים, וואו איך האב אפשר נארנישט צוריקגעלאזט, א חוץ עטלעכע צוועקעס אין די ווענט, ווערט מיר נאענט און אייגן, און גיי איך פון דארט אוועק, קוק

איך אַלע מאָל צוריק מיט אַ פאַרטרערטן בליק — אויף דעם לעבן וואָס איך האָב דאָרט פאַרלעבט.

אזוי פיל איך . . . און אפשר בין איך נישט דער איינציקער.

## ב.

דריי איך זיך איבער די ליידיקע חדרים, שרעק ייך פאַר דער איינזאַמקייט און פאַר דער אומהיימליכקייט פון דער נאַכט, וואָס רוקט זיך אונטער מיט אַ בלינדער פינצטערניש, און איך טראַכט, אַז איבערבלייבן אַליין דאָ, כאָטש נישט מער ווי איבער איין נאַכט, איבערבלייבן דער לעצטער אין דעם דאָזיקן הויז, כדי צו ברייננגען אין אָרדנונג אַ פּאָר קליינינקייטן, איז אפשר ניט געווען אַזאַ גרויסער שכל. אָבער איך האָב זיך ניט אויסגע־מאָלט פריער, אַז דאָס פאַרבלייבן דאָ אַליין וועט אַזוי שטאַרק דריקן אויפ׳ן האַרצן.

איך האָב אָנגעצונדן אַ קליינעם פייער אינ׳ם אויוון, האָב זיך געמאַכט באַקוועם אינ׳ם איינציקן, צעבראָכענעם שאָקל־שטול וואָס איז דאָ שוין פאַרבליבן, און האָב געפּרואווט אַריינקוקן אין אַ צייטונג. אָבער די מאָדנע שטילקייט האָט מיך ניט גע־לאָזט רוען; איך האָב געפילט אַזוי ווי די שטילקייט וואָלט מיר געשריען אין די אויערן מיט אַלערליי קלאַנגלאָזע טענער . . . די ווינקלען פונ׳ם צימער האָבן זיך איינגעהילט אין די נאַכטיקע שאָטנס, און מיר האָט זיך געדאַכט אַזוי ווי פון דאָרטן וואָלטן אַרויסגעקוקט די שטיפערישע אויגעלעך פון די קינדער, מיט וועמען איך האָב אַזוי אָפט דאָ געשפּילט אין אַלערליי שפּיל־רייען . . . איך האָב צוגעמאַכט די אויגן, צוגעדריקט זיי מיט דער האַנט, נאָר די קינדער האָבן זיך איצט אַרויסגעריסן פון זייע־רע באַהאַלטענע ווינקלען, האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומיאָגן איבער דעם ליידיקן חדר, אָבער אַזוי שטיל, אָן גערויש, אַ קלאַנג נישט צו פאַרנעמען. אָ, איך וויים, דאָס טאַנצן זיי אַזוי אויף די שפּיץ־פינגער, מיט אַ פינגערל אויפ׳ן מויל, מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן; זיי דרייען זיך הינטער מיר, אַרום מיר, באַלד וועלן זיי זיך אַרויפוואַרפן אויף מיר, וועלן מיך אַרומנעמען, צופּן און

רייסן, וועלן מיר צומאַכן די אויגן מיט זייערע קליינע הענטלעך, און וואַרטן איך זאָל טרעפן ווער עס האַלט מיך צו פון הינטן . . .

אָבער דאָס איז נאָר כל זמן איך האַלט די אויגן פאַרמאַכט. עפן איך זיי אָבער אויף, דערזע איך דאָס גרויסע צימער, האַלב־איינגעהילט אין פינצטערניש, איך זע דאָס צאַנקנדיקע פייער אינ׳ם אויוון, און איך פיל דעם איינציקן, צעבראָכענעם שאָקל־שטול, אויף וועלכן איך זיץ . . .

דורך די פענצטער קוקט אריין די פינצטערע נאַכט, דער ווינט שאָקלט מיט די טרוקענע צווייגן פון דיביימער, און די אַלטע, איינגעהויקערטע פאַרם־הויז שאָקלט זיך אזוי ווי א שכור׳ע פון דעם ווינט וואָס יאָגט אויף איר פון אַלע זייטן און וואיעט אזוי אונהיימלעך אינ׳ם קוימען און רייסט די צעפוילטע שינדלן פונ׳ם דאַך. עס וועט אפשר רעגענען, און אפשר נאָר שנייען. אָבער מיר איז עס דאָך איצט אַלץ איינס. נאָר דער געדאַנק, אז איך בין איינער אַליין איצט איבער דער גאַנצער, גרויסער, ניד־ריקער הויז, אַליין איבער דעם ברייטן, ווייטן פעלד, מאַכט מיר די אומהיימלעכקייט נאָך פיינלעכער און דעם שרעק נאָך דריקנדיקער, כאָטש בטבע בין איך נאָר קיין בעל־פחדן ניט.

ג.

איך האָב געמאַכט ליכטיק, דאָס פייערל אין מיין פאַר־רויכערטן לאַמטערן איז אפילו ניט געווען זייער גרויס, און האָט קוים באַלויכטן אַ קליינעם שטח ארום מיר, אָבער עס איז דאָך געווען היימלעכער ווי אין דער פינצטער; די אומהיימלעכקייט האָט אָבער ניט אויפגעהערט. און די דריקנדיקע שטילקייט איז ניט אנטשוויגן געוואָרן. איך האָב דייטלעך געהערט ווי עס קלינגט מיר אין די אויערן, אזוי ווי אַ גריל וואָלט זיך פאַרקליבן דאָרט הינטער מיר, און מיר געלעכערט די אויערן מיט אַ שאַרפן גרילצן. אָבער אָט די דאָזיקע מאָדנע, שרייענדיקע שטילקייט איז מיט אמאָל דורך עפּעס געשטערט געוואָרן, און איך האָב אַ דערשראָקענער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אויף דער טיר, און דאָס גאַנצע לייב האָט מיר אַ ציטער געטאָן, אזוי ווי עס וואָלט געשטאָכן געוואָרן מיט קליינע, שאַרפע נאָדלן פונ׳ם קאָפּ ביז די שפּיץ־פינגער פון די פיס.

א שאָרך, א לייכטער שאָרך האָט זיך דערהערט אין דרויסן פאַר דער טיר, און די האָר פונ׳ם קאָפּ האָבן זיך אַזוי ווי אָפּגעטיילט פונ׳ם שאַרבן.

אָבער דאָס האָט געדויערט ניט מער ווי א רגע. איך בין באַלד געקומען צו זיך, און אויף מיין פנים האָט זיך באַוויזן א דוּאיקער שמייכל און איך האָב לייכט און צופרידן אָפּגעאָטעמט. הייסט עס, איך בין ניט אַליין, דאָך ניט דער איינציקער, דאָך ניט דער לעצטער וואָס איז דאָ פאַרבליבן . . . און איך בין געווען גליקלעך פונ׳ם געדאַנק, אַז ניט ווייט פון מיר קלאַפּט א האַרץ פון א לעבעדיק באַשעפעניש. איך האָב שנעל געעפענט די טיר, עס האָט זיך אַריינגעריסן די פינצטערניש אינאיינעם מיט א שאַרפן קאַלטן ווינט, און האָט אָנגעהויבן לעשן דאָס פייער אין מיין לאָמטערן. אָבער איך האָב דאָס אַלץ געמערקט בלויז פאַרביילויפנדיק. איך האָב מיט נייגער געקוקט צו דער שוועל פון דער טיר, וואו רעקס, אונזער גרויסער, קודלאַטער הונט, איז געלעגן א צונויפגעקאָרטשעטער פון קעלט, און האָט שטילערהייט געוואָיעט.

— העי, רעקס! — האָב איך אים א רוף געטאָן, און לייכט א טאָרע געטאָן מיט דער האַנט. ער איז אויפגעשפרונגען, צופרידן א ביל געטאָן, און האָט זיך אָנגעהויבן רייבן אַרום מיר, און פּלאָנטערן זיך פאַר מיינע פיס.

— קום אין הויז, רעקס, קום אין הויז, — האָב איך אים גערופן; איך האָב ברייט צעעפענט די טיר, און האָב הנאה געהאַט פונ׳ם געדאַנק, אַז איך וועל ניט זיין אַליין דורך דער נאַכט. אָבער רעקס איז אין הויז ניט געגאַנגען. ער האָט געדרייט מיט׳ן עק, האָט אַרויפגעקוקט צו מיר, האָט שטילערהייט געוואָיעט, און איז געווען גרייט צו טאָן וואָס איך וועל אים הייסן. ער איז אָבער ניט געווען געוואוינט אַריינצוקומען אין הויז, אפילו די טיר זאָל א גאַנצן טאָג זיין אָפן. איך האָב אים אָנגענומען פאַר׳ן האַלז און אַריינגעפירט אין הויז.

ד.

איך האָב אים אוועקגעגעבן דאָס לעצטע שטיקל ברויט וואָס איך האָב געפונען אויפ׳ן אויוון, אָבער רעקס האָט צום ברויט

ניט צוגעשמעקט. ער האָט געוואָיעט שטילערהייט, אַרומגעדרייט זיך אַן אומרואיקער איבער דער שטוב, געשמעקט אין אַלע ווינקלען, גענישטערט אין אַלע חדרים, און איז צוריקגעקומען צו מיר אַ טרויעריקער, אַן אומעטיקער, ווידער געדרייט מיט׳ן עק, אַרויפגעקוקט צו מיר מיט בעטנדיקע אויגן, און האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען אויף זיין וואָיענדיקן, הינטישן שטייגער.

— וועמען זוכסטו, רעקס? ווער פעלט דיר דאָ, מיין אָרימער פריינט?

רעקס, אָט דער שיינער, קודלאַטער הונט מיט דער שוואַרצער, גלאַנציקער פעל, וואָס איז אַלעמאָל געווען די קינדערס בעסטער שפּיל־חבר, דער געטרייסטער שומר פאַר׳ן הויז און פאַר דער פאַרם, אָט דער רעקס האָט די לעצטע עטלעכע טעג אינגאַנצן ניט עקזיסטירט פאַר מיר, אַזוי פיל איז דער קאָפּ געווען פאַרנומען מיט אַלערליי אַנדערע געדאַנקען. איצט האָבן אָנגעהויבן אָפּלעבן אין מיין זכרון אַלערליי בילדער, אין וועלכע דער הונט האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. רעקס איז תמיד, סיי באַטאָג, ביי באַנאַכט, געלעגן בא דער טיר, האָט אַ ביל געטאָן יעדעס מאָל ווען עמיצער איז פאַרביינגעפאָרן אונטען, אויפ׳ן וועג, אָדער ווען אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עמיצער, אַ פרעמדער, דרייט זיך אַרום דעם שטאַל, וואו די קי און די פערד זיינען געשטאַנען. צווישן דריי און פיר דעם זייגער פאַרנאַכט, ווען די קינדער האָבן געדאַרפט אַהיים קומען פון שולע, האָט רעקס אָנגעהויבן צו ווערן אומרואיק, איז אַרומגעלאָפן, האָט געוואָיעט און געהאַוקעט און זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. אָבער אַז די ווילע איז אים געוואָרן צו גרויס, און די קינדער האָבן זיך אַלץ ניט באַוויזן, איז רעקס אַרויפגעלאָפן דעם באַרג, געבליבן שטיין בא דער שמאָלער סטעזשקע, געקוקט אין אַלע זייטן, שטילערהייט געוואָיעט, און נישט אָפּגעטראָטן פון דאָרטן ביז די קינדער האָבן זיך באַוויזן באַם וואַלד, צווישן די ביימער. דאַן האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן זיי מיט אַ פריילעכן בילן, געטאַנצט אַרום זיי, געשפּרונגען אויף זיי, און מיט זיי אינאיינעם געקומען אַהיים.

ער האָט אַלע מאָל אָנגעשמעקט וואו די קינדער זיינען, און איז שטענדיק געווען לעבן זיי אַלס זייער שומר, און קוים האָבן זיי איינגעשפּאַנט דעם פערד דורכצופאָרן זיך אַביסל, איז רעקס

שוין ניט אָפּגעטראָטן און האָט זיי באַגלייט דעם גאַנצן טאָג וואו מען איז געפאָרן. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אויפ'ן וועג האָט ער געהאַט אַלערליי שלעכטע באַגעגענישן מיט בייזע הינט, וואָס האָבן חשק געהאַט אַריינצושטעקן זייערע שאַרפע ציין אין זיין שיינער פעל.

שטומערהייט האָט ער דערשפּירט, אַז עפּעס קומט פאָר אויף דער פאַרם און אין הויז; ער האָט צוגעקוקט ווי מען האָט אַוועקגעפירט די פערד און די קי און אַלע אַנדערע באַשעפענישן. ער האָט צוגעקוקט ווי מען האָט אַרויסגעטראָגן פון הויז אַלערליי חפצים. און ער האָט געוואָיעט מיט אַזאַ רחמנות'דיק קול, ממש ווי אַ מענטש, ווען ער זעט, אַז מען נעמט בא אים צו דאָס טייערסטע וואָס ער פאַרמאָגט. די קינדער האָבן זיך מיט אים געזעגנט, נעגלעט אים און געצערטלט, און געשריען צו אים: „גוד־ביי רעקסי, גוד־ביי פאָר עווער." רעקסי איז נאָכגעלאָפן נאָכ'ן וואָגן, געוואָלט אַרויפשפּרינגען און האָט ניט געקענט. איז ער נאָכגעלאָפן מיט אַלע כחות, מיט אַן אַרויסגעשטעקטער רויטער צונג, און האָט געפּאָכט מיט די זייטן. אַזוי איז ער געלאָפן ביז דער באַן. דאָרטן זיינען די קינדער שוין געווען פאַרנומען מיט זיך, און זיי האָבן דעם הונט שוין ניט געזען, אָבער רעקס האָט זיך געריסן אַריינצושפּרינגען אין דער באַן, וואָס האָט דערווייל געריקט פון אָרט. רעקסי האָט געוואָיעט, געבילן, איינגעפּלאָנטערט זיך צווישן די רעדער פון דער לויפנדיקער באַן, און איז קוים אַרויס פון דאָרטן אַ לעבעדיקער.

## ח.

רעקס איז מיד געוואָרן פון אַרומלויפן איבער דער הויז, און פון זיין נישטערן אין אַלע ווינקעלעך און גאָר ניט געפינען, האָט ער זיך אוועקגעלייגט בא מיינע פיס, איינגעקאָרטשעט זיך, געוואָיעט אביסל, און איז אנטשוויגן געוואָרן. איך האָב זיך אַראָפּגעבויגן צו אים, געגלעט אים און געטראַכט פאַר זיך—

אַז איצט וועט רעקס בלייבן אַן עלענדער, אַ פאַרגעסענער, אַ פאַרלאָזענער . . . גערן וואָלט איך אים מיטגענומען מיט זיך, אָבער אין שטאָט וואָס מען דאַרף אונז אָנגעקוקט ווי משוגע וואָס מיר שלעפּן מיט זיך אַ הונט . . . ניין, רעקס דאַרף בלייבן דאָ, אויף

דער פארם; אנדערע מענטשן וועלן קומען, פרעמדע; צום אנהויב וועט רעקס בילן אויף זיי, רייסן זיך, ווארפן זיך אויף זיי מיט רציחה, אבער באלד וועט ער זיך צוגעוויינען צו זיי, ער וועט זיך איינלעבן מיט די נייע בעלי-בתים און וועט פארגעסן די אלטע.

ס'איז מיר שווער געווארן אויפ'ן הארצן פון דעם לעצטן געדאנק. עס איז מיר ניט אנגעשטאנען, אז רעקס זאל ווערן צו אונדז פאלש און אונדז אזוי גיך פארגעסן . . . ניין, בעסער אים דערשיסן דא אויפ'ן פלאץ, איידער ער זאל זיך אונטערלעקן צו זיינע נייע בעלי־בתים, און ווער קען וויסן ווי אזוי די נייע בעלי־בתים וועלן זיך באגיין מיט אים . . . אפשר וועלן זיי זיך גארניט וועלן אומקוקן אויף אים, אפשר פארטרייבן גאר . . . רעקס וועט זיך ארומבלאנקען אויף די פעלדער, וועט זיך ארומשלעפן אויף פרעמדע וועגן, פרעמדע הינט וועלן אים באפאלן, וועלן אים בייסן, רייסן, און קיינער וועט נישט זיין וואס זאל אים אפראטעווען, זיינע שונאים פארטרייבן. עס וועט טאקע גלייכער זיין פאר אים, פאר רעקס'ן, ער זאל זיין טויט, איידער לעבן אזא געמוטשעט לעבן.

און דער מאדנער געדאנק, וואס האט אויף א מינוט א בליץ געטאן אין מיין מוח, האט שוין ניט געוואלט אפטרעטן. איך האב געקוקט אויפ'ן הונט, און א געפיל פון רחמנות האט מיך איינגאנצען באהערשט. עס איז געווען א געפיל פון צווייערליי רחמנות'ן, און איך האב ניט געוואוסט וועלכן אויסצוקלייבן. ניין, אזוי איבערלאזן דעם הונט, האב איך ניט געקענט, מיטנעמען מיט זיך — אויך ניט . . . מיין רחמנות צו אים איז געוואקסן מיט יעדער מינוט, וואס איך האב זיך איבערצייגט, אז פאר אים וועט זיין בעסער, ווען איך וועל אים דערשיסן.

— געט-אפ, רעקס ! — האב איך אים א טארע געטאן, און דער הונט האט שנעל א שפרונג געטאן אין דער הויך, ארויפגעלייגט זיינע פאדערשטע לאפעס צו מיר אויף די קני, געדרייט מיט'ן עק, און געקוקט מיר גלייך אין די אויגן מיט א הינטישער געטריי־שאפט.

— וואס זאל איך טאן מיט דיר, רעקס ? זאג, הא ? — האב איך גערעדט צו אים, און אים אנגענומען פאר'ן שפיץ מארדע. ער האט געוואיעט מיט א דין קול'כעל, ווי א פיצל קינד, וואס

ווערט דערפרווירן פון קעלט. מיר האָט זיך געדאכט, אז ער בעט זיך בא מיר, איך זאָל אים ניט איבערלאָזן אויף הפקר.

— ס'וועט בעסער זיין פאַר דיר, רעקס — האָב איך גערעדט צו אים און אים געגלעט. — איך וועל דיך שיסן, דו וועסט שטאַרבן א מאַרטירער־טויט, און איך וועל דיך ראַטעווען פון א מיאוס לעבן . . . גלויב מיר, רעקס, איך מיין נאָר דיין טובה . . .

איך האָב געפילט ווי טרערן וואָלטן מיר געקומען אין די אויגן, און אזוי ווי עפּעס וואָלט מיר געשפּאַרט אין האַלז . . .

ו.

איך האָב לאַנג געפּאָרעט זיך מיט דער ביקס, באַקוקט זי פון אַלע זייטן, אָפּגעפּוצט זי, אז זי האָט געגלאַנצט ווי ניי. איך האָב זי אָנגעלאָדן און אויסגעלאָדן און ווידער אָנגעלאָדן, אזוי ווי איך וואָלט עפּעס ניט געטרויט מיינע הענט . . . רעקס האָט זיך געדרייט אַרום מיר, געטאַנצט פאַר מיינע פיס, און נאָכגעשפּירט מיין יעדע באַוועגונג.

איך האָב געעפענט די טיר, און אַרויסגערופן רעקס'ן אויפ'ן גאַניק. אין דרויסן איז געווען א געדיכטע פינצטערניש, און דער ווינט האָט געברומט און געוואָיעט, און געבראָכן די צווייגן פון די ביימער. איך האָב געקוקט אין דער פינצטערניש מיט גרויסע אויגן, בעת אך האָב שטייף געדריקט די ביקס אין מיינע הענט; רעקס האָט זיך געטוליעט צו מיינע פיס, איך האָב אים אָפּגעשטופּט פון זיך. כדי בעסער צו קענען צילן אויף אים. איך האָב א נעם געטאָן די ביקס צו מיין אַקסל, גרייט אויסצופירן מיין באַשלוס. איך האָב זיך באַגעגנט מיט דעם הונט'ס שאַרפן בליק. ער האָט אויף מיר געקוקט אי פאַרוואונדערט אי דערשראָקן, און אין זיינע אויגן איז געלעגן עפּעס פון א מענטשלעכן דערשרעק בעת ער דערפילט, אז אן אומגליק איז נאָענט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב אויסגעשאָסן — — — אין דער לופט.

#ביים פרעמדן פייער

צווישן ריזיק־הויכע בערג שפרייט זיך אויס דער ברייטער, גרינלעך־בלויער פישלייק. די בערג זיינען באדעקט מיט הויכעביימער, און פון צווישן זיי קוקן ארויס די שפיציקע סקאלעס, וואס שפיגלען זיך אפּ אין די בלויע וואסערן פון פישלייק. צווישן די בערג און צווישן דעם טייך שפרייט זיך א היבשער, פלאכער פלאץ, מיט גרינעם גראז באוואקסן, און דורכגעשניטן מיט קליינע, לויטערע וואסערשט־אמען, וואס איילן זיך אלע צום פישלייק. אויפ׳ן פלאץ געפינען זיך אן א צאל געצעלטן פון לייוונט און פון ברעטער, וואס פארמער, וואס זיינען אנגעפארן אהער פון ווייט און פון נאענט, האבן צייטווייליק דא אויפגעשטעלט. עס איז זומער צייט, וואקאציע צייט באם פישלייק. באטאג פארברייינגען די מענער אויפ׳ן טייך, באדן זיך, שיפן זיך און כאפּן פיש. פאר־נאכט ברייינגען די מענער טרוקענע קלעצער פונ׳ם וואלד און יעדער פון זיי מאכט א היבשן פייער לעבן זייןביידל. דאס פייער ווארעמט און לייכט־צו, און די פרוי קאכט דערביי איר עסן פאר׳ן נאכטמאל.

פון צווישן אלע די דאזיקעביידלעך טיילן זיך ארויס דריי באַזונדערע, וואס זעען זיך אן מער מיט זייער נייקייט און מיט זייער ריינקייט. אין יעדן פון די דריי ביידלעך געפינען זיך דריי באַזונדערע משפחות, וואס פאַרהאלטן זיך נאענט צווישן זיך. אין דעם ערשטן ביידל געפינט זיך:

דער יעגער און
דעם יעגער׳ס פרוי.

פאר׳ן ביידל ברענט א היבשער פייער, און עס קאכט זיך דארט א טעפּל וואסער פאר טיי. ניט ווייט פונ׳ם פייער, אויפ׳ן גרינעם גראז, איז פארשפּרייט א ווייסער טישטעך און דער יעגער און זיין ווייב עסן זייער אוונטברויט. אביסל ווייטער, באם צווייטן

געצעלט, ברענט אַ קלענערער פייער, און דערביי, אויפ'ן גראָז, אָן אַ טישטעך, זיצן די צוויי פאַרשווינען וואָס וואוינען אין יענעם ביידל:

דער קאָובאָי און

דער מרעפּער (איינער וואָס גיט זיך אָפּ מיט פאַנגען קליינע ווּאלד חיות דורך אויסשטעלן פאַסטקעס צווישן די ביימער).

ביים דריטן געצעלט איז נאָך האַלב־טונקל. אַ קליין פייערל ברענט און אַ קליין טעפּל קאָכט זיך. דאָרט וואוינט:

דער פישער,

דעם פישער'ס פרוי, און

עמאַ, זייער יונגע טאָכטער.

דער פישער איז נאָך ניט צוריקגעקומען פונ'ם טייך און עמאַ איז נאָך אויך ניטאָ. דעם פישער'ס פרוי פּאָרעט זיך ביים פייער און גרייט־צו דאָס עסן אויף אַ קליין טישל, ניט ווייט פונ'ם פייער. וואָס טונקעלער עס ווערט, אַלץ מער אַזעלכע פייערן לויכטן־אויף צווישן די ביימער. העלע שטימען קלינגען־אויף פון צווישן די ביידלעך. עס הערט זיך צומאָל אַ הויך־קלינגנדיקער געלעכטער, וואָס ווערט אויפגעכאַפּט פון דער עכאָ, און צעקלינגט זיך איבער די בערג. ווען ס'איז שטיל, הערט מען פון אַ ביידל אַ שטיל געזאַנג און דאָס מעלאַנכאָלישע שפּילן אויף אַ מענדאָלין.

אויפ'ן וועג, וואָס פירט פון צווישן די בערג, באַווייזט זיך דער וואַנדערער.

ער איז אַ הויכער מאַן אין די מיטעלע יאָרן, מיט שאַרפע שטריכן אויפ'ן פּנים און מיט אַ קלאָרן בליק אין די אויגן. ער טראָגט אויף דער פּלייצע אַ קליין פּעקל און אין דער רעכטער האַנט האַלט ער אַ שטעקן, און ער שפּאַרט זיך אָן אויף אים ווען ער גייט. ער גייט לאַנגזאַם, פאַרטראַכט, און קומט־צו צו דעם ערשטן געצעלט, וואו דער יעגער און זיין ווייב האַלטן אינמיטן עסן.

דער וואַנדערער (קומט צו נאָענט צום פייער)

— גוטן אוונט. (ער שפּאַרט זיך אָן אויפ'ן שטעקן).

דער יעגער און זיין פרוי (פריינטלעך)

גוטן אוונט, פרעמדער.

דער יעגער:

פון וואַנען אַזוי שפּעט?

דער וואַנדערער:

— פון ווייט, מיין פריינט. געשלעפּט זיך דעם גאַנצן טאָג צווישן די בערג.

דעם יעגערס פרוי:

— א שווערער גאַנג, האַ?

דער וואַנדערער:

— שפּיציקע שטיינער, ווילדע גראָזן, און קיין טראָפּן וואַסער אויף דעם גאַנצן וועג,

דעם יעגערס פרוי:

— אַן אמת׳ע מדבר.

דער וואַנדערער:

— און דאָ, מיט אַמאָל — פּישלייק . . . אַ גן־עדן.

דעם יעגערס פרוי:

— אמת. גאָט׳ס ברכה איז אויסגעגאָסן אויפ׳ן פּישלייק.

דער יעגער: (ווערט מיט אַמאָל אָנגעכמורעט)

— גיב עסן.

דער וואַנדערער:

— איר׳ט אפשר אַזוי גוט זיין און מיר דערלויבן זיך צו־צוזעצן לעבן אייער פייער?

דעם יעגערס פרוי:

— אָך, פאַרוואָס ניט?

דער יעגער: (שנעל)

— נ־נאַ . . . דער וואַלד איז קאַרג גרוים? צו ווייניק פּלאַץ נאָך אַ פייער צו מאַכן?

דעם יעגערס פרוי:

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי?

דער וואַנדערער:

— בין מיד . . . אויסגעמאַטערט . . . און צו וואָס דאַרף איך אַ פייער פאַר מיר איינעם אַליין?

דער יעגער: (שטייף)

— ס׳איז קיין וועג ניט צו בעטלן וואַרעמקייט בא אַ פרעמדן פייער, ווען מ׳קען זיך אַן אייגן פייער מאַכן.

דער וואַנדערער:

— איר דאַרפט ניט זיין בייז.

דעם יעגערס פרוי:

— טאַקע, וואָס אַרט דיך . . .

דער יעגער:

— נו, דו זאָלסט עס זאָגן, ווייב . . . האָסט פאַרגעסן לעצטן זומער, ווען מיר האָבן אויפגעשלאָגן אונזער ביידל אויף מערי׳ס ניפל? (צום וואַנדערער) איר מעגט עס הערן, פרעמדער, קומט צו גיין אַ מענטש, פונקט ווען אונדזער פייער ברענט העל און ליכטיק, פרעגט ניט בא קיינעם, און מאַכט זיך היימיש. נו, מילא . . . אָבער אַ מענטש דאַרף קיין חזיר ניט זיין . . . איך האָב נאָר פאַרמאַכט די אויגן — געווען זייער מיד יענעם טאָג, נעמט דער מענטש אַוועק די גליענדיקע קוילן און מאַכט זיך אַ פייער פאַר זיך אַליין.

דער וואַנדערער:

— איז עס אַ זינד?

דער יעגער: (צעקאָכט)

— הערסטו! מיר ביזטו און אויסגעמאַטערט. די לופט אויף די בערג באַנאַכט איז גאַנץ קיל, און אַז דו זיצסט באַם פייער, נעמט דיך אַרום אַ וואַרימקייט, און דו הויבסט אָן דרעמלען . . . אַזוי אַנגענעם, אַזוי זיס . . .

דער וואַנדערער:

— נו?

דער יעגער:

— און דאָ, מיט אַמאָל, קומט אַ פרעמדער, און נעמט בא דיר צו דאָס פייער, און אַ קעלט דרינגט דיר אַריין אין יעדן אבר. ס׳איז אַ קלייניקייט, מיינט איר?

דעם יעגערס פרוי:

— אָבער מיין ליבער, ניט יעדער פרעמדער גנב׳עט הייסע קוילן.

דער יעגער:

— אָבער יעדער פרעמדער קען זיך דאָך אָן אייגן פייער מאַכן.

דער וואַנדערער:

— איר דאַרפט זיך ניט ערגערן. איך גיי אַוועק.

דער יעגער:

— גייט געזונט.

דעם יעגערס פרוי:

— איר האָט כאַטש מיט וואָס פייער צו מאַכן?

דער יעגער: (בייז)

— וואָס אַרט עס דיך?

דער וואַנדערער:

— אַ דאַנק, ליבע פרוי, איך וועל בעסער שלאָפן אין דער פינצטער. וואָס וועל איך זיצן אַליין באַ אַ פייער?

ער גייט לאַנגזאַם אַוועק. ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין און קוקט אַריבער צום צווייטן געצעלט, וואו דער קאָובאָי און דער טרעפּער זיצן נאָך באַם פייער, וואָס האַלט אין צאַנקן.

דער טרעפּער (שרייט אַריבער צו דעם פישער'ס ווייב)

וואָס איז אַזוי שטיל באַ אייך, פישער'ס ווייב? דער אַלטער איז נאָך ניט געקומען פון טייך?

דעם פישערס ווייב:

— ניין, ניטאָ נאָך. איך פאַרשטיי ניט. אפשר האָט מיט אים עפּעס פּאַסירט?

דער טרעפּער:

— דאָס וואָסער איז געווען אַביסל שטורמדיק פאַרנאַכט. אָבער דער אַלטער דיינער איז אַ געניטער רודערער.

דער קאָובאָי:

— און וואו איז עמאַ אַזוי שפּעט?

דעם פישערס ווייב:

— איך האָב געהערט דאָס הירזשען פון איר פערד, דזשאַני. זי מוז ניט ווייט זיין.

דער טרעפּער:

— יאָגט זיך אַרום אויף די בערג?

דעם פישערס ווייב:

— איר בעסטער פאַרגעניגן . . . דזשאַני איז ווילד, און עמאַ איז נאָך ווילדער, ווען זי קומט אַרויף אויף די בערג. זי טראָגט זיך אויף איר פערד ווי אַ ווינט. האָט ניט קיין מורא פאַר קיין זאַך.

דער קאָובאָי: (ברוגז)

— נאַר אָן מיר פאַרגעסט זי.

דער טרעפּער: (שמייכלט)

— זי האָט זיך פאַר'קנס'ט צום אַלטן באָרג גייסט.

דעם פישער'ס ווייב:

— ס'איז גאָרניט קיין געלעכטער.

דער וואַנדערער: (קומט צו)

— גוטן אוונט.

דער טרעפּער:

— אַ, העלאָ, פון וואַנען קומט אַ מענטש?

דער וואַנדערער:

— געוואַנדערט לאַנג, געגאַנגען אַסך. שרעקליך מיד אַצינד.

דער טרעפּער:

— זעץ זיך צו, רו זיך אויס.

דער וואַנדערער:

— אַ דאַנק. אָט דאָ, לעבן אייער פייער?

דער טרעפּער:

— פאַרוואָס ניט? פאַראַן גענוג האָלץ אין וואַלד. היי, טאָם, וואַרף אונטער דאָרט אַ קלעצל.

דער קאָובאָי: (פויל)

— צי היים באַם פייער. און עמאַ איז אַלץ ניטאָ. ניטאָ עמאַ

דער וואַנדערער: (זעצט זיך באַם פייער)

— אַז דו וואַנדערסט אַ טאָג און דו וואַנדערסט אַ נאַכט, און דער שטויב עסט דיך און די זון ברענט דיך . . .

דער טרעפּער:

— און מיט אַמאָל — אַ קוואַל וואַסער? . . .

דער טרעפּער:

— ניין. קיין וואַסער ניט צו געפינען . . . קוים פאַרשלעפּט זיך אַהער. דערפאַר איז שוין דאָ אַלץ פאַראַן . . . ווער וואָלט עס געזאָגט, אַז אָט דאָ, ניט ווייט, איז אַ טרוקענע, הייסע מדבר . . .

דער טרעפּער:

— פון ווייט קומסטו?

דער וואַנדערער:

— פון ווייט? איך ווייס ניט ווי צו מעסטן צווישן ווייט און נאָענט. מיר איז אַלצאיינס. איך גיי.

דער טרעפער:

וואוהין ?

דער וואַנדערער:

— אַן אַ ציל.

דער טרעפער:

— אַלעמאָל אַזוי?

דער וואַנדערער: (שטיל)

— ווי דאָס גאַנצע לעבן . . . (ער צעלייגט זיין פעקל, נעמט אַרויס טרוקן ברויט און עסט).

דער קאָובאָי (הויבט זיך אויף)

— און מיינע פערד וואו זיינען ? (גייט צום וואַלד)

עמאַ: (איר קול הערט זיך פון באַרג)

— פאַמעלעך, דזשאַני . . . רעכטס גיי . . . פאַל ניט . . .

זי קומט אַרויס פון צווישן די בערג, שפרינגט אַרונטער פון דעם שלאַנקן רייטפערד און נעמט אים בא דער צוים. זי בינדט אים צו צו אַ בוים און לויפט צו צו דער מוטער, דעם פישער'ס ווייב.

עמאַ:

— אַ, מאַמע ! (כאַפּט זי אַרום און קושט זי).

דעם פישערס ווייב :

— פאַרוואָס אַזוי שפעט, עמאַ ?

עמאַ: (פריילעך)

— אַ, נעלאָפן איבער די בערג . . . ס'איז אַזוי גוט דאָרט, מאַמע . . . און איצט בין איך מיד . . . מיד . . . (וואַרפט זיך אויפ'ן גראָז, לעבן פייער) און פאַפּע וואו איז ? ניטאָ נאָך ?

דעם פישערס ווייב: (פאַרזאָרגט)

— אַזוי שפעט און ניטאָ נאָך.

עמאַ: (שפרינגט אויף)

איך וועל גיין אַ קוק טאָן.

דער פישער: (פון וויטנס)

— זיץ רואיג, קליינע.

ער קומט אָן מיט עטלעכע פיש אין דער האַנט.

דעם פישערס פרוי: (אים אנטקעגן)

— אַזוי שפעט . . . איך האָב שוין איבערגעטראַכט.

דער פישער:

— אָבער דערפאַר, זע וואָסערע פיש! אמת׳דיקע פיש. גרויסע קאַרפּן . . . נאַ, בראַט זיי. איך בין טויט־הונגעריק.

דעם פישערס ווייב:

— ס׳איז עפּיס געשען מיט דיר אויפ׳ן טייך?

דער פישער:

— גאָט ניט געשען. גיב מיר מיין סוועטער, עמאַ, זיי אַזוי גוט. דער ווינט האָט מיך דורכגענומען אויפ׳ן טייך. אַ בייזער ווינט געווען, אַ שטורעם . . . שוין לאַנג אַזוינס ניט געהאַט.

עמאַ:

— שווער געווען צו רודערן?

דער פישער:

— שווער? געשטאַנען דריי שעה אין מיטן טייך, אויף איין אָרט. געאַרבעט מיט אַלע כחות, ביז שוויס, און ניט פון אָרט.

דער טרעפּער:

— וואָס דערציילסטו דאָרט פאַר נייס, אַלטער? דער טייך האָט דיך ניט געלאָזט אַהיים גיין?

דער פישער:

ניט דער טייך, נאָר דער שטורעם. אָבער איך בין אים בייגע־קומען. פּאַרטיק, עסן, אַלטע?

דעם פישערס ווייב:

— יאָ, איך דערלאַנג גלייך.

עמאַ: (כאַפּט אַ קוק אויפ׳ן וואַנדערער)

— און ווער איז דער??

דעם פישערס ווייב:

— אַ מאַן.

עמאַ:

— דאָס זע איך. אַן אויסגעמאַטערטער.

דער וואַנדערער:

— אומעטיק ביי אייער פייער, פריינט . . . עס פעלט די געטרייע האַנט פון דער פרוי.

דער טרעפער:

— איך בײנק ניט נאָך זײ. איך בין דערפאַר אהער אנטלאָפן.

דער וואַנדערער:

— דאָס פײער װארמט גאָר אנדערש, װען ארום דעם דרײט זיך א ליבנדיקע פרוי. (ער צײגט צום פישער'ס בײדל) דאָרט שײנט צו זײן גאנץ הײמלעך.

דער טרעפער: (הויבט זיך אויף)

— שוין צײט צו שלאָפן.

דרע וואַנדערער: (הויבט זיך אויך אויף)

— אײער פײער צאנקט. װעט באַלד אויסגײן. בא אײער שכן לינקס שלאָפט מען שוין אויך.

דער טרעפער:

— אין די בערג שלאָפט זיך גאָר אנדערש.

דער וואַנדערער:

— איך װעל גײן אהין. (גײט אריבער צום פישער) האָט איר טאקע אסך פיש געכאפט, אלטער פרײנט?

'ער פישער:

— ניט צו באקלאָגן זיך . . . זעצט זיך, פרעמדער, בײסט־צו פון אונזערע פיש. פאַראַן גענוג.

עמאַ: (פאַראינטערעסירט)

— איר זענט מיד, פרעמדער?

דער וואַנדערער:

— זײער מיד.

עמאַ:

— שוין לאנג אז איר װאנדערט?

דער וואַנדערער:

— דאָס גאנצע לעבן.

עמאַ:

— צו װאָס?

דער וואַנדערער:

— אזוי . . . די אומרו טרײבט.

דעם פישערס װײב:

— װאָס פרעגסטו? יעדער באַזונדער האָט זיך זײן משוגעת. און װער טרײבט דיך ארום א גאנצן טאָג אויף די בערג?

עמאַ:

— איך יאָג זיך נאָך אנטעלאָפּן. (צום וואַנדערער) איך שיס שנעל און טרעף אלעמאָל אין ציל.

דער וואַנדערער: (שמייכלט)

— זוכט ניט מיך צו טרעפן.

עמאַ: (לאַכט)

— איך שיס נאָר הירשן. ווילט איר גיין מיט מיר אויף די בערג?

דער וואַנדערער:

— מיר איז אַלצאיינס.

דער פישער: (הויבט זיך אויף)

— מיר איז קאַלט. קום אין בעט, אַלטע. (ער גייט אריין אין ביידל).

דעם פישערס ווייב:

— איך וועל באַלד קומען.

עמאַ: (צום פרעמדן)

— איר לײַדט? געהאַט ווייניק גליק?

דער וואַנדערער:

— נאָר קיין גליק.

עמאַ:

— איר זענט נאָך יונג.

דער וואַנדערער:

— איך האָב שוין אייניקע מאָל געפּרואווט אָנצינדן אַ פייער פאַר זיך אַליין. אויף די הויכע בארג שפּיצן און אין די נידריקע טאָלן. אָבער אלעמאָל זיינען געקומען בייזע ווינטן און האָבן זיי אויסגעלאָשן.

עמאַ:

— אפשר איז דאָס האַלץ געווען נאַס?

דער וואַנדערער:

— פאַרקערט, צו טרוקן. ס'האָט שנעל אויסגעפלאַמט.

דעם פישערס ווייב:

— איך גיי שלאָפן, עמאַ.

עמאַ:

— אַ גוטע נאַכט, מאַמע.

דעם פישערס ווייב:

— וואו וועסטו שלאָפן היינט, עמאַ?

עמאַ:

— איך גיי ניט שלאָפן, מאַמע.

דעם פישערס ווייב:

— ווידער צום שפּיץ באַרג, עמאַ?

עמאַ:

— ווידער צום שפּיץ באַרג, מאַמע.

דעם פישער'ס ווייב:

— אָבער דיין פערד איז טויט מיד.

עמאַ:

— אויבן, ביים אַלטן קאַרסאָן, וועל איך אַן אַנדער פערד קריגן.

דעם פישערס ווייב:

— אָבער ס'איז דאָך אַזוי פינצטער, עמאַ.

עמאַ:

— דאָס פייער וועט מיר צולייכטן, מאַמע. זיי רואיק.

דעם פישערס ווייב:

— לייג צו האַלץ, עמאַ. (זי גייט אַריין אין געצעלט).

עמאַ: (הויבט זיך אויף)—

ווילט איר גיין באַרג-אַרויף?

דער וואַנדערער:

— איצט? . . . . . .

עמאַ:

— געוויס. איצט איז די בעסטע צייט. באַטאָג איז צו היים צו קלעטערן.

דער וואַנדערער:

— וואָס וועט איר דאָרט זען איצט, באַנאַכט?

עמאַ:

— די לבנה, ווי זי קומט אַרויס באַם האָריזאָנט. איך האָב ליב צו זען ווי זי באָדט אירע שטראַלן אין טייך.

דער וואַנדערער:

— זיצט דאָ, ליבע. די לבנה וועט קומען אַהער אויך.

עמאַ: (לאַכט)

— כאַ. כאַ . . . דאָרט איז זי שענער . . . איר גייט ?

דער וואַנדערער:

— צו מיר.

עמאַ:

— גיי איך אַליין.

דער וואַנדערער:

— בלייבט בעסער דאָ.

עמאַ:

— צוליב וואָס ?

דער וואַנדערער:

— עס מאַכט מיר פרייד צו קוקן אויף אייער פריש, מונטער פּנים.

עמאַ:

— קומט אַרויף.

דער וואַנדערער:

— ניט איצט.

עמאַ:

—איצט איז די שענסטע צייט.

דער וואַנדערער:

— צו זיצן דאָ . . . קוקן אויף אייך און חלומ'ן פון פאַרשטאָרבענע גליקן.

עמאַ:

— אייערע גליקן אָפּגעשטאָרבן ?

דער וואַנדערער:

— און באַגראָבן.

עמאַ:

— בויט אַ ניי גליק.

דער וואַנדערער:

— וועט איר מיר העלפן ?

עמאַ:

— מיט וואָס ?

דער וואַנדערער:

— פאַראַן אַסך האָלץ אין וואַלד. מיר קענען מאַכן אַ באַזונדער פייער. פאַר אונדז אַליין.

עמאַ:

— אַ באַזונדער פייער? צו וואָס?

דער וואַנדערער:

— דאָס פרעמדע פייער לייכט, אָבער וואַרמט ניט. עס רייצט בלויז אויף די איינגעשלאָפענע ווייטיקן . . . די האַלב־פאַרהיילטע וואונדן.

עמאַ:

— איך פאַרשטיי ניט.

דער וואַנדערער:

— דאָס דאַרף מען פילן. ווילט איר מיר העלפן מאַכן אַ באַזונדער פייער?

עמאַ:

— איך געהער צו די בערג.

דער וואַנדערער:

— בלויז צו די בערג?

עמאַ:

— צו די בערג. (זי בינדט־אָפּ דעם פערד, זעצט זיך אויף זיין רוקן) איך גיי, זייט געזונט.

זי פאָרט לאַנגזאַם באַרג־אַרויף.

דער וואַנדערער הויבט זיך אויף, קוקט זיך אַרום. ס'איז שטיל און פינצטער. בלויז דאָס פייער באַם פישער'ס געצעלט באַלייכט דעם וועג אויף וועלכן עמא האָט זיך אוועקגעלאָזט מיט איר פערד. דער וואַנדערער וואַרפט פונאַנדער דאָס האָלץ און טרעט מיט די פיס אויף די גליענדיקע קוילן. דאָס פייער ווערט קלענער און טונקעלער.

עמאַ: (באַם באַרג)

— וואָס טוט איר? עס ווערט דאָך פינצטער.

דער וואַנדערער:

— פינצטער זאָל זיין.

עמאַ:

— איר זענט משוגע.

דער וואַנדערער קוקט זיך ניט אום. ער פאַרלעשט די לעצטע פונקען. עס ווערט פינצטער. אָבער ניט אויף לאַנג. באַלד באַווייזט זיך די פולע לבנה און באַלייכט דעם וועג באַרג־אַרויף.

עמאַ: (מיט נצחון)

— איך וועל שוין מיין וועג געפינען! . . .

זי טרייבט האַסטיק דעם פערד באַרג־אַרויף.